STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07167

# IN GAYST FUN DOYRES

Mordejai Herbst

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב מרדכי הערבסט

# אין גייסט פון דורות

•

בוענאָס־איירעס, ה׳תשכ״ט — 1968

מ י י ן  ט י י ע ר ן  פ אָ ט ע ר
ר׳ יוסף־אריי הערבסט נ״י —
דער וואָס האָט מיך דערצויגן
אין גייסט פון דורות — מיט
ג ר ו י ס ליבשאַפט געווידמעט

דער מחבר

# אינהאַלט:

זייט


פאָרוואָרט ........ 9

## ישראל־פּייסאַזש

פסח אין ישראל ........ 13
מערקווירדיקייטן פון ישראל ........ 19
די פיזיאָגנאָמיע פון ישראל ........ 25
יום העצמאות אין ישראל ........ 31
אייגנאַרטיקייטן פון ישראל ........ 37
תשעה באב אין ישראל ........ 43
דער צויבער פון ירושלים ........ 49
סוכות אין קרית־שמואל ........ 55
די פרייד פון אונדזער עצמאות ........ 61

## וועגן אונדזער שבת־יום־טובדיקייט

שבת — דער יידישער קען־צייכן ........ 69
ראש השנה — דער יום־טוב פון חשבון הנפש ........ 75
חנוכה — דער אויסדרוק פון עכטער יידישקייט ........ 81
בימים ההם בזמן הזה ........ 87
על הגבורות ........ 93
מצרים און עמלק — אַן אייביקע וואָרענונג ........ 97

## דער חותם פון ייִדישקייט


תשובה־שטימונגען ........ 105

ייִדישקייט — אונדזער הויפּט־שטרעבונג ........ 111

רעליגיעזע לערערינס ........ 117

ייִדישקייט, דורך מידות טובות ........ 123

קאַמף, אויפבוי און גייסט ........ 127

ייִדישקייט דורך אהבת ישראל ........ 133

כתר התורה ........ 139

לאָמיר געדענקען! ........ 143

יונגע כוחות ........ 149

אַן אמתער עונג־שבת ........ 155


## חינוך און לעבן


חינוך — אונדזער הויפּט געבאָט ........ 163

די גאָלדענע קייט ........ 169

דער נייער דור — אונדזער המשך ........ 175

חינוך, דורך אייגענעם ביישפּיל ........ 181

פון חינוך — צום ייִדישן לעבן ........ 187

די שול — אונדזער האָפענונג ........ 193

לאָמיר צינדן דאָס ליכט! ........ 199

# פ אָ ר װ אָ ר ט

אונדזער גאַנצע אָנשטרענגונג און אויפמערקזאַמקייט ליגט די לעצטע יאָרן אין ריכטן און אינספּירירן אונדזער ייִדיש לעבן אין גייסט פון דורות, אין דעם אומגעפעלשטן, עכטן אינהאַלט פון ייִדישקייט, בכדי ווייטער צו ציִען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער פאָלק איבער דער גאָרער וועלט.

אין דעם דאָזיקן זין זענען אַלע אונדזערע באַמיִונגען אָפּגעגעבן פאַרן נייעם אונטערוואַקסנדיקן דור, וואָס וועט דאַרפן פאַרנעמען דעם רודער פון אונדזער אומה, און איבערנעמען די טויזנטיעריקע ייִדישע טראַדיציע, אונדזערע קולטור־ווערטן און נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, און ווערן דערווירדיקער יורש פון אונדזער פאָלקס־עקסיסטענץ.

אויף צו פאַרפעסטיקן די דאָזיקע המשך־יסודות, נערט זיך היינט אונדזער גייסט פון דעם אינספּירירנדיקן ייִדישן הויפּט־צענטער, ווי דאָס איז מדינת־ישראל, פון וואַנען עס גייט־אויף דאָס העלע ליכט איבער אַלע ייִדישע ישובים, און וואָס איז דער שטאָלץ און דער וווּנדער פון דער ייִדישער היינטצייטיקייט. פון דאָרטן ווערט צעטראָגן איבער דער ייִדישער וועלט די פאָן פון אַן אייגנאַרטיקן ייִדישן לעבן, און שטעמפּלט־אָפּ מיטן ביישפּיל פון עכטער ייִדישקייט די ייִדישע געמיינדעס אין אַלע ייִדישע צעשפּרייטקייטן.

דער צעמענט וואָס האַלט אייניק און קאָנסאָלידירט די תפוצות־ישראל, איז די ייִדישע טראַדיציע, די ייִדישע ימים טובים, די געמיינזאַמע ייִדישקייט־פאָרמען, און דער אינסטרומענט דערצו איז דער ייִדישער חינוך פון דעם יונגן דור, וואָס פירט צו דעם אַריינרינגלען אונדזער יוגנט אין דער גאָלדענער קייט פון ייִדיש־

קייט, אין דעם אַריינפירן זיי אין די לאַבירינטן פון אונדזער לאַנ־
גער געשיכטע, און אין דעם איבערגיסן אין זיי דעם אַלטן ייִדישן
קולטור־וויין פון יאָרטויזנטער.

אין דעם דאָזיקן בייליגנדיקן בוך נעמען מיר אַריין אַ רייע
עסייען וועגן אָט־די דאָזיקע פראַגן, אָנפאַנגענדיק מיט די איינ־
דרוקן פון אונדזער באַזוך און אַריינבליק אין דעם לעבן פון אונ־
דזער טייערער ייִדישער מדינה, און ענדיקנדיק מיט דעם אייביקן
ייִדישן געבאָט פון ייִדישן חינוך, מיטן ציל אַז די דאָזיקע אַרבעטן
זאָלן מיטשטייערן צו פאַרפעסטיקן די יסודות פון אונדזער ייִדיש־
קייט, די צילן פון אונדזער חינוך, די צוגעבונדנקייט צו אונדזערע
נאַציאָנאַלע אידעאַלן, דאָס אַלץ אינספּירירט אין דעם מקורות־
דיקן און עכטן גייסט פון דורות.

# ישראל - פייסאזש

# פסח אין ישראל

ראש חודש ניסן בין איך אָנגעקומען קיין ישראל. די ערשטע וואָכן בין איך אַרומגעגאַנגען באַרוישט פון אַלץ וואָס איך האָב געזען און געהערט. עפּעס האָט זיך נישט געגלויבט אַז איך בין אין ישראל, ווי איך וואָלט גע־טראָטן אויף נישט קיין רעאַלער וועלט. חלום און וואָר זײַנען געווען אויס־געמישט.

אפשר איז דאָס אַ פּראָדוקט פון אַ יאָרנלאַנגער בענקשאַפט און דראַנג צו באַזוכן ישראל, פון וועלכן מען האָט אַזוי פיל געלערנט, געלייענט, גע־טראַכט און געהערט, צי פילײַכט איז דאָס אַ דאַנק דער קפיצת הדרך וואָס דער אַוויאָן מאַכט, און אין איין מעת־לעת גיט איר אַ שפּרונג אַריבער לענ־דער און קאָנטינענטן, און דאָס וואָס האָט אייך אויסגעוויזן ביז אַהער אַזוי אומענדלעך ווײַט, ווערט ווי דורך אַ צויבער־שטעקל לעבעדיקע רעאַליטעט, אַזש נישט צום גלייבן.

איז אַלץ וואָס מען זעט אין די ערשטע וואָכן בעתן ערשטן באַזוך אין לאַנד, קומט אײַך אויס עפּעס ווי נישט רעאַל, און איר פילט אַז איר קענט נישט באַנעמען ניכטער דיווירקלעכקייט נאָר איר זײַט ווי פאַרשיכורט און באַרוישט פון אײַערע איבערלעבונגען.

אין אַזאַ גײַסטיקן צושטאַנד האָבן מיר דורכגעמאַכט די ערב פסחדיקע וואָכן, און די הכנות צום ערשטן מאָל פײַערן פסח אין ישראל. מיר אָבסער־ווירן ווי עס גייט צו מיט די צוגרייטונגען צום יום־טוב, ווי ייִדן שטייען אין די שפּײַז־קראָמען און האַנדלען־אײַן מצות, ווײַן, פסחדיקע פּראָדוקטן, סײַ עסנוואַרג ווי אַנדערע פּראָדוקטן, אַ שטייגער פסחדיקער טואַלעט־זייף, פסחדיקער ציין־פּאַסטע אאַז״וו.

און איבערהויפט ציען אונדז צו די פאַרשיידענע אויפשריפטן אויף העברעיִש פון די פראָדוקטן.

למען האמת, דאָס וואָס האָט אונדז שטענדיק ווי געכישופט, פון אונ־דזער קומען ביז אונדזער אַוועקגיין פון לאַנד, זיינען געווען די העברעיִשע שילדן פון די פאַרשיידענע געשעפטן, די העברעיִשע אויפשריפטן אויף אַלערליי אויסאַרבעטונגען און פראָדוקטן פון לאַנד, וואָס האָט עפּעס אַרויס־גערופן אַזאַ חידוש און נײַגער. מיר וואָלטן געזאָגט, אַז די העברעיִשע בוכ־שטאַבן פון די פאַרשיידענע שילדן און פראָדוקטן זיינען עס דער שטעמפּל וואָס זיגלט אָז די ייִדישקייט פון דער מדינה, יעדנפאַלס אויפן ערשטן בליק, זײַנען עס דער אויסערלעכער מאַנטל פון ישראל.

און מיר זײַנען געגאַנגען און באַקוקט מיט תמימותדיקן נײַגער און קינ־דערישן חידוש ממש, ווי טאַקע מיט דעם פריידיקן וווּנדער וואָס רופט אַרויס בײַ אַ קינד בײַם אַנטדעקן אַ נײַע זאַך, אָט די פאַרשיידענע אויפשריפטן.

און מיט דעם זעלבן נײַגער האָבן מיר באַטראַכט אַלץ וואָס מיר האָבן געזען, פון דעם וויכטיקסטן ביז דעם קלענסטן און טעגלעכן. און אַלץ איז אויסגעקומען וויכטיק און חידושדיק.

אַזוי אויך האָט געגלעט אונדזער אויער דער העברעיִשער לשון. איבער־הויפט האָבן מיר אַנגעקוואָלן און פריידיק אויפגעציטערט ווען מיר האָבן געהערט די גאָר קליינע צבראַלעך, ווי זיי האָבן גערעדט, געשטיפט, זיך געקריגט אויף העברעיִש, מיט זייער כאַראַקטעריסטישן „ריש" און מיט זייער אייגנאַרטיקן טאָן, ווען זיי באַטאָנען געוויסע זילבן און ציִען אויס געוויסע ווערטער.

פּסח האָבן מיר פאַרבראַכט אין קרית שמואל, נעבן חיפה, אַ זייער חנעוודיק ייִדיש שטעטל וואָס ליגט קעגן דעם שאָסיי, עטלעכע גאַסן פאַרן ים־ברעג.

דאָס שטעטל איז געבויט אויף ערד פון קרן קימת און אויף רעליגיעז־נאַציאָנאַלע יסודות. קרית שמואל געהערט צום הפועל המזרחי, און די איינ־וווינערס באַקומען דאָרט אַ וווינונג בלויז נאָך דעם ווי זיי שרײַבן אונטער אַ קאָנטראַקט אַז זיי וועלן צווישן אַנדערן זיך צופּאַסן צו די רעליגיעזע עפּנטלעכע באַדינגונגען פון שטעטל, ווי: עפנטלעך נישט מחלל שבת זײַן

אַאַז״ו. ערב שבת ווערט טאַקע דער אַרײַנגאַנג אין שטעטל אָפּגעצוימט מיט אַ קייט, און קיין שום וועגענער צירקולירן נישט אַ גאַנצן שבת.

ס׳איז אַ שטעטל פול מיט שילן, פון די פאַרשיידענע עדות, און עס דוכט זיך אײַך אַז דאָס גאַנצע לעבן גייט דאָרט פאַרבײַ אין שיל.

קרית שמואל באַשטייט פון צוויי טיילן: די טייל פון די אַלטגעזעסע, און די טייל פון די נײַע עולים. אויסערלעך מערקט זיך דאָס גלײַך. די אַלט־געזעסענע באַוווינען יעדע משפחה אַ שטוב פאַר זיך, מיט אַ גערטנדל, און די טייל פון די נײַע עולים, ווו עס הייבן זיך אַרויס מאַיעסטעטישע בלאָקן, יעדער בלאָק באַשטייט פון פערציק דירות, אין וועלכע עס וווינען דורכ־שניטלעך אַ צוויי הונדערט נפשות.

אַז איר זיצט אויף אַ העכערן שטאָק, זעט איר פון איין זײַט דעם ים התיכון, וואָס איז דער בעסטער ווענטילאַטאָר אין די הייסע טעג, און פון דער אַנדערער זייט זעט איר פון דער ווייטנס די בערג, סיי צו דער זײַט פון חיפה ווי צו דער ריכטונג פון נצרת. אין די דורכזיכטיקע טעג זעען זיי אויס ווי טונקל־שוואַרצע אויסשניטן, אין די נעפּלדיקע טעג — ווי פאַרצויגענע דורך רויכיקע טומאַנען.

קרית שמואל פאַרמאָגט אויך אַ גרויסע שטאָטישע שול, וואָס פאַרנעמט דאָס אויג מיט איר אויסזען. גרויסע באַבלומטע און גראָזיקע גערטנער, ווי אויך אַ צעמענטענער פאַר־פּלאַץ רינגלען אַרום די שול וואָס הייבט זיך אויף איבער אַ סך טרעפּ. אינעווייניק רופט די אויפמערקזאַמקייט דער הערלע־כער הויכער מאַרמאָרנער אָרון־קודש וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון ווע־נעציע און וואָס איז שוין אַלט אַריבער צוויי הונדערט יאָר. דער אָרון־קודש איז דער שטאָט געשאָנקען געוואָרן דורכן רעליגיע־מיניסטעריום און איז אַ שם־דבר אין ישראל.

דער אויסזען פון דעם אַרויפגאַנג צום אָרון־קודש, איז גראַנדיעז. אויף די טרעפּ וואָס פירן צו אים שטעלן זיך אויס אַריבער צוואַנציק כהנים אַלע שבת צום דוכענען, און איבערהויפּט מאַכט אַן אײַנדרוק ווען דער גאַנצער עולם דאַוונער, אין באַשטאַנד פון עטלעכע הונדערט יידן, שטייען און זאָגן קדושה, ווערנדיק באַגלייט דורך דעם צווישטשען פון די פייגעלעך, וואָס זײַנען גאָר אָפטע געסט אויפן סופיט איבערן אָרון־קודש, און צעצווישטשען

זיך גראָד ביי קדושה אָדער „כתר", ווי זיי וואָלטן אויך מיטגעזונגען און אויסגעשווישטשעט זייערע פייגלשע תפילות צום איבערשטן.

מיר ווילן אײַנזאַפּן אַלץ וואָס מיר קענען נאָר און אַרײַנדריקן אין געמיט און זכרון אַלע מעגלעכע אײַנדרוקן וואָס לאָזן זיך נאָר פון אונדזער ערשטן באַזוך אין דער ייִדישער מדינה.

מיר פאַרצייכענען אין אונדזער געדעכעניש אַלע דערשײַנונגען פאַר אונדזערע אויגן, און מיר ווילן פאָטאָגראַפירן און אַרײַנזאַפּן אין אונדזער בליק און געהער וואָס מער. זינט מיר לעבן, האָבן מיר נאָך קיין מאָל אַזוי וויליק מאָביליזירט אַלע אונדזערע חושים, כדי אויפצוכאַפּן און פאַרפיקסירן דאָס געזעענע, דאָס געהערטע און דאָס איבערגעלעבטע.

פסח פילט זיך אין גאַנצן שטעטל, איבערהויפּט אין דער גרויסער שיל. מען זעט קאַראַוואַנען פון און צו דער שיל, ווײַל מען דאַוונט אין צוויי מנינים. דער ערשטער און דער צווייטער.

איבערהויפּט ווערט איר פאַרכאַפּט אינעווייניק אין שיל פון דער גרויסער צאָל דאַוונערס אין אַלערליי טראַכטן; מאָדערנע מזרחניקעס, באַשטרײַמלטע און באַקאַפּאָטעטע ייִדן, אַ ים מיט קאַפּעלעך און אַ וואַלד פון אַלע סאָרטן בערד: ווייסע, צעוואָקסענע, רויטע — צוגעשוירענע, שוואַרצע, בלאָנדע. די שטילקייט איז מוסטערהאַפט, בײַם דאַוונען צעוויגן זיך הונדערטער מענער און שאַפן אַ גראַנדיעזן תפילות־כאָר. איבערהויפּט רופן די אויפמערקזאַמקייט די כאָראַלע תפילות און ניגונים, וואָס ווערן אויפגעזונגען צוזאַמען מיט אַלט און יונג. איר ווערט אויך אַרייַנגערינגלט אין דעם הונדערטער שטימיקן כאָר. אַלטע ניגונים, וואָס זייַנען געלעגן אייַנגעגנורעט ערגעץ אין אייער זכרון זינט אייער פריסטער קינדהייט, שווימען פּלוצלינג אַרויס ניי־פרישע און היימישע, פון וועלכע איר הייבט אָן אָנצוקוועלן, ווי ביים באַגעגענען זיך מיט אַלט־באַקאַנטע און צום האַרצן נאָענטע זאַכן.

**איר פילט זיך גלײַך היימיש אין ישראל.**

וואָס עס פאַראינטערעסירט אונדז איז דער גרויסער געדרוקטער פּלאַקאַט אין שול־האָל און אויף די גאַסן, וואָס רופן שביעי של פסח, צום „שירת הים", צום מאַרש וואָס וועט אָפּגיין פון דער גרויסער שול שביעי של פסח בײַ נאַכט, נאָך דער דרשה פונעם שטאָט־רב, צום ים אַרײַן.

מיר זײַנען טאַקע פון די ערשטע צו קומען אין שול אַרײַן. די שול, העל באַלויכטן, ווערט אין עטלעכע רגעס איבערפולט. דער רב דערשיינט אויף דער בימה און האַלט אַ פײַערדיקע דרשה. ער באַטאָנט די מסירת־נפש פון די ערשטע חלוצים און פּיאָנערן פון לאַנד און רופט די עדה זיינע צו שטענדיקער מסירת־נפש פאַר ייִדישקייט. דער רב, אַן אָפּשטאַמיקער פון דער „חתם־סופר״־משפחה, איז נאָך אַ יונגערמאַן, אָבער ער ווערט געאַכטעט בײַ אַלעמען צוליב זײַן האַלטונג, זײַן אידלקייט. ווי אַ נוח לבריות, און דאָס שטעטל גיט אים אָפּ פאַרדינטן כבוד.

נאָך זײַן דרשה, לאָזן זיך אַרויס הונדערטער און הונדערטער מענער, פרויען, יוגנט, תלמידים פון דער היגער ישיבה תיכונית, וואָס נעמט אַרײַן בײַ די דרײַ הונדערט תלמידים; תלמידים פון דער ישיבה גבוהה, וואָס איז אַ נייער מוסד מיט אַ קוק אויסצובילדן כלי־קודש; תלמידים פון אַנדערע ישיבות וואָס זײַנען אויף פסח געקומען צו די עלטערן, און מען לאָזט זיך צום ים. די קאַראַוואַנע איז אַ לאַנגע, אַזש מיטן אויג קען מען זי נישט אויפכאַפּן אינגאַנצן, פאַר אײַך און הינטער אײַך זעט איר גאַנצע זײַלן פון ייִדן, אַזש ס׳דוכט זיך אַז אַזוי זײַנען ייִדן אַרויס פון מצרים און צוגעקומען צום ים.

די יוגנט טאַנצט אַ גאַנצן וועג, אַט קומען די טאַנצנדיקע קאַראַהאָדן צו אײַך און שפּרינגען גלײַך אָפּ. די געזאַנגען טראָגן זיך איבער צו די קאַראַוואַנען שפּאַנענדיקע און אַט זינגט שוין דער גאַנצער גייענדיקער עולם מיט, אַלע מאָל העכער און התלהבותדיקער. מיר טרעטן שוין שווערלעך. אויפן זאַמד בײַם ברעג פון ים, ווערט אַלע מאָל פײַכטער און דער וועג וואָס אַמאָל פינצטערלעכער. אַט קומען מיר צו צום וואַסער. די כוואַליעס זיינען טונקל־שוואַרץ און שטילע פליעסקען זיי זיך האַרט פאַר די פיס. מיר קוקן אויף דעם שטילן ים, און אונדזער פאַנטאַזיע טראָגט זיך אַריבער מיט טויזנטער יאָרן צוריק, און עס דוכט זיך אַז אַט וועט זיך דער ים שפּאַלטן און מיר זיינען עס טאַקע די יוצאי־מצרים. דאָ פילן מיר ווירקלעך אַז „בכל דור חייב אָדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים״. מיר הייבן אויף די בליקן און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ פאַנטאַסטיש הערלעך בילד. פון דער ווײַטנס, ליגט די שטאָט חיפה אײַנגעטונקען אין אַ ים פון

ליכט, אויף די אָפּהאַנגען פון כרמל־באַרג, און עס דוכט זיך ווי טויזנטער צעוויכטענע שלעסער שפּיגלען זיך אָפּ אין טונקעלן ים.

די שיינקייט פון בילד איז נישט צו באַשרײַבן. דאָס אויג קען זיך גאָר־נישט אָנזעטיקן מיט דער פּראַכט פון חיפהס נאַכטיקע שיינקייט.

און ווי מיר שטייען פאַרגאַפּט און קוקן זיך צו צום ליכטיקן בילד, דערהערן מיר פּלוצעם אין דער שטילקייט ביים ים, מיט אַ היימישן טראַפּ דעם שירת־הים, דעם „אָז ישיר״, אויפגעזונגען דורך מיין שוועד, דער לאַנגיאָריקער בעל־קורא אין אַרגענטינע, און אין ישראל, און דער גאַנצער עולם הערט זיך צו. די שטילקייט איז אַ געגנצלעכע. פון מאָל צו מאָל הערן זיך די כוואַליעס, וואָס קלאַפּן זיך אָן בײַם ברעג אין אַ ווײַס־לעכן שוים, ווי זיי וואָלטן מיטגעזונגען צום טראָפּ זייער שירה, די „שירת הים״.

פּלוצעם צעפלאַקערט זיך דאָ און דאָרט פײַערן וואָס די קינדער האָבן צעצונדן בײַם ים, און מען ווערט אָפּגעגאָסן מיט רויטלעכן שײַן.

און דאָ קומט ערשט די ענדע. איך ווייס נישט פון וואַנען, נאָר עס הייבט זיך אָן אַ טאַנץ אויפן פײַכטן זאַמד, מען צעזינגט זיך שטאַרקער און שטאַרקער, און נישט וויסנדיק און פילנדיק, זינג איך און טאַנץ אויך מיט, איך שוועב ממש אין דער לופטן. איך גיב אַ קוק בײַ מײַן זײַט. איך טאַנץ אַקסל ביי אַקסל מיטן רב און פון דער אַנדערער זייט מיט אַ בני־עקיבאניק. דער טאַנץ ווערט אַלע מאָל דבקותדיקער, מיר דרייען זיך וואָס אַ מאָל האַס־טיקער, און מיט אונדז דרייט זיך מיט די באַלויכטענע חיפה, ווי זי וואָלט מיט איר ליכט־ים אויך זיך באַטייליקט אינעם „שירת־הים״.

מיר קומען צוריק אין שטעטל אַרײַן, שוין שפּעט בײַ נאַכט. עס קומט אונדז אַנטקעגן דער באַזילבערטער טיף־בלויער הימל. עפּעס אויך דער הימל שײַנט אונדז צו זײַן פּסחדיק, יום־טובדיקער...

# מערקווירדיקייטן פון ישראל

פאַרשטענדלעך, אַז יעדער ייִד וואָס קומט קיין ישראל, איבערהויפּט דאָס ערשטע מאָל, אָנגעזאַפּט מיט ראָמאַנטיק, מיט בענקשאַפט נאָך ציון, מיט אַ לאַנג־געוואָרעמטן חלום פון זען דאָס לאַנד, פאַר וועלכן זיין האַרץ האָט שטענדיק וואַרעם געקלאַפּט, האָט וואָס צו זען, וואָס מיטצונעמען אין זיין געמיט און זכרון, מיט וואָס זיך צו באַגייסטערן אויף טריט און שריט, און וואָס צו האָבן צו דערציילן אויף לאַנגע יאָרן.

אַלץ איז ביי אים פאַרצויגן מיט אַ דיקן שלייער פון טיפע איבערלע־בונגען, איינגעצוירעטע געפילן, און אַזעלכער וועט שוין אין געדעכעניש האָבן אַ זאַפּאַס אויף אַ לאַנגער צייט. אָבער דאָס איז אין אַלגעמיין, און איבער די דאָזיקע איינדרוקן זיינען שוין געשריבן געוואָרן בערג מיט אַרטיקלען, לידער, אָפּהאַנדלונגען, רייזע־איינדרוקן און באַשרייבונגען. עס איז ממש פאַרגאָסן געוואָרן אַ ים מיט טינט איבער די פאַרשיידענע אָס־פּעקטן פון ישראל פון די טויזנטער באַזוכערס, אַזוי אַז וואָס מען זאָל נישט שרייבן, קלינגט עס שוין צו זיין באַקאַנט, הגם אויב נישט שטענדיק אַזוי געענוי ווי אַ פּאַריקע שילדערונג, אָבער דאָך היימיש און באַענט צום זיכרון, שטימט עס מיט עפּעס ענלעכס, וואָס מען האָט געלייענט אָדער געהערט.

אַזוי, אַז דאָ ווילן מיר בלויז איבערגעבן וועגן עטלעכע מערקווירדי־קייטן און צו מאָל אויסטערלישקייטן, וואָס הגם זיי טראָגן נישט קיין אַלגעמיינעם און „נאַציאָנאַלן" כאַראַקטער, אָבער זיינען ביז גאָר איב־טערעסאַנט און ניי, און לאָזן זיך געדענקען.

אָט למשל זיצן מיר פאַראַיאָרן אויפן גראַנדיעזן פּאַראַד פון יום

העצמאות אין חיפה, וואָס איז פאָרגעקומען לענגאויס דעם ים־ברעג, פון וועלכן עס בלאָזט נאָכאַנאַנד אַ הייסער זאַמדיקער ווינט (געווען איז עס גראָד דער ערשטער „כאַמסין" פון יאָר). די אויגן זיינען פאַרזאַמדיקט און פאַרווינטיקט, אין האַלדז דורשט און טריקנט, און מען קוקט־אויס דער פאַראַד זאָל זיך שוין אָנפאַנגען.

נעבן אונדז זיצט אַ ייִד וואָס איז שוין גראָד געווען אַ „מעטערעאָ־לאָג", הפנים פאַרויסגעזען די שטיקנדיקע היץ, דאָס דאַרפן וואַרטן וכדומה, און ער איז נישט געקומען „אַליין", נאָר מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גאַנצן פאָרטפעל מיט... צוויי וואַרעם־פלעשער מיט טיי און פרוכטן־זאַפט, און אַן „עוף". נעבן אים זיצט אַ דיקער „הער" און פאַררויכערט דערווייל אַ ציגאַר. מיין שכן מיטן פאָרטפעל נעמט זיך צו זיין סעודה, אָבער דערווייל פאַרגעסט ער נישט אין דעם „כל דכפין ייתי ויכול" און באַט־אָן דעם דיקן הער אַ פאַרציע עוף און טיי. יענער לאָזט זיך שטאַרק נישט בעטן, און באַט־אָן זיין מכנים אורח אַ „ציגאַר". ביים דערהערן דאָס וואָרט „ציגאַר", זאָגט שוין דער בעל־הפאָרטפעל, אַז ביי אים אין שטעטל, אין פוילן, פלעגט מען דאָס אויך רופן געננוי „ציגאַר". עס הייבט זיך אָן אַ קעגנזייטיקע אויספרעגעניש פון וואַנען מען שטאַמט, פון וואַנען מען קומט איצט, און עס ווייזט זיך אַרויס אַז דער, מיטן עוף, קומט פון אַמעריקע, דער מיטן ציגאַר — פון מינכען, דייטשלאַנד; און פלוצעם זע איך ווי דער לאָזט אַרויס דאָס שטיקל עוף פון האַנט, דער אַנדערער דעם ציגאַר — מען גיט זיך אַ כאַפּ אַרום, מען צעקושט זיך, מען שטיקט זיך פון טרערן, און איך זיץ און גאַף...

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך פינף און דרייסיק יאָר זיך נישט זען, האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי לייבלעכע שוועסטערקינדער, וועמען דער גורל האָט צעשיידט און פאַרטראָגן איינעם קיין אַמעריקע, דעם אַנדערן קיין דייטשלאַנד, און נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, האָבן זיי זיך דערקענט ביים „חי"־פאַראַד פון דער מדינה, אַ דאַנק אַ שטיקל עוף און אַ ציגאַר...

עפּיזאָד נומער צוויי: דאָס מאָל זיץ איך שוין נישט אויף קיין פאַראַד, נאָר אויף אַ פּאַסאַזשירן־אויטאָבוס. אַגב, קען אַ ישראל־אויטאָבוס זיין אַ קוואַל פון איבערלעבונגען און מערקווירדיקע געשעענישן.

ערשטנס: די אויפשריפטן אויף אַזאַ אויטאָבוס: צווישן די געווינט־

לעכע אויפשריפטן פון אַזאַ פּאַסאַזשירן־אויטאָבוס אויף דער גאָרער וועלט, „ספּעציפישע״ ישראל רעקאָמעדאַציעס, ווי אַ שטייגער „אסוד לפצח גרעינים״, פאַרבאָטן צו קנאַקן זון־קערנדלעך. דערביי מוז מען שוין זאָגן, אַז אין ישראל איז שטאַרק פאַרשפּרייט דאָס עסן זון־קערנדלעך. ערשטנס, זיינען די זון־קערנדלעך עפּעס אַזעלכע גרויסע, נאָך גרעסערע פון די מאָזעסווילער זון־קערנדלעך. וואָס מען קנאַקט אַזוי געשמאַק אויף דער דאָרטיקער „פּלאַסע״ אין די פרייטיק־צו־נאַכטן. אין אַ ישראל־אויטאָבוס קענט איר זייער אָפט זען אויף די דילן די שאָלעכלעך פון די געשמאַקע זון־קערנדלעך. יודעי דבר זאָגן, אַז דאָס געדולדיקע קייען די זון־קערנדלעך העלפט מיט צום „סבלנות״, צום געדולד וואָס איז אין ישראל כמעט דאָס ערשטע וואָרט און קלינגט ממש ווי אַ נאַציאָנאַלער „פּאַראָל״...

אין ירושלים האָב איך זיך אויף אַזאַ אויטאָבוס אָנגעטראָפן אויף אַן אויפשריפט וואָס האָט אַ גאָס־געטאָן מיט ייִדישער ספרימדיקער וואַרעמ־קייט איבערן האַרצן: „מפני שיבה תקום״, דער באַקאַנטער פסוק, וואָס מיר לערנען אין דער תורה: פאַר אַן אַלטן זאָלסטו זיך אויפשטעלן (דאָס הייסט, אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ).

קומט איין מאָל אַרויף אויף אַן אָמניבוס אַ חסידישער ייִד, מיט אַ לאַנגער באָרד און קאַפּאָטע, און באַצאָלט דעם נהג, דאָס הייסט, דעם שאָפער, פאַר אַ רייזע־בילעט. דערביי פאַלט ביי אים אַראָפּ אַ מטבע, דער „נהג״ מאַכט אים אויפמערקזאַם, כדי ער זאָל די מטבע אויפהייבן. אָבער דאָ קומט אַן ענטפער פון דעם ייִדן, וואָס נאָר אין ישראל קען מען דאָס הערן, און פון אַ שאַרפזיניקן חסידישן ייִד: — ווער בייגט זיך פאַר געלט!״...

ווידער אַ מאָל בין איך אַן עדות פון אַן אויסטערלישן פאַל. עס קומט אַרויף אויפן אויטאָבוס אַן אָריענטאַלער ייִד: אַזוי ווי אַלע פּלעצער זיינען פאַרנומען, מאַכט דער ייִד קיין סך שהיות נישט, און זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד, אין קאָרידאָר; דאָ לייִדיקן זיך אויס עטלעכע זיץ־פּלעצער. עס קומען דערווייל אַרויף פרישע פּאַסאַזשירן, און הייסן דעם ייִדן זיך זעצן אויף אַ באַנק, און זיי במחילה, לאָזן אַדורכגיין דעם קאָרידאָר, ווו ער זיצט. אָבער דער ייִד רירט זיך נישט. ער וועט נישט זיצן אויף אַ באַנק. ער איז עס גאָרנישט געוווינט. עס הייבט זיך אָן אַ אַמפּערניש, אַ

שפּאַרעניש, אַ שרייעניש. און דער סוף איז געווען: עטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן דעם יידן אַראָפּגעטראָגן און אים אַוועקגעזעצט אויפן גאַסן־ראַנג...

אַן ענלעכער פאַל איז אויסגעקומען אין אַ מאָדערנער ישיבה, גע־בויט פון אַ באַקאַנטן ענגלישן פילאַנטראָפּ. עס קומט אַריין זייער אַן עלעגאַנט געקליידטער אָריענטאַלישער ייד. ער וואַרט אויפן ראש־ישיבה, ער זאָל אים אויפנעמען. אָבער אַזוי ווי דער ראש־ישיבה איילט זיך הפנים נישט, און דער עלעגאַנטער הער ווערט שוין מיד, בעט ער ביי קיינעם נישט קיין דערלויבעניש, און גיט זיך אַ זעץ אַוועק אויפן דיל, און וואַרט ווייטער...

אַן אַנדערש מאָל איז מיר שוין אויסגעקומען, אויפן אויטאָבוס וואָס פאָרט איבערן כרמל־באַרג, בייצוזיין אַ ביז גאָר אויסטערלישן און פאַר מיר נייעם פאַל. ביי אַ ראָג שטעלט אָפּ דעם אויטאָבוס אַ מיטליעריקע פרוי, זי באַצאָלט פאַר אַ רייזע־בילעט, שטעקט אַריין דעם בילעט אין דעם מויל פון איר גרויסן וואָליקן הונט. די טיר פאַרמאַכט זיך, די דאַמע בלייבט אויף דער גאַס, דער הונט מיטן בילעט אין מויל בלייבט אויפן אויטאָבוס, גייט און זעצט זיך נעבן אַ דאַמע, ביי אַ פענצטערל, פאָרט אָפּ אייניקע סטאַנציעס, און ביים צוקומען צו זיין סטאַנציע, שטייגט ער אַראָפּ, אַזוי באַלעבאַטיש־פיין, להבדיל, אויף אַלע דערצויגענע מענטשן געזאָגט געוואָרן, און לאָזט מיך אַ היפשע ווילע מיטן אַן אָפן מויל...

איך טראַכט דערנאָך: צו וואָס דאַרף אַ שרייבער זיך מאַטערן אויף צו זוכן אינטערעסאַנטע טעמעס, זאָל ער פשוט זיך אַוועקזעצן אויף אַ ישראל־אויטאָבוס, איז ער שוין פאַרזאָרגט מיט טעמעס אויף אַ גאַנץ לעבן...

גיי איך טאַקע אַראָפּ, סוכות־צייט, פון אַן אויטאָבוס נעבן דער גרוי־סער שיל אין חיפה, דערזע איך פאַר מיר ווידער אַ מערקווירדיק בילד: אויפן טראָטואַר שטייט אַ קליינע סוכה, געמאַכט פון זעק, אינעווייניק שטייען צוויי גרויסע צוואַקסענע יונגע חסידישע יינגלעך, מיט ברייטע קאַפּאָטעס און רונדע היט, די ווייסע פנימער באַזוימט מיט רויטע, צע־וואַקסענע בערד, האַלטן לולבים און אתרוגים. אויף דער סוכה אין דרויסן הענגט אַ גרויסער פּלאַקאַט: „צעירי חב״ד מזמינים אותך לקיים מצוות־לולב״ די יונגע ליבאַוויטשער חסידים לאַדן אייך איין מקיים צו זיין די מצווה פון בענטשן אתרוג, און אויפן טראָטואַר שטייען טאַקע נאָך צוויי

און כאַפּן־אָן יעדן פאַרבייגייער, און באַטן אים אָן אַריין אין סוכה מקיים צו זיין די מצווה פון אתרוג־בענטשן. איך שטעל זיך אַוועק אויפן אַנט־קעגנאיבערדיקן טראָטואַר, און זע ווי די יינגלעך זיינען עס מצליח אין זייער אָריגינעלן „קאַמפּיין". זיי „כאַפּן" ייִדן פון אַלע זייטן, פרומע, פרייע, און זיי לאָזן זיי שוין נישט אַרויס קיין אומגעבענטשטע. אדרבא: פון דער קליינער זאַק־סוכה גייען אַלע מאָל אַרויס גליקלעכע ייִדן, ווי נאָכן אויפטאָן אַ גראַנדיעזע זאַך, באַשמייכלטע און צופרידענע, אַז עס כאַפּט אַזש אַ חשק אויך צו בענטשן, אַפילו צום צווייטן מאָל...

און באַרירנדיק אַ צווייטן אַספּעקט, די ביכער־ און ספרים־וועלט, טרעף איך זיך אָן אויף אַן אייגנאַרטיקן אויפשריפט אויף אַ סך ספרים,ביים שער־בלאַט: געדרוקט אויף פּאַפּיר וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן און געדרוקט געוואָרן אָן שום חילול־שבת...

אָבער נישט נאָר רופט מיין אויפמערקזאַמקייט די גייסטיקע מאָמענטן, נאָר אויך די סאָציאַלע; דער אַרבעטער־קלאַס:

דערציילט מיר שוין דערביי מיין שכן אין שיל, אַ „ותיק" אין ישראל, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד און געאַרבעט ביים שאָסיי, צווישן דייטשע ייִדן, אַרבעטערס, הערט ער זיך איין אַזאַ דיאַלאָג צווישן צוויי „אַרבעטער", וואָס דערלאַנגען זיך ציגל און ליים צו בויען:

— „ביטע שען, הער דאָקטער".

— „דאַנקען שען, הער אינזשעניער".

לייכט זיך אָנצושטויסן, אַז די קוואַליפיצירטע „שאָסיי־אַרבעטער" זיינען געוועזענע דאָקטוירים און אינזשעניערן אין דייטשלאַנד...

און אַז מען רעדט שוין פון די מדינה־בויערס וועלן מיר דערמאָנען אַ צווייטן סאָרט „בויער". קומט איין פרימאָרגן אַריין אין דער יאַטקע פון שטעטל אַ דיקער ייִד פון דער אַרגענטינער פּראָווינץ, וואָס איז געקומען צום ערשטן מאָל אויף אַ באַזוך אין לאַנד. דער קצב דערפרייט זיך שטאַרק, מיינענדיק אַז ער באַקומט שוין אַ נייעם קליענט. די עטלעכע אַרגענטינער וואָס געפינען זיך גראַד אין דער יאַטקע דערפרייען זיך צו טרעפן זיך מיט זייערס אַ „פּאַיסאַן" פון אַרגענטינע. מען פרעגט אים צי ער איז זיך געקומען באַזעצן, און צי וועט ער קומען שטענדיק קויפן כשר פלייש.

אָבער דער ייִד, אַפּנים אַ שטאַרק פאַרוואונדערטער פון דער פראַגע,

דערקלערט, אַז נישט ער קומט קויפן פליש, נישט ער קומט זיך באַזעצן, נאָר דאָס מאַכט ער אַ שפּאַציר, אַזאַ מין „אינספּעקציע״־שפּאַציר איבער די קראָמען און אינסטיטוציעס פון שטעטל, ווי אויך איבער אַנדערע טיילן פון דער מדינה, צו זען אויב דאָס געלט וואָס ער זאַמלט שוין אַזוי פיל יאָרן פאַרן קרן קימת אין זיין אַרגענטינער פּראָווינץ־שטאָט, ווערט טאַקע פאַרווענדט אין קאָנסטרוקטיווע, פּאָזיטיווע צוועקן, און צי האָט זיך גע־לוינט זיין יאָרנלאַנגע מי און אָנשטרענגונג לטובת דעם אויפבוי פון דער מדינה...

פאַרשטייט זיך, ליבער לייענער, אַז מיט די געציילטע עפּיזאָדן שעפּט זיך נאָך נישט אויס די איבערלעבונג פון אַ ייִד וואָס קומט צום ערשטן מאָל אויס צו זען אונדזער טייערע ייִדישע מדינה. מסתמא וועט נאָך אי״ה אויסקומען אַ סך מאָל זיך צו טיילן מיט די איבעריקע איינדרוקן. איך האָב נאָר געוואָלט, בייטראָגן מיט אַ ביסל מערקווירדיקייטן פון ישראל, וואָס הגם זיי בילדן נישט גיין גרויסע און נאַציאָנאַל־מאַכנדיקע עפּיזאָדן, זיינען זיי עס דאָך די טעגלעכע חן־שטריכן פון דער שיינער און בונטפאַרביקער פיזיאָגנאָמיע פון מדינת ישראל.

# די פיזיאָנאָמיע פון ישראל

די פיזיאָנאָמיע פון ישראל, דאָס הייסט, סיי איר געאָגראַפיש פנים ווי איר גייסטיק געזיכט, איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע און אַ בונטפאַרביקע. אָט, למשל, בעת אין אונדזער גרויסער אַרגענטינע קענט איר פאָרן שעהן גאַנצע און זען בלויז איין פּאַנאָראַמע, ווי עס ציִען זיך נאָכאַנאַנד פעלדער און אָנטרעפן זיך פּאַשעגדיקע קי, איז אין ישראל דער אויסבליק אַ זיך טוישנדיקער. איר קענט פאָרן און אויגנבליקלעך זען ווי עס טוישן זיך אין עטלעכע מינוטן רייזע — פעלד און באַרג, וואַלד און טאָל. עס דוכט זיך אייך ביים פאָרן, אַז עס גייט דורך די לאַנדשאַפט ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, ווי ישראל וואָלט געווען אַ מיניאַטור פון אַ סך לאַנדשאַפטן, אַזאַ מין סינטעז פון אַ סך געאָגראַפישע און טאָפּאָגראַפישע פאַרשיידנ־קייטן, וואָס האַלטן זיך אין איין בייטן, און וואָס כישופן דעריבער אייער אויג און פאַנגען אייער געמיט.

דאָס איז נישט קיין מאָנאָטאָן בילד, וואָס ציט זיך, ווי אין די גרויסע לענדער, נאָר אייער אויג קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט די פאַרשיידענע געאָגראַפישע ניואַנסן פון דעם לאַנד־אויסבליק.

אַזוי אויך דאָס געזיכט, און די גאַלעריע פון מענטשן: שטעלט זיך למשל אַוועק אין אַ פאַר נאַכט אויף אַ ירושלימער צענטער־גאַס און אָב־סערווירט בלויז די פאַרבייגייענדיקע, וועט זיך פאַר אייך אַנטפּלעקן אַ וווּנדערבאַרער מענטשן־פּייסאַזש פון צענדליקער כאַראַקטעריסטישע טיפּן: בערד און פּיאות, אין פאַרשיידענע שאַטירונגען: בלאָנדע, רויטע, שוואַר־צע, ווייסע, גרויסע, קליינע, צוגעשוירענע, ברייט־צעוואַקסענע, קודלעוואַ־טע, אַרונטערגעקעמטע, אַרונטערגעשאַרטע. ווידער קוקט זיך צו צו די פאַרשיידענע קאַפּאָטעס: שוואַרצע, גרויע, אַטלעסענע, זיידענע, ברוינע,

גלאַטע, געשטרייפטע! אַט קומט איך אַן אַנטקעגן אַ חסידישער בחור מיט די הויזן אַריינגעטאָן אין די זאָקן, מיט אַ גרויסן רונדן שוואַרצן קאַפּעליוש, און אַט לויפט־אַן אַ מאַן מיט אַ צעבראַסטעט ווייס העמד, אַן אַ קאַפּ־צודעק.

דאָס איז אַ געמיש, ממש אַ געווירבל, פון פנימער, פון פאַרשיידענע טראַכטן, פאַרשיידענע עדות, שפּראַכן מנהגים, אָפּשטאַמען.

אַ ים קאָנטראַסטן; פרום און פריי, צניעותדיק און לויט דער מאָדע, פאַרפרומט און פאַרוועלטלעכט, און איבער אַלץ דער חן פון ישראל, פון דער אייגנאַרטיקער פּאַנאָראַמע פון ייִדישן לאַנד, ווי עס דריקט זיך אויס דער תהילים־דיכטער: „יפה־נוף, משוש כל הארץ", די שיין־לאַנדשאַפט, די פרייד פון דער גאַנצער ערד.

קענט איר דעריבער טרעפן אַ רעליגיעזן שטעטל, וואָס איז פאַרצוימט מיט אַ קייט, בכדי עס זאָלן שבת נישט אַריינפאָרן קיין אויטאָמאָבילן, און אַנטקעגן איבער, פון דער אַנדערער זייט וועג — אַ הייננטוועלטיק שטעטל, וווּ די איינוווינערס פאָרן אום שבת, בעת דאָס פרומע שטעטל פון קעגנאיבער איז אַריינגעטאָן אין תפילה און תורה, קענט איר זיי טרעפן גיין אָדער פאָרן אויף די ביציקלעטן אין די פּליאַזשע־קליידער „לעיני כל ישראל"...

דאָס לאַנד מאַכט אויך גלייכצייטיק דעם איינדרוק, אַז עס איז גרויס און עס איז קליין.

איך געדענק שטענדיק מיט אַ שמייכל, יענעם רעדנער, אַ באַקאַנטער פירער פון אַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פון זיין אָקערשטיקן באַזוך אין ישראל. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, פלעגט רעדן לאַנג. ווינציקער פאַר אַ שעה אַנדערהאַלבן פלעגט עס ביי אים נישט גיין ביי אַן עפנטלעכן אויפטריט. האָט ער אָנגעפאַנגען זיין רעפעראַט וועגן ישראל מיט די ווערטער:

מיינע ליבע פריינד, אויב איר מיינט אַז ישראל איז אַ קליין לאַנד, האָט איר אַ טעות. איר קענט פאָרן און פאָרן שעהען און שעהען און עס נישט אויספאָרן.

נאָכן אָפּרעדן אומגעפער אַריבער אַ שעה צייט, און פאָרן ענדיקן, האָט ער אָפּנים אַליין פאַרגעסן דעם אָנהייב, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

ישראל, דאָס איז אַ מחיה: איר נעמט פֿאָרן אויף אַ ביציקלעט, און אין האַלבער שעה זייט איר אויסגעפֿאָרן גאַנץ ישראל...

און ס'איז אפשר דיווירקלעכקייט אַליין. פֿון איין זייט האָט איר דעם איינדרוק, אַז דאָס איז זייער אַ גרויס לאַנד, ווייל די פּייסאַזשן בייטן זיך גאָר אָפֿט. צווייטנס: זעט איר נאָך געגוג אומפֿאַרבויטע פּלעצער. דריטנס: בויט מען גאַנצע בלאָקן הייזער, ווו אין אַזאַ איינצלנע שטוב, וואָלטן זיי פֿאַרנומען גאַנצע געגנטן. אַזוי, אַז אויף דעם דאָזיקן סיסטעם פֿון וווינונג־בלאָקן, קען מען זיכער אַריינגעמען קיין ישראל דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק. ווערן אַזוי אַרום קליינע געאָגראַפֿישע שטחים גרויס פֿאַר דער וווינער־שאַפֿט, צוליבן אופֿן פֿון בויען.

אַזוי ווי די לאַנדשאַפֿט איז אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע, באַצויבערט זי. אָט למשל נעמט חיפה: פֿאַרמאָגט זי גלייכצייטיק באַרג, ים און וואַלד, און ווען איר קוקט זיך צו פֿון שפּיץ כרמל, די גאַנצע פּאַנאָראַמע פֿון געבערג, פֿון שיפּועדיקע אַראָפּהאַנגען, פֿון וואַלד־גרינקייט און פֿון ים־בלויקייט, האָט איר פֿאַר זיך יענע נישט געאַנטע און אַפֿילו נישט באַמאָלענע קאָלירן־שיינקייט און פֿאַרבן־שפּיל, וואָס ליגט אויסגעגאָסן ווי אויף דער האַנטפֿלאַך, ווי דאָס שענסטע אַרומנעמענדיקסטע בילד, געמאָלן נאָר פֿון דעם גרעסטן וועלט־קינסטלער ווי דאָס איז דער איבערשטער אַליין. איר האָט נאָך קיין שום מענטשלעך געמעל, ווי מייסטערהאַפֿט עס זאָל נישט זיין, נישט געזען פֿון אַזאַ קוואַליטעט, פֿון אַזאַ באַצויבערנדיקער קראַפֿט און פּראַכט, ווען עס צעצינדן זיך טויזנטער צעפֿינקלטע ליכטער, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין טונקעלן ים־שפּיגל, און איר האָט דעם איינדרוק, ווי דאָס איז אַ פֿאַנטאַסטיש־אילומינירטע דעקאָראַציע, בלייבט איר אויפֿן זעלבן כרמל־שפּיץ פֿאַרבליפֿט פֿון דער אומבאַשרייבלעכער שיינקייט און פֿאַר־כישופֿנדיקער פּראַכט.

אַזוי איז דאָס גייסטיק לעבן אַ מיניאַטור פֿון פֿאַרשיידענע עדות און זיטן, פֿאַרשיידענע תפוצות וואָס גיסן זיך צונויף אין דעם ישראלדיקן קעסל.

קענט איר אין אַ זומערדיקער נאַכט, ווען די פֿענצטער זיינען אָפֿן, הערן פֿאַרשיידענע נוסחאות פֿון קבלת־שבת, אויף אַשכנזיש, מיט דער

ספרדישער הברה, חסידישע ניגונים, אָריענטאַלע כּאַרכלדיקע געזאַנגען, אַלט־היימישע אייראָפּעיִשע ניגונים, תּימנער קלאַנגען אאַז״וו.

אָדער הערט אויף דער ישׂראל־ראַדיאָ יעדן פריטיק נאָכמיטיק ווי עס זיינען „מעביר סדרה״ די פאַרשיידענע עדות.

און ווידער מערקווירדיק: אין אַ היימישער שיל האָט דאָס רעליגיע־מיניסטעריום געשאָנקען אַ שטיינערנעם בעלעמער אָדער אָרון־קודש פון אַ ספרדישער קהילה פון איטאַליע פון אַריבער צוויי הונדערט יאָר צוריק, און דווקא דאָ ווערט אויפגעהיטן מיט ערעפורכט דער אָנדענק פון דער דאָזיקער קהילה, וואָס געפינט דאָ־הי ווייטער די פאָרזעצונג פון דעם איבערגעריסענעם ייִדישן לעבן פון דער דאָזיקער אייראָפּעיִשער קהילה.

אַגב: איז ישׂראל די איינזאַמלונג און פאַראייביקונג פון די תּפוצות ישׂראל. שוין נישט רעדנדיק פון טויטער פאַרשניטענער ייִדישקייט, ווי דאָס איז דער צענטער פון „יד ושם״, וואָס פאַראייביקט דעם ייִדישן חורבן און גבורה, אָדער דער באַרג ציון, ווו עס געפינען זיך די אָנדענק־שטיינער נאָך די פאַרשניטענע קהילות אין אייראָפּע, נאָר אויך די פאַר־אייביקונג פון לעבעדיקן ייִדן פון די תּפוצות, וואָס מיט זייער הילף און ברייטהאַרציקייט שאַפן זיי זיך אַן אייביקן מאָנומענט אין דעם ייִדישן לאַנד.

געוועג אָנצווייזן, אַז די כּנסת־געביידע, דער ייִדישער פּאַרלאַמענט, איז אַ געשאַנק פון דער מאַדאַם ראָטשילד. געוועג אָנצווייזן אַז די פּרעכ־טיקע אָריגינעלע געביידע פון „היכל שלמה״, מיט איר גרויסאַרטיקן זאַל פאַר כּינוסים, תּנ״ך־קאָנקורסן און קאָנפערענצן, מיט איר קליינע אָבער טיפּיש־שיינער שיל, ווו עס געפינט זיך דער אָרון־קודש פון רמח״ל און די קאָלירפולע וויטראַזשן מיט דער עסענץ פון ייִדישקייט, געמאָלן דורכן ברודער פון הרבנית הערצאָג, מיט די מאַרמאָרנע דורכגענג, מיט די ביוראָען פון דער רבנות הראשית און די טעראַסע, פון וועלכער איר זעט גאַנץ ירושלים, איז אַ געשאַנק פון סער וואָלפסאָן פון ענגלאַנד.

אַזוי ווערן צונויפגעגאָסן די תּפוצות מיט דער מדינה. דורך אָריינ־לייגן אַ טייל געלט און מי אין דעם ייִדישן באָדן. דאָס שאַפט די ראָם פון אייביקייט פאַר די נדבנים גופא. אָט למשל, בויט איצט דאָס חנעוו־דיקע שיינע און ייִדישלעך שטעטל קרית־שמואל, נעבן חיפה, צוויי פּרעכ־

טיקע שילן פאַר דער גרויסער צאָל עולים, אַ טייל פון רומעניע און אַ טייל פון אונדזערע מקומות, און היות ווי עס איז זיי נישט מעגלעך אָנצוגיין מיטן פאַרענדיקן דעם אויפבוי פון די בתי־תפילה ווו עס דאַווענען הונדערטער מתפללים, זוכן זיי אַ נדבן פון אונדזערע געגנטן, וואָס זאָל וועלן פאַראייביקן זיין נאָמען אין אַזאַ הייליק אָרט און אַזאַ לויבנסווירדיקן צוועק, און גלייכצייטיק דערמיט ווערן אַ שותף צו דעם גייסטיקן לעבן און פיזיאָנאָמיע פון ישראל.

און עס איז דאָך בפירוש אַ מצווה און גלייכצייטיק אַ וויטזעעווודיקייט דאָס אינוועסטירן אין ישראל, ווייל דאָס בלייבט דאָך ביי אונדז.

לערנען מיר דאָך טאַקע היינטיקע וואָך, אַז סיי יעקב אָבינו ווי יוסף הצדיק האָבן געבעטן מען זאָל ברענגען זייער געביין קיין ישראל, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז בלויז דאָרטן, אין ישראל־באָדן, וועלן זיי בלייבן אייביק.

דעריבער ווערט וועגן אונדזערע אָבות געשריבן אין דער תורה „ויאסף אל עמיו", און זיי זיינען איינגעזאַמלט געוואָרן אין זייער פאָלק", און נישט אַז זיי זיינען געשטאָרבן. ווייל ווען זייערע מעשים און אויך זייער גוף ווערן איינגעזאַמלט אין זייער פאָלק און לאַנד, דאַן איז „יעקב אָבינו לא מת", איז ער נישט געשטאָרבן, נאָר איז געבליבן איינגעזאַמלט אין זיין פאָלק.

די היינטיקע ישראל איז טאַקע אַ לעבעדיקע איינזאַמלונג פון פאַרשיידענע עדות, מנהגים, טיפּן, אַ מיזוג־גלויות, אַ גייסטיקער שמעלץ־טאָפּ, און איז אויך די שיינע לאַנדשאַפטלעכע איינזאַמלונג פון דער ישראל־געאָגראַפיע, וואָס צייכנט אָן איר פיזיאָנאָמיע מיט די שטריכן פון יידישן חן און שטעמפּלט זי אָפּ מיט דער ספּעציפישקייט פון איר יידישן פנים.

איז זי דעריבער די צוציִונג פון יעדעס יידישע האַרץ אויף דער וועלט, און די איינזאַמלונג פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן פון דורות, ווי אויך די פאָדעם־פאַרבינדונג פון איר ישוב מיט די ברידער און שוועסטערס פון אונדזער אומה אויף דער גאָרער וועלט.

# יום העצמאות אין ישראל

די עטלעכע וואָכן פאַר יום העצמאות וואָס מיר זיינען אָנגעקומען קיין ישראל, זיינען מיר געווען ווי פאַרשיכורט פון אַלץ וואָס מיר האָבן געזען. דער געדאַנק האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צוגעוווינען אַז דאָס איז רעאַל. אַז דאָס, וועגן וועלכן מען האָט אַזוי פיל געהערט און געלייענט, געשטרעבט און געחלומט צו זען, שטייט טאָקע פאַר אונדזערע אויגן און איז אַ קאָנקרעטע ווירקלעכקייט.

מיר האָבן אַדורכגעמאַכט די פסח־פייערונגען און נאָך דעם זיך באַ־טייליקט אויפן גרויסן מאַסן־אַקט געווידמעט דעם געטאָ־אויפשטאַנד, אין דעם קיבוץ לוחמי־הגיטאות, פון די געטאָ־קעמפערס, אין זייער גראַנדיעזן אַמפיטעאַטער, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פינף און צוואַנציק טויזנט ייִדן, פון דעם כנסת־פרעזידענט, פירערס פון ישוב, ביז אומצייליקע קינ־דער פון די קיבוצים.

אַלץ וואָס מיר האָבן געזען און איבערגעלעבט איז געווען פאַרכאַפּנדיק און געלאָזט אומאָפּמעקבאַרע שפּורן אויפן געמיט.

אָבער זינט דעם ערשטן מאָמענט וואָס מיר האָבן באַטראָטן די ישראל־ערד, האָבן אונדז אונדזערע באַגלייטערס נאָכאַנאַנד אַלץ געהאַלטן אין איין זאָגן: דאָס וואָס איר זעט איז אַלץ גאָרנישט, אין פאַרגלייַך מיטן יום העצמאות־פּאַראַד וואָס איר וועט זען אין חיפה לכבוד דעם 18טן יום העצמאות, כמנין „חי“.

אַזוי, אַז די גאַנצע צייַט האָבן מיר געלעבט אין איין דערוואַרטונג, ציילנדיק שוין די טעג וואָס פעלן צום גרויסן פּאַראַד, און צו קענען זען דאָס לאַנד אין מאָמענט ווען עס פייַערט דעם שפּאָגל־נייַעם נאַציאָנאַלן יום־טוב.

פאַר אַ ייִדן וואָס קומט פון גלות, און איבערהויפּט דאָס ערשטע מאָל צו זען די מדינה, דוכט זיך אים ווי ער וואָלט געשוועבט אין די ספערן פון ייִדישער געשיכטע. אַלץ ווערט בײַ אים פאַרבונדן מיט אַנטיקייט, מיט אַ פּסוק פון חומש, מיט אַ נאָמען פון תנ"ך, מיט אַן אָנונג פון דורות, ווי דאָס גאַנצע לאַנד וואָלט געווען איין גרויס געוועב און געפלעכט פון תהילים און חומש צוזאַמען, מיט משנה און גמרא, מיט אַגדה און מדרש.

זיכער לעבן דאָס אויך איבער די אַלט־געזעסענע, אָבער מיט אַ צוגאָב פון אַ נײַ קאַפּיטל געשיכטע, וואָס אונדז איז עס אפשר נאָענט פון לייע־נען און הערן, אָבער וואָס זיי טראָגן עס טיף פאַרנורעט אין האַרצן, און צונויפגעשנירלט אין זייער גאַנץ וועזן און נשמה.

יעדער טריט און שריט איז בײַ זיי נישט נאָר אַן אַסאָסיאַציע פון אַלטער טויזנטיעריקער געשיכטע, נאָר פון די געשעענישן פון די לעצ־טע יאָרן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט ווונדן, אומפאַרהיילבאַרע, און אַלע שטעגן פון לאַנד זײַנען פאַרגאָסן מיטן געוויין און מיט דער געדעכעניש פון נישט־לאַנג פאַרלאָפענע געשעענישן.

גיי איך אויף אַ גאַס מיט אַ באַקאַנטן, ווײַזט ער מיר אַן אַז דאָרט איז געפאַלן אין עצמאות־יאָר, אין ה'תש"ח, יענעמס זון דורך אַ גראַנאַט.

קום איך, אַ שטייגער, אַהיים פון מיין ערשטער רייזע קיין ירושלים, און איך דערצייל אין מײַן משפחה־קרײַז מיט באַגײַסטערונג וועגן דער שיינקייט פון דעם וועג וואָס פירט קיין ירושלים, וועגן דעם צויבער פון די בערג און בערגלעך ,וואָס זײַנען די הקדמה צו דער אייביקער און הייי־ליקער עיר־דוד, רופט זיך אָן מײַן מומע, אַז שוין לאַנג וואָס זי פאָרט נישט קיין ירושלים, און אַז אָט־דער דאָזיקער וועג וואָס איך שילדער מיט אַזוי פיל אַנטציקונג איז איר גאָרנישט צום האַרצן. איך קוק איר אָן דער־שטוינט, ווייל איך קען זי ווי אַ באַגייסטערטע ישראל־תושב, וואָס איז גע־קומען אַהערצו אַלס גאָר אַ יונג מיידל, האָט דאָ דורכגעמאַכט דעם חלוצישן וועג און אידעאַל, און פון וועמעס ליפּן עס גייט גאָרנישט אַראָפּ די לויב און בעטשונג פאַר דער מדינה.

זעענדיק מײַן פאַרוווּנדערונג, גיט זי גלײַך צו:

ירושלים איז מיר זיכער הייליק און טײַער, אָבער דער וועג קיין

ירושלים ברענגט מיר נישט קיין גוטע דעראינערונגען. אין יאָר ה׳תש״ח זײַנען דאָרטן אויפן וועג געפאַלן זייער אַ סך פון אירע בעסטע קאַמפּס־חברים, אין פאַרטיידיקונג פון לאַנד.

אָדער אַז איר קומט אין די שולן יום־טוב, און בײַ אַזכרת נשמות הערט איר די לאַנגע רשימה פון די היימישע געפאַלענע יונגע זין און טעכטער פון די מתפללים, דאַן זעט איר און פילט, אַז ישראל, איז נישט נאָר אַ שטיק אַלטע געשיכטע, נאָר אַ נאָר וואָס אויסגעקעמפט שטיק הערלעך, אַ בלוטיקע וווּנד פון דעם ישוב, וואָס האָט טאַקע אונטערגע־טראָגן אויפן מזבח פון זייערע ליבסטע און טײַערסטע קרבנות די עצמאות, די זעלבשטענדיקייט פון לאַנד.

און רירנדיק איז צו הערן שפּאַן אויף שפּאַן פון מויל פון די „ותיקים״, דאָס הייסט, די אַלט־געזעסענע איינוווינערס פון לאַנד, ווי זיי רעדן וועגן „זייער״ לאַנד.

זאָגט מיר טאַקע די זעלבע מומע:

— אַך, מרדכי, וואָס ווייסטו וואָס איך פיל אַלע מאָל, אַלע רגעס ווען איך גיי אין גאַס. יעדעס גרעזל איז דאָך מיר באַקאַנט. איך פיל צו דער מדינה די ליבשאַפט פון אַ מאַמען, ווי די מדינה וואָלט מיר געווען אַ קינד אין אייגנס, ווי איך וואָלט עס אויפגעצויגן. ווײַל מיר האָבן דאָך טאַקע זי אויפגעצויגן, געקעמפט און דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס ביז מיר זעען עס אַזוי בלי׳ען און וואַקסן.

און זײַענדיק די גאַנצע צײַט אין לאַנד, און שמועסנדיק מיט די „ותיקים״ האָב איך טאַקע געפילט ווי ס׳איז מיר צוגעקומען נאָך אַ תורה צו די וואָס מיר לערנען. מיר האָבן ביז איצט געלערנט די תורה פון אהבת ישראל, און דאָ, פון די דאָזיקע אידעאַליסטן, האָב איך געלערנט אַ נײַע תורה: די תורה פון אהבת ארץ־ישראל.

איז טאַקע דאָס גאַנצע לאַנד פול מיט עפּיזאָדן און אַנעקדאָטן וועגן דעם קאַמף פאַר דער מדינה, און יעדער איינער וואָס האָט אים אים דאַן מיטגעמאַכט האָט אײַך צו דערציילן אַ באַזונדערע און אַ מאָל אויסטער־לישע אומגלויבלעכע געשיכטע.

דערציילט מיר מײַנער אַ קוזין, אַ געקומענער פון די לאַגערן, וואָס האָט מיטגעמאַכט די מלחמת־השחרור, וועגן דער „העלדישקייט״ פון די

אַראַבער. ער וווינט גראָד אין אַ הויז פון געוועזענע אַראַבישע באַוווינערס, צופוסנס דעם כרמל־באַרג.

בײַם פרעגן אים ווי קומט ער צו וווינען דאָ, דערציילט ער מיר פאָלגענדיקס:

— אין 1948, בײַם אויסברוך פון באַפרײַונגס־קריג האָבן פאַרנומען די דאָזיקע געגנט, וואָס איז אין גאַנצן באַוווינט געוועזן דורך אַ צוויי טויזנט אַראַבישע משפחות, בלויז... צוויי ישראלים, אָן איין שאָס...

ומעשה שהיה כך היה:

צוויי אַראַבישע יִידן האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר אַראַבער, און, בעת זיי האָבן אָפּגעמאַכט מיט זייערע קאַמפּס־חברים, וואָס זײַנען געשטאַנען איבערן באַרג, אַז יענע זאָלן אָן אויפהער שיסן און מאַכן אַ וואָס גרעסערן טומל מיט וואָס זיי קענען נאָר, זײַנען זיי געקומען צו לויפן צו זייערע „ברידער״ אַראַבער און אָנגעפאַנגען צו ליאַרעמען:

— קומט שנעלער, לאָמיר לויפן, ווײַל די יִידן קומען אונדז אויס־צושחטן...

די צעשראָקענע אַראַבער, אַלע אָן אויסנאַם, האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָך די צוויי „אַראַבער״, וואָס האָבן זיי צוגעפירט ביזן ים, און מיט שיפ־לעך זײַנען אַלע אַנטלאָפן צו דעם לבנון־ברעג. דערווײַל, זײַנען פאַמעלעך, רויִק, אַרונטערגעקומען די יִידן פון באַרג און גלײַך באַזעצט אַלע איבער־געלאָזענע וווינונגען פון די אַראַבער. און זינט דאַן וווינט דאָרט מײַן קוזין מיט זײַן משפחה.

אַזעלכע געשיכטעס קענט איר הערן אויף טריט און שריט. יִידן האָבן זיך באַטייליקט, יעדער אויף זײַן אופן, אין אויסקעמפן און דעראָבערן די ישראל־פרײַהייט, און אַז עס קומט יום העצמאות, דעמאָנסטרירן זיי עס טאַקע מיט פרייד און שטאָלץ.

האָבן מיר טאַקע בײַגעוווינט אַזעלכע פײַערונגען, יום העצמאות בײַ נאַכט, אין פיר קריות, דאָס הייסט, שטעטלעך, וואָס געפינען זיך נאָענט פון חיפה. אין קרית־מאַצקין, אין קרית־חיים, אין קרית־שמואל און אין גב־ים. די פײַערונגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין די צענטער־גאַסן פון יעדן שטעטל, איבער אַ פרייען פלאַץ, וווּ עס זאַמלען זיך צונויף כמעט אַלע אײַנוווינערס פון שטעטל ווי אויך פון דערבײַיִקע אָרטשאַפטן, און מען

פייערט מיט געזאַנג און אָרקעסטער, מיט טענץ און מיט ספּעציעלע פּראָ־גראַמען דעם יום העצמאות. אַזאַ געפיל פון שטאָלץ און פרייהייט קען מען נאָר האָבן אין ישראל.

צו דעם הויפּט־פּאַראַד וואָס איז יענעם יאָר פאָרגעקומען ביים ברעג ים אין חיפה האָבן מיר זיך געגרייט מיט פאַרשטענדלעכער שפּאַנונג. שוין ביים אָנקומען פונעם אַוויאָן פון לוד און פאָרנדיק קיין חיפה, האָבן מיר געזען די גרויסע אויפגעשטעלטע טריבונעס ווו עס האָבן זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען די צושויער פונעם פּאַראַד.

עטלעכע טעג פאַרן פּאַראַד האָט מען אונדז שוין פאַרזאָרגט מיט די געהעריקע איינטריטס־קאַרטן, דווקא אויף אַ פּריוועליגירט אָרט, נישט ווייט פון די אָפיציעלע לאָזשעס, און גאַנץ פרי איז מען אונדז געקומען נע־מען מיט אַ „טענדער" (קאַמיאָנעטאַ), צו פירן אונדז צום פּלאַץ פון פּאַראַד.

דערביי פירט אונדז דער אויטאָ־פירער איבער דער וווּנדערשיינער לאַנדשאַפט פון כרמל־באַרג, וואָס באַשטייט פון באַרג, וואַלד און ים, און וועמעס שיינקייט האָט נישט צו זיך קיין גלייכן. דער פרימאָרגן איז אַ זו־ניקער און אַ קלאָרער, אָבער עס איז דער ערשטער „כאַמסין", דאָס הייסט, די גרויסע טרוקענע היץ פון דעם יאָר.

מיר זעצן זיך אויס אויף אונדזערע ערטער פון פּאַראַד און דערזעען באַלד צווישן אונדזערע שכנים, ייִדן פון אַרבע פינות־העולם: ישראלדיקע, אַמעריקאַנער, רוסישע ייִדן, אַ ייִד פון מינכען, דייטשלאַנד. די אָרדענונג איז אַ מוסטערהאַפטע, און ווערט אָנגעפירט דורך ישראלדיקע סאָלדאַטקעס, יונגע, ממש קינדער. אַלץ גייט צו העפלעך, די לאָזשע־באַזיצער קומען נישט אַליין, נאָר מיט פאַרטפעלן מיט אַל דאָס גוטס, עס דערמאָנט אייך אין אַ ל"ג־בעומר באַשרייבונג פון שלום עליכם. ווער עס פירט מיט, צו־זאַמען מיט די פאָטאָגראַפיע־מאַשינקעלעך, וואָס אַרבעטן גאָר שטאַרק און אויף דער גרעסטער פאַרע, אייער, עוף, וואַרעם־פלעשער מיט טיי און קאַפע, קאַלטע געטראַנקען, און בעת מען וואַרט עס זאָל זיך אָנפאַנגען דער היסטאָרישער פּאַראַד, לענט מען זיך דערווייל אונטער דאָס האַרץ, מען כאַפּט דערווייל אַ שמועס, מען באַקענט זיך מיט די פאַרשיידענע ייִדן־שכנים פון די באַטרעפנדיקע לענדער. אַלעמען, אָן אויסנאַם, באַהערשט די זעלבע פרייד, די זעלבע געפילן, די זעלבע דערוואַרטונג.

פון ים בלאָזט אַ הייסער „כאַמסין״־ווינט, וואָס טריקנט אויס דעם האַלדז און פּילט־אָן מיט זאַמד די אויגן, די נאָז און די אויערן. עס פאַנגט זיך אָן דער פּאַראַד מיטן אַרײַנמאַרש פון דעם ישראל־פּרעזידענט און הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן און געסט. און נאָך דעם הייבט זיך אָן דער פּאַקטישער יום העצמאות־פּאַראַד: ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פליִען פאַרבײַ ראַשיק די ישראל־לופט־סקוואַדריליעס, די טאַנקן מיט די געפּאַנ־צערטע אויטאָס.

עס שוועבן פאַרבײַ פאַר אײַך טויזנטער יונגע סימפּאַטישע פּנימער פון די ישראל־סאָלדאַטן מיט דעם אויסדרוק פון ייִדישן שטאָלץ און ישראל־דיקן חן אויף זייער געזיכט.

דער רעש איז אַ גרויסער, סײַ פון די אַוויאָנען, ווי פון די טאַנקן און וועגענער. די אַפּלויזן פאַרהילכן דעם רוים. די אויגן ווייסן נישט ווו פריִער צו קוקן און איידער דו ווילסט זיך אײַנקוקן אויף איין טאַנק שוועבט שוין אַ צווייטער פאַרבײַ. פון מאָל צו מאָל לאָזט זיך אַרויס בײַ אַ צושויער אַ געשריי: אויף דעם און דעם וואָגן האָט ער דערקענט זײַנס אַ נאָענטן, גיט ער דאָס שרײַיק און פול מיט באַגײַסטערונג איבער זײַנע מיטזיצער. עס פאָכען טיכלעך. די אויגן ווערן אַלע מאָל פאַרזאַמדיקטער אָבער אויך פײַכטער. אַזעלכע זאַמדיקע טרערן האָבן מיר צום ערשטן מאָל געשפּירט...

פאַרווישט פון דעם געטומל, פון דעם געפּיל, פון דעם וואָס דער בליק האָט אַלץ אַרומגעכאַפּט אין דער קורצער צײַט, פון דעם וואָס דער פאַר־זאַמדיקטער אויער האָט זיך עס אַלץ אָנגעהערט, פאָרן מיר, פאַרחלשטע פון דעם גרויסן „כאַמסין״ צוריק אַהיים און פאַלן צו די ערשטע זאַך צו די קראַנען וואַסער, אָפּצושווענקען די זאַמדיקייט, זיך אָפּפרישן פון דער גרויסער טרוקענער היץ. דאָס געמיט איז אָנגעפילט מיט וואַרעמקייט און מיט אַן אומבאַקאַנטער ביז דאַן איבערלעבונג. מען איז פול מיט גערירט־קייט און אַנטציקונג פאַר דער בליִענדיקער מדינה, פאַר אירע העלדישע זין און טעכטער, פול מיט שטאָלץ און בענטשונג.

אַ תפילה פאָרן שלום און וווילזײַן פאַר דער טײַערער און שיינער מדינה שפּאַרט אַרויס פון גאַנצן וועזן, ווו עס ליגט צעגאָסן דער ביז דאַן נישט געשפּירטער טעם, דער טעם פון עצמאות.

# איינגאַרטיקייטן פון ישראל

פאַרשטייט זיך, אַז ווען איר זעגט אין ישראל, זוכט איר צו זען און איינזאַפּן אין אייער געמיט און אין אייער געדעכעניש אַזוינס וואָס זאָל זיין עפּעס אייגנאַרטיק יידיש און ישראלדיק, עפּעס וואָס זאָל זיך אונטערשיידן פון אַנדערע מקומות, און וואָס זאָל זיך איינשניידן אין אייער זכרון מיט זיין ספּעציפישקייט און כאַראַקטעריסטיק.

איז דאָ טאַקע דאָ אויף טריט און שריט אַזעלכעס, וואָס ברענגט אייך אַריין אין העכערער גייסטיקייט, אין יידישלעכערע שטימונגען, און ווייזט אייך אָן מיט שטאָלץ אויף אייער שטאָט און מדינה.

געדענק איך למשל, אַז גלייך נאָכן אָנקומען קיין ישראל פאַר איך מיט מיין פרוי קיין ירושלים, ווו עס דאַרף מיך אויפנעמען דער רעליגיע־מיניסטער ד״ר זרח וואַרהאַפּטיק. מיט קיין סך מיניסטאָרן איז מיר נישט אויסגעקומען צו טרעפן זיך, בלויז מיט אייניקע אין מיין לעבן. אַזוי ווי איך קען נישט דעם מיניסטער, און איך גיי צו אים אַריין, אין באַגלייטונג פון אַ הויכן פונקציאָנאַר, דער דירעקטאָר פון ישיבות ביים מיניסטעריום, הרב צבי קליין שליט״א, אַ הויכער, הדרת־פּנימדיקער ייד, אַ היסטאָריקער, און ווי אָנגענעם איבערראַשט ווער איך ווען עס גיט מיך אַזוי וואַרעם היימיש אַ נעם־אויף דער מיניסטער, אַ קליינוווקסיקער און דריבנינקער, מיט אַ סימפּאַטיש צעשמייכלט פּנים:

איך פיל זיך גלייך היימיש. עפּעס פאַרגעס איך גלייך אין גאַנצן, אַז דאָ זיץ איך מיט אַ מיניסטער, אַגב אַ זייער אָנגעזעענער אין ישראל. און עס אַנטוויקלט זיך באַלד אַ וואַרעמער שמועס. אָבער אַזוי אין מיטן שמועס, באַמערק איך, אַז דער מיניסטער הערט זיך איין אויפמערקזאַם צו מיינע רייד, אָבער דערביי וואַנדערט זיין בליק כסדר צו דער אַנטקעגן־איבער־

דיקער טיר, הינטער מיר. איך קען נישט פאַרשטיין וואָס ער זוכט דאָרטן מיט אַזאַ אינסיסטענץ. איך האָב נישט קיין צייט אויפצוקלערן דאָס רעטע־ניש, ווי עס געבן זיך אַ לאָז אַריין אַ צענדליק ייִדן, פונקציאָנאַרן פון מיניסטעריום. דער מיניסטער אַנטשולדיקט זיך, און שטעלט זיך אַלס שליח ציבור דאַוונען מנחה גדולה אין אַ היימישער סביבה.

נאָכן אָפּדאַוונען, פאַרלאָזן די דאַוונער דעם קאַבינעט און דאַן זעצט ערשט פאָר אונדזער שמועס, שוין מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמקייט פונעם חשובן מיניסטער. ער אַנטשולדיקט זיך דערבײַ פאַרן איבעררײַס, און ער דערקלערט מיר, אַז אַזוי ווי ער איז אַן אָבל נאָכן פאָטער, האָט ער נישט געקענט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט צו דאַוונען פאַרן עמוד און זאָגן קדיש, איידער דער פערסאָנאַל פאַרלאָזט דאָס מיניסטעריום, בכדי ער זאָל האָבן אַ מנין. ערשט דאַן ווערט מיר קלאָר דער גאַנצער ענין, און אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך אויף מײַן גאַנץ געמיט. עס איז מיר אַזוי גוט, וואָס די ערשטע באַגעגעניש מיט אַ ייִדישן מיניסטער, טרעף איך אַזאַ היימישע טייערן ייִדן, אָן שום פּאָזע אָדער אָנגעצויגנקייט. און פון מײַנע אַלע הכנות צו אַ באַגעגעניש מיט אַ מיניסטער, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַזעלכן וואָס האָט מיר גלײַך מצרף געווען צו אַ מנין...

אין צוויי חדשים אַרום, זיץ איך און שמועס אין תל־אָביב אין דעם הויז פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, מיטן אָנפירער פון דער פּראָפעסיאָנעלער סעקציע, מײַנס אַ לאַנדסמאַן און דער רעדאַקטאָר פון האָראָדלער יזכור־בוך, וואָס איך האָב איבערגעזעצט אויף ייִדיש און איז צו יענער צייט דערשינען אין תל־אָביב, ווען עס גיט זיך אַן עפן די טיר און עס קומען אַרײַן די מיניסטאָרן וואַרהאַפטיק און בורג. דער רעליגיע־מיניסטער צעגריסט זיך היימישלעך מיט מיר און תוך כדי דיבור פרעגט ער מיך: וואָלט איר אפשר געוואָלט זיך מצרף זײַן צום מנין, און ער שטייט שוין און דאַוונט...

זינט דאַן האָב איך שוין געוווּסט, אַז ווו איך זאָל נישט טרעפן דעם רעליגיע־מיניסטער, וועל איך דאַרפן זײַן אַ צענטער צום מנין...

נו, הלמאַי זאָל איך אייך לייקענען? — עס געפעלן מיר ביז גאָר אַזעל־כע ייִדישע מיניסטאָרן און איך האָב דערבײַ געטראַכט: — דאָס הייסט אַ ייִדישער מיניסטער!...

אַ צווייטער מיניסטער, ד״ר יוסף בורג, רעדט גאָר אַלע מיטוואָך אָוונט אויף יידיש, אין דער יידישער ראַדיאָ שעה פון „קול ישראל״, וועגן דער פרשה פון דער וואָך, באַנוצנדיק זיך מיט ציטאַטן פון יהואשעס איבער־זעצונג. למשל, מיין שוויגער, האָט אַלע מיטוואָך געהאַט די שעה פאַרנו־מען, ווייל זי דאַרף הערן דעם מיניסטער בורגס דברי־תורה...

זאָגט איר אַליין: — ווו נאָך קענט איר געפינען אַ מיניסטער וואָס זאָל יעדע וואָך האַלטן דורך ראַדיאָ אַ רעפעראַט וועגן פרשת השבוע? — נאָר אין ישראל קען אַזעלכעס געשען...

ווי איר פאַרשטייט דאָך אַליין, האָט מיך פאַראינטערעסירט, ווי שוין אויבן געזאָגט, דאָס אייגנאַרטיק יידישע. האָב איך געהאַט אַזעלכע געלעגנ־הייטן, ווייל מיין באַזוך אין ישראל איז גראָד אויסגעפאַלן אין דעם שמיטה־יאָר. לייען איך למשל אויף געוויסע שאָקאָלאַד־קאָנווערטלעך: כשר לויט די שמיטה דינים. אָדער, אַז איך וויל עסן „גלידה״, ד״ה אייז־קרעם, טרעף איך צווישן אַנדערע דעם אויפשריפט פאַרעווע אייז־קרעם, צו סען נאָך פליישיקס...

אַך, דאָס איז דאָך נאָר אין ישראל...

אין „מאה שערים״, למשל, שפּאַצירנדיק מיט מיין פרוי, אַנטפלעקט זיך פאַר אונדז אַ בילד, פון וועלכן מיר בלייבן פאַרגאַפט. עס לויפט אַן אַ יינגעלע פון אַ יאָר 10־11 מיט אַ רונד שליאַפּקעלע, אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע, פאות לאַנגע, אין לאָקן, וואָס באַמבלען זיך אַהין־אַהער אויף זיין ווייס פנימל, לויפט ער אָן, ער צילט מיט אַ שפיל־רעוואָלווער אלא „קאָו־באָי״, אַזוי ווי אונדזערע היימישע קינדער, וואָס מאַכן נאָך דעם קינאָ אָדער טעלעוויזיע. באמת, צו טרעפן אין „מאה שערים״ אַ יינגעלע מיט לאָקן־פאות און אַ קאַפּאָטקעלע, שפּילנדיק אין „קאָו־באָי״ דאָס האָבן מיר זיך אין גאַנצן נישט געריכט. אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר ניט דאָס...

ביז גאָר אייגנאַרטיק איז זען למשל ווי די תלמידים פון דער „ישיבה תיכונית״, ד״ה אַ ישיבה און צוגלייך אַן אַלגעמיינע מיטל־שול, מאַכן גימנאַסטיק, שפּילן אין פוטבאָל אָדער „קויש־באָל״, אין זייערע גימנאַס־טישע קליידער, אָבער דערביי באַמבלען זיך אויף זיי לאַנגע, ברייטע ארבע כנפותן. ווען נישט די ארבע כנפותן, וואָלט איך זיכער נישט געוווּסט צי דאָס זיינען יידן, צי אַרגענטינער, צי אַנדערע, אַזוי לויפן זיי איבער די

גאַסן, מאַכנדיק לויף־איבונגען. איז דאָס אַ מחיה צו קוקן. ייִדישער קען דאָס נישט זיין...

ביז גאָר אייגנאַרטיק, און גאַנץ אומבאַקאַנט, פאַר אונדז, איז דאָס חנעוודיק און אָריגינעל בילד אין דעם קינדער־חדר פון די „נתורי־קרתאָ", ווו עס זיצט אַ יונגער מלמד מיט אַ גרויסן טייטל אין האַנט און לערנט חומש מיט די קינדערלעך, פאַרלייענענדיק און פאַרטייטשנדיק אַלץ מיט געזאַנג, און די קינדער זינגען דאָס איבער. נישט זיי „זאָגן" נאָר זיי „זינ־גען" דאָס איבער. די געביידע, אַן אַלטע, אָבער די קינדערלעך, קיין עין־הרע, אַזעלכע פוכינקע, אַזעלכע שיינינקע, און עס קוקט פון זיי אַראָפּ חדר־דיקע שיינקייט. און זייערע קינדערשער כּאָר־לימוד איז דאָך גאָר זיס...

אויך אייגנאַרטיקע אויסטערלישקייטן קענט איר טרעפן, וואָס זעען אייך אויס אַזוי קאָמיש, און וואָס נאָר אין ישראל קען דאָס פּאַרלויפן.

טרעף איך למשל, אַ יונגערמאַן פון בראַזיל, שוין איניקע יאָר אין ישראל. רעדנדיק מיט אים וועגן פּאַרטייען אין ישראל, נעמט ער אַרויס אַ קאַרנעט פון די רפ"י, ד"ה פון בן־גוריונס פּאַרטיי... איך בלייב אַ ביסל צעמישט. ווי קומט ער צו בן־גוריונען? ווייל לויט זיינע רייד, איז ער ווייט דערפון, אַז נישט נאָר פון בן־גוריונס פּאַרטיי איז ער אַ מיטגליד, נאָר אויך פון מזרחי און פון אַנדערע פּאַרטייען, און די קאַרנעטן ווייזט ער לויט זיינע „נויטן", אַמאָל דעם מזרחי־קאַרנעט, אַמאָל דעם רפ"י־קאַר־נעט. נאַטירלעך, אַז איך בלייב „פאַרוווּנדערט" פון דעם יונגערמאַנס אויס־טויגן זיך...

אַן אַנדער פאַל האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ שטעטל מיט זייער חזן, אַגב אַ זייער גוטער חזן, מיט אַ פּרעכטיקן טענאָר. ער איז דאָרט געווען אַ רייע יאָרן שוחט און הויפּט־חזן, ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן, צו אַלעמענעס פאַרוווּנדערונג, און איז אַוועק קיין אַמעריקע צו פּרוון „ביזנעס". ווייזט אויס, אַז עס איז אים נישט אַזוי גוט געגאַנגען דאָרט ווי ער האָט פאַרויסגערעכנט און אין אַ צוויי יאָר אַרום איז ער צו־ריקגעקומען אין זעלבן שטעטל אַריין. אָבער דאָס אויסטערלישע איז דאָס וואָס כמעט קיינער האָט אים נישט דערקענט צוליב אַ „קליינקייט": פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער אַלע יאָרן געטראָגן אַ שוואַרצע לאַנגע באָרד, און ביים צוריקקומען איז ער געווען אין גאַנצן אַ גלוח... אַזוי ווי דאָס שטעטל

האָט זיך באין אופן נישט געקענט צוגעווינען צו אים אַזוי, האָט ער דערווייל געלאָזט צוריק אָנוואַקסן אַ באָרד, און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָלט ער דערביי מען זאָל אים צוריק „דערקענען". ער האָט שוין צוריק זיין חזנות-שטעלע (אַגב אין דעם נאָענטן שטעטל, ווייל ווו ער איז פריער געווען האָט מען דערווייל אויף זיין פּלאַץ צוגענומען אַ צווייטן חזן) און באַלד וועט ער האָבן צוריק אויך די באָרד...

מיר פאָרן דורך אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר", וואָס איז ווי באַקאַנט, גאָר נישט קיין „רעליגיעזע" פּאַרטיי, אָבער מיט שטוינונג דערוויסן מיר זיך, אַז דווקאָ דאָרטן, אין זייער קיבוץ, איז פאַראַן די ראַיאָן-שחיטה פון עופות, פון וואַנען מען ליפערט כשרע עופות פאַר דער גאַנצער זאָנע, ווייל אַזוי ווי דער קיבוץ צייכנט זיך אויס אין עופות-צוכט און כדי אָפּ-צוזעצן זיי אין דערבייאיקע ישובים, מוז, לויט דער דיספּאָזיציע פון די שטאַט-באַהערדן זיין געשחטענע עופות, איז טאַקע אין קיבוץ פון „השו-מר הצעיר" די הויפּט-שחיטה פון דעם ראַיאָן...

אַזעלכע „אייגנאַרטיקייטן" קען מען נאָר אין ישראל זען. גלעטן זיי דאָך דעם געמיט פון דעם יידישן מענטשן וואָס באַזוכט דאָס לאַנד, און איר נעמט-מיט טאַקע דעם איינדרוק, אַז איר זענט געווען אין אַ „יידיש" לאַנד, יידיש נישט נאָר פּאָליטיש אָדער שפּראַכלעך, נאָר טאַקע אינהאַלטלעך און גייסטיק, מיט אַלע טויזנט חנען פון יידישקייט.

# תשעה באב אין ישראל

נאַטירלעך, אַז אין ישראל קענט איר פילן דעם ריכטיקן טעם און שטימונג פון אַלע יידישע ימים־טובים ווי אויך פון די טרויער־טעג און די פאַרשיידענע דאַטעס וואָס ווערן אָפּגעצייכנט פון אונדזער פאָלק. פאַר־שטייט זיך, אַז דערצו העלפט מיט די נאַטור־ראַם, די געאָגראַפישע ערטער, ווו די מערסטע היסטאָרישע געשעענישן האָבן זיך פאַרצייטנס אָפּגעשפּילט, די העברעיִשע שפּראַך, וואָס איז אַזוי אַלט ווי אונדזער אומה, די סביבה, די דערציִונג אאַז״וו. הײַנט, די פרייקייט און די נאַטירלעכקייט פון די אַלע פייערונגען אָדער אָפּצייכענונגען! אַזוי אַרום, אַז דאָס וואָס ביי אונדז אין גלות איז עס אַ חידוש, איז דאָס אין ישראל אַן אָרגאַנישע טייל פון דעם יידישן לעבן.

איז ווען וועט אַ שטייגער וווּנדערן, ווען איר זעט שבת גיין אויף דער גאַס אַ יידן פון זיין שטוב אין שול אַריין און צוריק, אַנגעטאָן אין זיין לאַנגן טלית? צי ווען וועט רופן די אויפמערקזאַמקייט, אַז סוכות זאָל ביי יעדער שטוב און אויף יעדן נישט־באַדעכלטן באַלקאָן זיך אַרויסזען אַ מיט גרינעם סכך באַדעקטע סוכה?

— צי, אַז סוכות וועט איר זען קאַראַוואַנען יידן, גרויס און קליין, אַלט און יונג, ווי אין אַ פּראָצעסיע גיין מיטן לולב און מיטן אתרוג־האַלטער אין האַנט און זיך לאָזן צום דאַווענען.

אַדרבא: אין די שטעט פאַרן אַרום קאַמיאָנען פון דער אָרטיקער מו־ניציפּאַליטעט און טיילן במתנה אַלע די וואָס דאַרפן עס, סכך פאַר די סוכות!... אָדער איר וועט זיך גאָרנישט וווּנדערן, ווען איר גייט אין שול אַריין הושענא רבה, און עס יאָגן אַן באַבערדלטע יונגעלייט אויף ביציק־לעטן, אין איין האַנט דער לולב, מיט דער צווייטער האַנט פירן זיי דעם

ביציקלעט און אויף דער הינטערשטער ראָד ווי מען האַלט פּעקלעך, ליגן טלית און תפילין. זיי גיבן אַ שטייג־אַראָפּ פּאַר דער שול, נעמען אַראָפּ דאָס „געפּעק" און אין אַ ווילדע אַרום דרייען זיי זיך שוין פרום אַרום די הושענות. אָדער ווען מען זועט דאָס גאָר רופן די אויפמערקזאַמקייט, דאַן ווען ביי אונדז קען מען ימים־נוראים זען בלויז געציילטע יידן, מערסטנס עלטערע, אין אַ ווייסן קיטל, קענט איר אין אַ ישראלדיקער שול זען ממש אַ ים פון ווייסע קיטלען, ווי עס וואָלטן געווען שניי־פיגורן און זיך אין התלהבות שאָקלען ביי די תפילות, ווי עפּעס אַ וווּנדערלעכע מעשה באַ־דעקט אין ווייסן? אָדער גאָר פּאַר יום־כיפור ווערט אַ לויפעניש אין די שיך־געשעפטן, וואָס ווערן אויסגעליידיקט מאָמענטאַן פון די לייוונטענע און מיט גומענע זוילן באַדעקטע „סאַפּאַטיזשעס", ווייל אַלע נוצן אַזעלכע יום־כיפור. מיט איין וואָרט: די טעגלעכע, פּראַקטישע טראַדיציע איז אַן אָרגאַנישע טייל פון דעם ישראלדיקן לעבן און אַ נאַטירלעכע דערשיינונג דאָרט. און דאָס דריקט זיך אויס אין אַלע פּאַזן פון דעם דאָרטיקן לעבן.

נעמט, למשל, די ראַדיאָ: הייבט אָן „קול ישראל" אַלע פרימאָרגן אירע טראַנסמיסיעס מיטן אויפשפּילן און אויפזינגען דורך אַ כאָר דעם „מה טובו", נאָך דעם באַטרעפנדיקן שיר של יום און נאָך דעם הערט איר דעם „בוקר טוב", דאָס הייסט, „אַ גוט מאָרגן אייך", „הנה החדשות", אַט זיינען די ערשטע נייס פון טאָג.

אָדער, למשל, מוצאי־שבת הייבט זיך אָן די ראַדיאָ־אווידיציע מיטן געזאַנג פון „שבוע טוב" ד"ה, „אַ גוטע וואָך".

יעדן פרייטיק נאָכמיטיק ווערט דורך דער ראַדיאָ טראַנסמיטירט יעדע וואָך דורך אַן אַנדער עדה דאָס לייענען מיטן טראָפּ די ערשטע פּרשה פון דער וואָך, די גאַנצע הפטורה, צוזאַמען מיט דעם קאָמענטאַר איבער דער וואָך־סדרה. אין דער פרי, ווערט ספּעציעל, דורך אַן אויטאָריטעט אויף דעם געביט, געלערנט דאָס מעביר־סדרה זיין און וועגן יעדן טראָפּ באַזונדער.

מיטוואָך אין אָוונט, 19 אַזייגער, ווערט דווקא אין דער יידישער שעה קאָמענטירט אויף אַ געשמאַקן ליטווישן יידיש די פּרשת השבוע, און נישט פון קיין אַנדערן ווי פון דעם געזונטהייטס־מיניסטער, ד"ר יוסף בורג, וואָס פלעגט אַריין חסידישע מעשיות און באַנוצט זיך גאָר מיט דער יידי־

שער מייסטערהאַפטער איבערזעצונג פון יהואָש. דעם זעלבן אָונט, אַלע וואָך פון 21 ביז 22 אַזייגער, ווערט געווידמעט אַ ספּעציעלע שעה פאַר ליטורגישער נגינה, ברענגענדיק יעדעס מאָל שאַפונגען פון אַן אַנדער וועלט־באַרימטן חזן, מיט דעם געהעריקן ביאָגראַפישן און קונסט־קאָמענ־טאַר, און ווען איר גייט אין די וואַרעמע זומערדיקע אָוונטן אויף דער גאַס, שלאָגן זיך אָפּ אין אייערע אויערן די אַזוי היימישע ליטעורגישע טענער פון אַ קוסעוויצקי, אַ פּינטשיק, אַ הערשמאַן א״אַ, וואָס זינגען אַרויס פון די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און טראָגן זיך אין גאַס אַרויס.

אָדער אַז איר גייט אַהיים פון סליחות און איר טראָגט מיט זיך אַ קעשענע־ראַדיאָ, גיט אייך אַ דרינג אַריין אין האַרצן דאָס געשמאַקע רינה־תפילה פון דעם חזן און כאָר פון דער גרויסער שול אין תל־אָביב, ווו אין דעם דאָזיקן מאָמענט זאָגט מען סליחות און פון וואַנען די ראַדיאָ „קול ישראל" טראַנסמיטירט דירעקט פאַרן גאַנצן לאַנד. דערביי איז שוין כדאַי צו באַמערקן, אַז ליטורגיש געזאַנג האָט דאָ גאָר אַ גרויסן אָנזען און אַ סך קולטיווירערס. אַזוי אויך די אַנדערע זשאַנערן, ווי בעל־קוראס א״אַ, און עס דוכט זיך אייך, ווען איר קומט אָפּטער אַריין אין אַזאַ שול, אַז אַלע זיינען גוטע בעלי־תפילות און בעל־קוראס, ווייל אַלע מאָל ווייזט זיך אַרויס אַן אַנדער מתפלל ווי אַן עמוד־קענער און תורה־לייענער. דאָס וואָס ביי אונדז איז דאָס שוין נישט קיין איבערפלוס, איז אין ישראל אַ ביז גאָר פאַרשפּרייטער ענין. יעדנפאַלס, קיין מאַנגל אויף דעם דאָזיקן געביט איז אויף אַ לאַנגער צייט נישט פאָרויסגעזען. אַזוי, אַז די טראַדי־ציע גיט דעם קאָלאָריט און דעם אייגנאַרטיקן יידישן פאַרב דאָס ישראל־לעבן אויף טריט און שריט און אין אַלע מאַניפעסטאַציעס.

אַזוי פּילט מען אויך דאָרטן דעם תשעה באָב. ערשטנס הייבט די ראַדיאָ אָן אירע זענדונגען אָן דעם טראַדיציאָנעלן „בוקר טוב" אָן דעם „גוט מאָרגן", היות ווי תשעה באָב גריסט מען נישט. אויך אויף דער גאַס, ווו עס קלינגט אַזוי הילכיק און וואַרעם אָפּ דער „שלום", הערט מען אים נישט היינט.

ווידער, קינד־און־קייט גייט אַרום אין די לייוונטענע טונקעלע שיך. אָבער ווו מען בלייבט שטיין פאַרווירט און פאַרוואונדערט איז ווען איר קומט אַריין אין דער גרויסער שול, ווו עס דאַווענען עטלעכע הונדערט יידן אין

דער אימפּאָזאַנטער שול־געביידע, און עס דוכט זיך אייך אויגנבליקלעך, ווי דאָ וואָלט, חס וחלילה, פּאַרגעקומען ערשט־אַ אַ חורבן. נעמלעך: ביים אַריינקומען גיט איר אַ דערזע, מיט איין אויגנבליק, די הונדערטער רייען בענק, וואָס שטייען טאַקע אַ גאַנץ יאָר אַזוי פּאַרנעם, אַלע איבערגעקערט און אויסגעלייגט אויפן דיל ווי אַ מעכטיקער שטורעם וואָלט זיך דאָ דורכגעטראָגן. די שול, טונקל באַלויכטן, ווערט גלייך אויסגעפילט דורך אַ גרויסן עולם, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף די נידעריקע איבערגעקערטע בענק און ווידער שטוינט איר און גאַפט ביים דערבליקן דעם הונדערט־קעפּיקן טרויעריקן עולם, די אבלי־ציון, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַריינ־געגראָבטע אין די „איכהס״ און באַלד דערהערט איר טאַקע דאָס קלאָגנדי־קע יאָמערדיקע זאָגן פון די מגילת־איכה, וואָס קלינגט עפּעס אַזוי ירמיה־דיק, אין דעם ספרדישן אַקצענט, צוגלייך מיט דער דורותדיקער וואַרעמ־קייט פון דעם אַלט־היימישן געיאָמער אויפן חורבן ירושלים.

דערביי מוז מען שוין אויך באַמערקן, אַז די בעל־קוראס אין ישראל לייענען אין דער תורה ווי אין די מגילות, דאָס זעלביקע אויך די בעלי־מפטירס, מיט אַזאַ זעלטענער קלאָרקייט און שיינעם נוסח, אין וועלכן עס ווערט אַרויסגעבראַכט יעדעס וואָרט, יעדער טראָפּ און יעדער קלאַנג פון דעם געזאָגטן און דאָס געלייענטע. דער גרויסער עולם גיט זיך, נאָכן פּאַר־ענדיקן אַ הייב אויף און ווי ברוגזע צווישן זיך, ווי אמתע אבלים, נישט רעדנדיק כמעט, צעגייט מען זיך.

מען פילט באַשיינפּערלעך אין דער לופט דעם אָנגעזאָפּטן טרויער, דעם אונטערשייד פון דעם וואָכעדיקן אָדער שבתדיקן צי יום־טובדיקן צעגיין זיך פון שול און פון איצטער, ווו די תשעה באָבדיקע שטימונג איז אַזוי געדיכט, ממש מיט אַ מעסער צו שניידן.

איך בין נייגעריק צו וויסן דעם אַנדערן טאָג, דאָס הייסט, תשעה באָב, וואָס טראַנסמיטירט איצט די ראַדיאָ „קול ישראל״. איך דריי אויף דעם אַפּאַראַט און איך הער אַרויס פון דאָרט גאַנץ „מגילת איכה״ און די פּאַרשיידענע תשעה־באָבדיקע קינות, מיטן כאַראַקטעריסטישן יידישן טרוי־ער, פון וועלכן עס ווייִנען אַרויס אַלע דורות, פון אַלע ערד־טיילן ווו יידן האָבן געלעבט.

און עס ווערט מיר טאַקע קלאָר, אַז בלויז אַזאַ אומה, וואָס האָט גע־

קאָנט אַזוי וואַך אויפהאַלטן דעם אָנדענק פון איר חורבן און להבדיל פון אירע פראַכטפולע ימים־טובים, האָט געקענט אָנהאַלטן איר לעבנס־עקסיס־טענץ ביז היינט צו טאָג און ווידער באַנייען איר געשיכטע אין איר היימ־לאַנד.

און ריכטיק האָבן דאָך שוין אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז די וואָס טרויערן אויף ציון, וועלן זוכה זיין צו זען איר טרייסט, איר אויפבוי און איר פרייד!

# דער צויבער פון ירושלים

הגם ירושלימער קלימאַט, איז בדרך־כלל קילער ווי אין די אַנדערע שטעט פון ישראל, ווערט איר פאַרגאַסן פון אַ ספּעציעלער וואַרעמקייט בלויז ביים געדאַנק אַז איר דערנענטערט זיך צו דער הייליקער שטאָט.

ציִען זיך דאָך אַהינצו די תפילות פון אַלע ייִדן אויף דער וועלט, און בלויז דער נאָמען ירושלים רופט ביי אייך אַרויס אַ שלל פון היסטאָ־רישע רעמיניסצענצן און דערוועקט אין אייך די איידלסטע ייִדישע סטרו־נעס.

אייער בליק ווערט פאַרכאַפּט פון דער גראַנדיאָזיטעט און אומבאַ־שרייבלעכער שיינקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך אויפן וועג קיין ירושלים. בערג אויף בערג, קליינע, אַזעלכע באַהנטע און גלייכצייטיק אַזעלכע אימ־פּאָזאַנטע, זיינען עס די פּרעכטיקע הקדמה פון דער הייליקער שטאָט, וואָס געפינט זיך טאַקע אויך אויף בערג.

ירושלים פאַרמאָגט עפּעס אין זיך אַזאַ מין צויבער, אַזאַ סודותפול־קייט, אַזאַ לאַנדשאַפט־אָריגינעלקייט, וואָס איז פאַרצויגן אויף טריט און שריט מיט היסטאָרישע טומאַנען, דורכגעזאַפּט מיט אַנטיקער ערעפורכט, אַז איר ווערט דורכגעדרונגען מיט איר היסטאָרישן אַראָמאַט גלייך ביים איבערטרעטן די שטאָט.

דאָס געפיל ביי אייך איז, אַז נישט נאָר קומט איר אַריין אין גאַסן און געסלעך פון אַ שטאָט, נאָר אַז איר טרעט אויף די שטעגן פון יאָרהונ־דערטער און יאָרטויזנטער, ווייל ירושלים איז נישט נאָר אַ געאָגראַפישער באַגריף, נאָר בעיקר אַ געשיכטלעכער צונויפגוס פון דורות פון אייער שטאַם, און דער הייליקער דענקמאָל פון דעם ייִדישן גייסט און דער ייִדי־שער גלאָריע.

דאָ, אין ירושלים גופא, קומט זיך צונויף אַלט און ניי, מאָדערן און פּאַרצייטיק, סיי אין געאָגראַפישע ווי אין לעבנס־פאָרמען. קענט איר טאַקע טרעפן היסטאָרישע דענקמאָלן און איבערבלייבעכצן פון יאָרהונדערטער באַגלייך מיט די מאָדערנסטע אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען, אַזוי אויך אין אינהאַלט און גייסט.

קענט איר אַזוי, למשל, טרעפן און זען אַ מאה שערים, ווו עס דאַכט זיך, אַז די צייט האָט דאָרט קיין שליטה נישט, ווו מען לעבט אין ענגע געסלעך און אין באַדינגונגען פון אַמאָליקע יידישע שטעטלעך פון דער אַלטער היים, ווו מען גייט אָנגעטאָן אין דער טראַכט פון מזרח־אייראָפעישן יידנטום פון עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, באַפּאותט און באַקאַפּאָטעט, מיט ווייסע זאָקן און ברייטע קאַפּעלושן, און די גאַנצע געגנט מיט אירע איינוווינערס קומט אייך אויס עפּעס ווי אַ טעאַטער־מאָנטאַזש פון אַ פאַרצייטיקער תקופה, און פונקט אַנטקעגן־איבער פון מאה שערים הייבט זיך אויף אַן אימפּאָזאַנטע ישיבה־געביידע, געבויט לויט די פאַר־שריפטן פון דער מאָדערנער אַרכיטעקטאָניק, און לויטן קאָמפאָרט און עלעגאַנץ פון דעם היינטצייטיקן אַמעריקאַנער געשמאַק. און עס לערנען טאַקע דאָרטן אַמעריקאַנער, קאַנאַדער, אַרגענטינער קינדער. די ישיבה־בחורים גייען אויך אין ישיבהשער טראַכט, נאָר אַלץ שעמערירט ביי זיי פון זויבערקייט.

זעט איר טאַקע אין ירושלים דורכגיין אַ גאַלעריע פון די פאַר־שידנסטע טיפּן יידן מיט ברייט־צעוואַקסענע בערד, קינדער מיט ברייטע אַרבע כנפותן, פּרויען און מיידלעך מיט באַטיכלטע קעפּ, לאַנגע קליידער, און איר דרייט זיך צווישן שילעכלעך, בתי־מדרשים, תלמוד־תורהס און ישיבות.

ירושלים איז אין דעם פּרט אָפּגעשטעמפּלט מיטן קדושה־זיגל פון אונדזער אומה, און איז דער שאַץ־קאַמער פון זיין אומגעפעלשטן דורות־דיקן גייסט.

פאָרט איר אויף אַ ירושלימער אויטאָבוס, ווערט אייך עפּעס וואַרעם אין אַלע גלידער, ווען איר זעט דאָרט אויפגעשריבן „מפני שיבה תקום". עפּעס דוכט זיך אייך אַז גאַנץ ירושלים איז ביי אייך אַ געוועב פון כתבי־קודשדיקע פּסוקים, אַ שטאָט וואָס איז צונויפגעשטיקעוועט פון שטיקער

תהילים, אַן אויסגעוויינטע אין באַבעשע תחינות, וואָס גיסן זיך צונויף מיט די אָנגעזאַפּטע טרערן פון די כותל־מערבידיקע אַלט־מאָכיקע שטיינער.

ווען מיר דעריבער קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווען דער אײדעלער ראש־ישיבה פון „בית־אַברהם" איז אונדז מכבד מיט אַ מנחה „אויפן דאַך" פון דער ישיבה, וואָס איז נאָענט צום מאַנדלבוים־טויער, און מען קען פון דערווייטנס אָנזען דעם הר־הבית ווו עס געפינט זיך דער כותל־המערבי.

אָדער ווען מיר בליקן אויף ירושלים פונעם דאַך פון היכל־שלמה, ווו מיר זעען די בערג און סטעפּעס וואָס ציִען זיך פון דער ווייטנס, און וואָס ווייען־אָן מיט חומשדיקע זכרונות.

ביז גאָר איינדרוקספול איז דער אַרויפגאַנג אויפן הר־ציון, ווו עס געפינט זיך דער קבר פון דוד המלך, און ווו די שטעגן און אַרויפגענג צום באַרג זיינע טאַקע באַקריצט מיט די פּסוקים פון זיין אייביקן תהילימל. די קדושים־היילן און די שטיינערנע מצבות נאָך די פאַרשניטענע אייראָ־פּעיִשע קהילות, די רויכיקע טריפנדיקע וואַקסענע יאָרצייט־ליכט, ציִען עס דעם נר־תמיד פון אונדזער פאָלק, זינט דוד המלך ביז דער הייניטיקער יידישער מדינה, און זיינען עס דער עדות פון די טייכן בלוט און שטראָ־מען טרערן וואָס אונדזער פאָלק האָט אָנגעזאַפּט דעם ערד־קיילעך אויף די וועגן און שליאַכן פון זיין גאַנג איבער דער וועלט.

פון דער אַנדערער זייט באַוווּנדערט איר די מאָדערנע בנינים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען, די נאַציאָנאַלע בנינים, וואָס זיינען די רעפּרעזענטאַנטן פון דער רענעסאַנס־געשיכטע פון אונדזער פאָלק, און די פאַרווירקלעכונג פון דער וויזיע פון די פאַרשידענע ציוניסטישע פיגורן, בראש מיטן טרוימער ד"ר בנימין זאב הערצל.

הייבט זיך טאַקע מאַיעסטעטיש און ציט זיך מיט זיין גרויסער עלע־גאַנץ און פּראַכט דער הר־הערצל, מיט זיינע גרויסע באַגרינטע פּאַרקן, מיטן הערצל־צימער און מוזיי, מיט די קברים פון די קאָריפייען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, און מיט די קברים פון די העלדישע זין און טעכטער וואָס האָבן געאָפּפערט זייערע יונגע לעבנס אויפן מזבח פון דער מדינה, ביי דער מלחמת־השיחרור.

דאָס איז דער נייער שטאָק צו דער טויזנט־יאָריקער געשיכטלעכער געביידע וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר ירושלים.

אין אַ צווייטן ווינקל פון דער שטאָט איז פאַראַן דער „יד ושם", וואָס פאַראייביקט די עפּאָפּייע פון די געטאָ־גבורים ווי אויך די ליידן און פּיינען פון דעם אויסגעשעחטן ייִדישן פאָלק פון אייראָפּע אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווו עס היטן זיך אויף דער גרויל און דער פּיין־דענקמאָל פון אַ פאָלק צווישן „פאָלנדיקע ווענט".

דער ביטערער און בלוטיקער טרערן־לאָגל איז זיך אַזוי אַרום געקומען אַריינגיסן אין דעם גרויסן ירושלימער פּיין־בעכער פון אונדזער פאָלק און וואַרט אויף דער גאולה שלמה.

אַ היכל פון ייִדישער קונסט פון דורות שטעלט מיט זיך פאָר דער נייער נאַציאָנאַלער מוזעאום, וואָס פאַרנעמט אַ ריזיקן שטיח מיט איר אָריגינעל־געבויטע געביידעס און פיגורן, און ווו עס הויערן צוזאַמען אין פאַרשידענע פּאַוויליאָנען, רעקאָנסטרויִרטע שולן פון מיטאַלטער, תשמישי־קודש פון די פאַרשידענע גרויסע ייִדישע צענטערן, קליידונג פון פאַרשידענע תקופות און געמאַרקן, קונסט־בילדער און אויסאַרבעטונגען, די מגילות און בריוו פון בר־כוכבאס צייטן, און וואָס נישט? שעהן און שעהן גייט איר און באַטראַכט, באַוווּנדערט די פאַרשידענע סאַלאָנען און גאַלעריען, ווי איר וואָלט דורכגעגאַנגען אַ צייט־קאַליידאָסקאָפּ, און אַז איר גייט פון דאָרט אַרויס, טראָגט איר מיט זיך און אויף זיך גאַנצע שיכטן ייִדישע געשיכטע, אָנגעהויפטע אין אייער געמיט און זכרון.

אַלץ געפינט זיך דאָ אויף געבערג און אין טאָלן, אַזוי אַז איר פילט זיך נאָענט פון הימל, און עס ווערט אייך קלאָר, אַז דאָ האָבן טאַקע זיך געקענט אינספּירירן נביאים און דיכטערס, ווייל דאָ פילט איר דעם אָטעם פון הימלשקייט, פון קאָסמאָס. איר פילט דאָ דעם צונויפגוס פון ירושלים של מעלה און של מטה.

מיר שטייען ביי אַ דראָטנדיקער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ „אונדזער" טייל און „זייער" טייל ירושלים, און מיר קוקן אַריבער מיט שפּאַקטיוון צום „אָמאַר"־מעטשעט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען דער בית־המקדיש. דאָס האַרץ גייט אויס אַהינצו, צו די מאָכיקע אויסגעטרערטע כותל־מערבי־שטיינער. און היינט, קען מען זיך שוין ד"ג אַריבערטראָגן אַהינצו און

אויסשאָקלען אין הייסע תפילות אַלע אָנגעזאַמלטע יידישע געפילן וואָס פרעסן און נאָגן דאָס יידישע האַרץ.

איך ווייס נישט וואָס עס פילן מענטשן אין אַנדערע לענדער, נאָר אַ ייד פילט די גאַנצע צייט וואָס ער געפינט זיך אין ישראל, אַז ער רינגלט זיך מיט הונדערטער יאָרן פון דורות פאַרגאַנגענע, אַז ער איז אַ טייל פון אַ געליטענעם אַלטן שטאַם, אַז דאָס איז טאַקע מאַמע־ערד, אין וועמעס שויס ער קען זיך איינטוליען, און פון וועלכער עס פליסטערן אַרויס דאָס תנכישע און תחינותדיקע געשעפטש פון מיליאָנען יידן פון אַלע תקופות, די ערד וואָס האָט אַריינגענומען דאָס הייליקע געביין פון די אָבות און אמהות, פון די גבורים און קדושים, פון די תנאים און מלכים, און פון וואַנען עס איז אויפגעגאַנגען ג־טס ליכט און זיין הייליק וואָרט.

דאָס פילט אַ ייד אין גאַנץ ישראל, אָבער אַ באַזונדערן צויבער, פאַר־הויכט מיט קדושה און מיסטיק לאָזט איבער ירושלים, אַזאַ גייסטיקייט וואָס גיסט זיך אַריין מיט חומש־וויין אין אַלע גלידער און לאָזט דאָרט איבער אומאָפּמעקבאַרע שפּורן, ווי זי וואָלט זיך אַריינגעשריבן אין אונ־דזער גאַנץ וועזן מיט אומגעזעענער פאַרמעטענער שריפט פון יידישער געשיכטע פון יאָרטויזנטער, מיט די אותיות פון יידישער אייביקייט. „הייליק איז ירושלים״!...

# סוכות אין קרית־שמואל

בכלל זיינען די ימים־טובים אין ישראל אַן איבערלעבונג, בפרט פאַר איינעם וואָס באַזוכט דאָס לאַנד צום ערשטן מאָל. אָבער אַ ספּעציעלן חן און כאַראַקטער און רייך אין וויוועגצן איז דער יום־טוב סוכות, וואָס איז דאָ־הי אַ נאַטירלעכער און ביז גאָר אָנזעעוודיקער. אויב די אַנדערע ימים־טובים זיינען ביז גאָר קענטיק אין די שילן, שולן און אין די היימען, איז סוכות אויסער דעם גאָר אָנזעעוודיק אויף דער גאַס. קענט איר טאַקע זען אויף דער גאַס, פאַר סוכות, קאַמיאָנען פון די מוניציפּאַליטעטן וואָס טיילן אומזיסט גרינעם פרישן סכך פאַר די וואָס נייטיקן זיך דערין.

איצט, אויב איר ווילט האָבן אַ ספּעציעלן און אייגנאַרטיקן פאַרגעניגן פון אַן „אָריגינעלן" יידישן שפּאַציר, שפּאַצירט זיך דורך סוכות ביי נאַכט אין אַ יידישן שטעטל, ווו עס שטייען איינע נעבן דער אַנדערער סוכות אויפן טראָטואַר, אין פראָנט פון די הייזער, אָדער אויף די באַלקאָנען, אין די פאַרשיידנסטע גרויסן און מאָסן, מיט די פאַרשיידנסטע באַפּוצונגען, אַזש איר קענט זיך אויסקלייבן דעם מאָדעל וואָס איז אייך צום האַרצן. אָבער אַלע מאָל דאַרפט איר בייטן אייער גוסט, ווייל אָט דערזעט איר אַ שענערע סוכה פון דער וואָס איז אייך פריִער געפעלן געוואָרן.

און איצט אַן אַנדערער ספּעקטאַקל אַנטפּלעקט זיך פאַר אייערע אויגן: די „פּראָצעסיע" פון שול־דאַוונערס וואָס לאָזן זיך אין און פון שול מיט די אַרבע־מינים אין דער האַנט. ספּעציעל ציט אייך די אויפמערקזאַמקייט די פאַרשיידענע אתרוג־האַלטערס, זילבערנע, מעטאַלענע, פּלאַסטישע און קאַלירן.

היינט אַז איר קומט אַריין אין דער גרויסער שול, איז ממש אַ „וואַלד" פון אתרוגים, און ווען עס קומט צו די נענועים, דאַן ווערט איר פאַר־

כאַפּט ווען עטלעכע הונדערט יידן הייבן אָן צו שאָקלען מיט די ארבע מינים אויף אַלע זייטן, און יעדער ייד לויט זיין מנהג, הינטער דער גע־שאָרשעריי פון די נענועים!

הושענה רבה האָב איך פאַר מיר געהאַט אַן אומגעוויינטלעכן ספּעק־טאַקל: די הקפות מיט די ארבע מינים אין האַנט פון עטלעכע הונדערט יידן, באַשטריימלטע, יידן אין ווייסע העמדלעך, יידן מיט קאַפּאָטעס, און צווישן זיי דערבליק איך אַ יונגערמאַן אין... שאָרט־הייזלעך, וואָס זאָגט געשמאַק די הושענות... און דרייט זיך אַרום דער בימה.

אַ גרויסע דעראַייגעניש איז פאַר מיר געווען שמחת־תורה אין שיינעם רעליגיעזן שטעטל קרית־שמואל, נעבן חיפה. טויזנטער יידן פון שטעטל האָבן זיך באַטייליקט אין די הקפות אין די פאַרשיידענע שולן פון דער אָרטשאַפט.

דערביי דאַרף מען באַמערקן די שפע פון די פאַרשיידענע שולן אין ישראל. חוץ דער צענטראַלער שול געפינט זיך אין קרית־שמואל נאָך אַ צענדליק שולן פון די פאַרשיידענע עדות: אַ ספרדישע שול, אַ מאַראָקאַנער שול, אַ דייטשע שול, אַ רומענישע שול, אַ שול פון „אגודת־ישראל“, אַ שול פון „בני־עקיבא“, אַ שול פאַר יוגנט „משמרת הצעירה“ אאַז״וו.

למשל, אין „זכרון יעקב“, אַן אָרטשאַפט פון אַרום 7,000 יידן, כ״י, זאָגט מיר דער דאָרטיקער רב, אַז ביי זיי זיינען פאַראַן „נישט מער“ ווי פופצן שולן.

אָדער אַז איך האָב באַדאַרפט געפינען אַן אַדרעס אין „פרדס ־חנה“, בעט איך אַן אַרגענטינער עולה, מיינס אַ באַקאַנטן, אַז אַזוי ווי ער גייט שבת אין שול זאָל ער זיין אַזוי גוט מיר אויפצוזוכן דעם יידן, וועמען אַ באַקאַנטער האָט מיט מיר מיטגעשיקט אַ בריוו. ענטפערט מיר דער עולה, אַז ער וועט מיט פאַרגעניגן עס טאָן, נאָר איך זאָל אים געבן גענוג צייט, ווייל עס איז טאַקע אמת, אַז ער גייט שבת אין שול אין „פרדס־חנה“, נאָר עס זיינען דאָרט פאַראַן סך־הכל דריי און דרייסיק שולן... פאַרשטענדלעך, אַז איך בלייב „אַ ביסל“ דערשטוינט פון אַזאַ ציפער...

איז האָב איך געוואָלט בייזיין די פאַרשיידענע שמחת־תורה־פייערונגען אין די שילן. אין דער צענטראַלער שיל איז געווען געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. מען גייט מיט הקפות, מען טאַנצט און מען זינגט עד לב־השמים.

רירנדיק איז דער מאָמענט ווען עס האָפּקעט אַזוי געשמאַק דער אַלטער ניינציק־יאָריקער ר׳ יאַנקל, צוזאַמען מיט די בחורים פון בני־עקיבא. אַן אמתער פאָלקס־יום־טוב! ר׳ יאַנקל באַווייזט זיך ווי אַ גאָר געניטער טענ־צער, ווייל ביז איצט איז ער מיר געווען באַקאַנט פון אַן אַנדער „פאַך״. ר׳ יאַנקל האָט שוין פון לאַנגע צייטן די „חזקה״ אין דער גרויסער שול צו טיילן אַלעמען אַ שמעק טאַבאַק פון זיין טאַבאַק־פּושקע, און אים טאָר מען נישט אָפּזאָגן קיין שמעק טאַבאַק, ווייל ער קאָן זיך באַליידיקן דערפון און איר קענט נאָך חלילה בלייבן אָן טאַבאַק. דאָס קלערט מיר אויף מיין שווער ביי מיין ערשטן באַזוך אין שיל, און איך נעם דאָס גאָר אין אַכט. און ווייזט אויס, אַז איך בין נושא־חן געווען ביי ר׳ יאַנקלען, ווייל די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין קרית־שמואל פלעגט ער מיך מכבד זיין נישט נאָר מיט אַ שמעק טאַבאַק, נאָר מיט גאַנצע דריי שמעק, און דאָס איז שוין פון זיין זייט געווען אַ גאָר געהויבענער „זשעסט״. איין שמעק טאַבאַק פלעגט טאַקע זיין פאַר מיר אַליין, אַ צווייטן שמעק, ווייל ער האָט געזען אַז איך טראָג תכלת אויפן שטייגער פון די ראַדזינער חסידים נאָך ווע־מענס רבין איך האָב דעם כבוד צו הייסן, און אַ דריטן שמעק, ווייל ער פלעגט זיך שוין דערביי דערמאָנען, אַז אויך זיין באָבע האָט געשטאַמט פון ראַדזינער חסידים... אַזוי צי אַזוי, נאָר מיט טאַבאַק־שמעקן בין איך אין ישראל געווען פאַרזאָרגט...

די שמחה פון די הקפות איז אַזוי גרויס, אַז איך באַמערק פלוצעם ווי דער בכבודיקער רב כאַפּט זיין קליין יינגעלע, זעצט אים אַרויף אויף די אַקסלען און נעמט זיך מיט אים דרייען אין אַ קאַראַהאָד.

הינטער דער צענטראַלער שיל געפינט זיך די ספרדישע שיל. הגם אַ פיל קלענערע אָבער אַ שיינע און אַ געשמאַקפולע. דאָ הער איך גע־זאַנגען אויפן אָריענטאַלישן נוסח. און דערביי לאָזן די פרויען אַרויס אַזעלכע גלעקלדיקע געקוויטשערייען, וואָס קומט פון זייערע צינגער, מיט וועלכע זיי אָפּערירן ווי מיט גלעקלעך. טייל מאָל מיין איך, אַז איך הער אינדיאַנער בעת זיי פאַלן איבער אַ ישוב. ווי מען איז דאָס געוווינט צו זען אין אַ פילם.

קעגנאיבער ווו איך שטיי־איין געפינט זיך די מאַראָקאַנער שול, וואָס וועקט מיך איבער אַלע פאַר טאָג מיט זייערע כאָרכלדיקע תפילות. היינט

איז דאָ גאָר ליהודים. די קולות און געזאַנגען טראָגן זיך ווייט אַרום.

אָבער אַ באַזונדערער ספּעקטאַקל איז געווען צומאָרגנס אין דער פרי, ווען אַ צוויי הונדערט בחורים זיינען געלאָפן און געטאַנצט מיט די תורות איבער די גאַסן פון שטעטל. דאָס זיינען געווען די תלמידים פון דער היגער ישיבה תיכונית, וואָס שמט אין דער גאַנצער געגנט, פון וואַנען מען קומט אַהינצו לערנען, איבערהויפּט מיטן פאַרשפּרייטסטן וועהיקול, ווי דאָס איז דאָ־הי דער ביציקלעט. פאַרמאָגט טאַקע דער ישיבה־בנין, פאַרן אַריינגאַנג, אַ סטאַנציע פאַר די ביציקלעטן. בכלל ווערט דאָ באַנוצט אויף שריט און טריט דער ביציקלעט. צו דער שולע, צו דער שיל, צו דער אַרבעט וכדומה. איר קענט אַזוי אַרום טרעפן יונגע שול־קינדער פאָרן צו דער שול, דעם שוחט פאָרן צום שחט־הויז, באַבערדלטע מגידים פון דער ישיבה, רבנים אאַז״וו.

די הויפּט־פייערונג איז פאָרגעקומען מוצאי־שמחת־תורה פאַרן גרויסן פּלאַץ פון דער צענטראַלער שול. טויזנטער יידן פון שטעטל און פון די אַרומיקע שטעטלעך, מיט זייערע רבנים, אַלע שילן צוזאַמען מיט זייערע מתפּללים און איבערהויפּט די יוגנט האָט זיך באַטייליקט.

די טריבונע איז געווען די הויכע טעראַסע פון דער גרויסער שיל, ווו מען האָט מיך מכבד געווען אַלס גאַסט, אויבנאַן. עס הייבט זיך אָן מיט קורצע רעדעס פון די רבנים און ראשי־העיר, און נאָך דעם פאָלגן די הקפות פאַרן גרויסן פּלאַץ פאַר דער שיל. אַלץ איז מוסטערהאַפט אָר־גאַניזירט. עס הערשט, טראָץ די טויזנטער מענטשן, אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. מען רופט־אויף צו דער ערשטער הקפה רבנים, געסט, אָנפי־רערס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. מען איז מיך אויך מכבד.

עס שפּילן אויף עטלעכע אָרקעסטערס פאַר אַ מאָל, און עס הייבט זיך אָן דער טאַנץ־געווירבל. איך ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געטאַנצט מיט אַזאַ עקסטאַז. אין מיטן געווירבל באַ־מערק איך, אַז איך טאַנץ אַקסל ביי אַקסל מיטן שטאָט־רב, אַזוי אויך מיט אַ רב פון קאַנאַדע. עס רוישט, מען זינגט, עס שפּילט דער אָרקעסטער, און אַ כאָר פון טויזנטער שטימען באַגלייט צום טאַקט.

ביים צוריקקערן זיך פון דער הקפה אויף מיין פּלאַץ אויף דער טרי־בונע, זע איך פון אויבן אַ גראַנדיעז בילד ביי דער צווייטער הקפה, וואָס

איך האָב אונטן, טאַנצנדיק, נאַטירלעך, נישט געקענט זען. אויסער די וואָס גייען מיט די הקפות, טאַנצן פאַר אַ מאָל גאַנצע קאַראַהאָדן יוגנט־לעכע וואָס פאַרפלייצן דאָס פלאַץ.

איך קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן מיטן בליק, און דאָס האַרץ וואַקסט פון נחת, טראַכטנדיק אַז דאָס טאַנצט מען מיט אַזאַ התלהבות לכבוד התורה, אין דעם איגענעם לאַנד. פּאָרט מדינת ישראל, פליסן אין מיין מוח די געדאַנקען, פּאָרט דער היכל פאַר דער יידישער תורה, די נאַטיר־לעכע ראַם פאַר אונדזער קולטור און עקסיסטענץ.

אַ מידער און באַגייסטערטער פאַרלאָז איך, נאָך עטלעכע שעה, דאָס פריילעך פלאַץ, איבערלאָזנדיק די טויזנטער יידן וואָס פרייען זיך מיט דער תורה. ביים פאַרלאָזן זע איך ווי פרישע באַטייליקערס קומען ערשט אָן צו דער שמחה.

שפּעט ביי נאַכט לייג איך זיך שלאָפן, אָבער איך קען קיין אויג נישט צומאַכן, ווייל די קלאַנגען און פרייד־קולות פאַרפלייצן דאָס גאַנצע שטעטל. דאָך בין איך שטאַרק אויפגעלייגט, וויסנדיק אַז איך נעם־מיט אַזאַ שיינעם איינדרוק פון לאַנד, וואָס איך דאַרף אין איניקע טעג אַרום פאַרלאָזן, זיך אומצוקערן קיין אַרגענטינע.

# די פרייד פון אונדזער עצמאות

מיר לעבן איצט־איבער אַן איינציקאַרטיקן מאָמענט אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע, אַ מאָמענט וואָס גאַנצע יאָרהונדערטער האָבן גע־חלומט און געטרוימט, האָבן געגעסטעט טיף אין זייערע נשמות, האָבן אויסגעבעטן און אויסגעתפילהט אין האַרצן און אין סידור, דער מאָמענט ווען מיר וועלן ווידער האָבן אַן אייגענע מדינה, צוריק אַ היימלאַנד.

דאָס וואָס ביי לאַנגע דורות איז געווען איין גרויסע האָפענונג און טרוים, איז אין אונדזער צייט געוואָרן אַ גליקלעכע ווירקלעכקייט, אַ רעאַליטעט וואָס האָט אַ הייב־געטון אונדזער קאָפּ און אויסגעגלייכט אונ־דזער רוקן, האָט אונדז אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מוט און מיט אַן אַנדער קוק און אויפפאַסונג פון לעבן.

און ווען מיר פייערן איצט און יובלען מיט אַזוי פיל פרייד און ציטער דעם 20סטן יום־העצמאות, דעם געבורטסטאָג פון דער ייִדישער מדינה, ווען אונדזערע ליפּן זיינען פול מיט בענטשונג און גליק פאַר אָט־דעם אויסעגעוויינטלעכן געפיל פון עצמאות; ווען עס רייסט זיך אַרויס פון אונדזער גאַנץ וועזן אַ „שהחיינו"־ברכה, ווענדן מיר אונדזער בליק אויף צוריק, אויף דעם לאַנגן גלותדיקן מאַרטירער־וועג, אויף דעם בלוטיקן שליאַך פון אונדזער פּיין־געשיכטע, און מיר פאַרשטייען, אַז די שמחה איז אַ כשר־פאַרדינטע.

ווייל, האָט אַ גוטער ייִד אַמאָל געזאָגט, עס שטייט „יסורים ממרקים עוונותיו של אדם, מה מלח מטעים את הבשר — כך יסורים מחזירים את האדם למוטב", ד"ה: יסורים צערייבן די זינד פון מענטשן. אַזוי ווי זאַלץ גיט אַ טעם דאָס פלייש — אַזוי קערן יסורים אום דעם מענטשן צום גוטן.

אָבער, הגם פלייש דאַרף האָבן זאַלץ, פאַרלירט דאָס פלייש דעם טעם, אַז מען זאַלצט עס צו פיל. דאָס גלייכן: מיט יסורים, אויב צו פיל: פאַרלירט עס דען נישט דעם טעם?

אַ רבי האָט אַ מאָל צוגערופן זיינס אַ חסיד און אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זיפצסטו?

— איך זיפץ אויף גלות־השכינה, האָט יענער אים געענטפערט.

— אויף גלות־השכינה דאַרפסטו זיך גאָרנישט מצטער זיין, האָט אים דער רבי געענטפערט — זי קען אייביק זיצן אין גלות און בלייבן ווי זי איז. אויף אונדז, זעסטו, אויף מיר און דיר, איז דאָ וואָס זיך מצער צו זיין, ווייל מיר קענען נישט אויסהאַלטן אַזוי לאַנג דעם גלות...

און אונדזער פאָלקס־געשיכטע קען נאָר געשריבן ווערן אויף אונדזער אייגענעם באָדן.

מען דערציילט וועגן לאָרד ביקאָנספילד, אַז ער האָט אַ מאָל געפירט אַ משפט מיט דעם גרעסטן היסטאָריקער פון זיין לאַנד. האָט מען אים געפרעגט:

— ווי גלייבט איר צו געווינען דעם משפט מיט דעם וואָס איז דער גרעסטער געשיכטע־שרייבער? האָט לאָרד ביקאָנספילד שאַרף געענטפערט:

— ער שרייבט די געשיכטע וואָס איך מאַך זי...

ביז איצטער האָבן אַנדערע געשריבן אונדזער געשיכטע, און איצט, אין אונדזער אייגן לאַנד, אין דעם לאַנד פון עצמאות, נישט נאָר שרייבן מיר אונדזער געשיכטע, נאָר מיר מאַכן זי אויך.

און דאָס דאַרפן מיר יעדן טאָג געדענקען, אַז בלויז אין אונדזער מדינה, קען אונדזער אומה זיך אויסלעבן אַ גאַנץ ייִדיש לעבן, דאָס ווייזט אונדז אַמבעסטן אונדזער לאַנגע געשיכטע.

— פאַר וואָס — האָט אַ גוטער ייִד אַ מאָל געפרעגט — דאַרפן מיר אַלע טאָג אויסקוקן אויף משיחן? גענוג, אַז ער וועט קומען, וועלן מיר זיך מיט אים פרייען?

— אָבער — האָט ער אַליין געענטפערט — מיר זיינען מחויב צו האָפן אויף זיין קומען, כדי מיר זאָלן נישט פאַרגעסן און מיינען, אַז ער איז שוין באמת געקומען...

דאָס דאַרפן אַלע ייִדן אין גלות גוט אין זינען האָבן, אַז משיח איז

נאָך דערוויילּ אין גלות נישט געקומען, און מיר דאַרפן אים אויסקוקן דאָרט יעדע רגע...

איך דערמאָן זיך, ווען מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אין ישראל, נעבן חיפה, געהאַלטן אַ קאָנפערענץ אויף דער טעמע: „יהדות אַרגנטינה״, וועגן אַרגענטינער ייִדנטום. אויפן אַנדערן טאָג, פאַרנדיק אין אַ „שרות״, אַ טאַקסי־אויטאָ, וואָס פירט זיבן פּערזאָן, באַגעגנט מיך אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט מיך נעכטן געהערט רעדן, און פרעגט מיר ווי עס געפעלט מיר דאָס לאַנד. איך הייב אָן זיך צו באַגייסטערן, און שילדער איר מיין אַנט־ציקונג פאַר דער שיינקייט פון דער מדינה, ווען פלוצעם גיט זיך צו מיר אַ דריי אויס אַ צברא פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, וואָס איז געזעסן פאַרנט און גיט מיר אַ פרעג: — אבל, אדוני, היית בא להשתקע? — אָבער, מיין הער, וואָלסט געקומען אַהער זיך באַזעצן?...

ווי איינער זאָגט: וואָס טויגן מיר אייערע לויבגעזאַנגען, דער עיקר:
— איר וואָלט געקומען צי נישט זיך באַזעצן קיין ישראל?

און אָט די פראַגע וואַרט אויף אַן ענטפער פון מיליאָנען ייִדן אין גלות.

אין אָנבליק פון דער אַזוי געגאַרטער און אויסגעקעמפּטער עצמאות דאַרפן מיר, ייִדן פון גלות, וואָס מיר זיינען, ווי באַוווּסט, דער איינציקער געטרייער אַליירטער פון דער מדינה, אַרומרינגלען דער זעלבער מיט ליבשאַפט און מיט אייניקייט.

איבערהויפּט איצט, ווען אויך אין ישראל האָט זיך די רעגירונג פאַראייניקט, אין אָנבליק פון דער גרויסער אויסערלעכער געפאַר, דאַרפן מיר אויך זיך פאַראייניקן.

אַ גדול בישראל האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ווען די גדולי־ישראל זאָלן זיך אַלע פאַראייניקן און באַשטימען אַ טאָג פון ביאת־המשיח, זיך אָנטאָן יום־טובדיקע קליידער, זיך מקדש ומטהר זיין און אַרויס אין גאַס אויפ־נעמען משיח, וואָלט משיח זיי נישט פאַרשעמט און וואָלט זיכער דאַן גע־קומען. אָבער דאָ הייבט זיך אָן ערשט די גרויסע שוועריקייט:

— ווי פועלט מען אַז אַלע גדולי־ישראל זאָלן זיך פאַראייניקן און אַרויס צוזאַמען אין גאַס?

דאָס קאָן טאָן טאַקע משיח אַליין, נאָך דעם ווי ער וועט קומען...

אין אָנבליק פון אונדזער גרויסער עצמאות־פרייד, וואָלטן מיר זיך אויך געדאַרפט פאַראייניקן אין קאַמף פאַר דער מדינה און אין קאַמף פאַר יידיש לעבן ביי אונדז. נישט נאָר ביי עמערגענץ־אַקציעס, נאָר אין דער אַלטעגלעכקייט, ווייל נאָר אין אַחדות און אהבת־ישראל ליגט די קראַפט פון אונדזער פאָלק.

אַ יידישער דענקער האָט אַ מאָל געשריבן: — צו וואָס האָט ישעיה הנביא געדאַרפט פאַרויסזאָגן זיין באַרימטע אַחרית־הימים־נבואה, וואָס לויטעט, אַז אַ שעפעלע מיט אַ וואָלף, אַ בער, אַ לייב און אַ ציג וועלן וווינען צוזאַמען, אַ קינד וועט פירן זיי אַלעמען, אַז אַזעלכעס איז דאָך שוין אַ מאָל געווען אין נחס תיבה, ווען מענטשן און אַלע סאָרטן חיות האָבן געלעבט אין איין תיבה צוזאַמען?

אָבער — האָט ער געשריבן — דאַן זיינען אַלע חיות און מענטשן געווען צוזאַמען און פאַראייניקט, צוליב דער געמיינזאַמער געפאַר פון אַ מבול. קוים זיינען זיי נאָכן מבול אַרויס פון דער תיבה, אַזוי האָבן זיי נאָך אַ מאָל געהאַנדלט לויט זייער נאַטור.

אָבער באַחרית הימים, וועלן טאַקע אַלע חיות אין אַ צייט פון שלום און נישט פון אַ דראָענדיקער געמיינזאַמער געפאַר, זיין פאַראייניקט און איינער וועט דעם אַנדערן נישט שלעכטס טאָן...

אויך מיר, דאַרפן זיין פאַראייניקן צווישן זיך, נישט נאָר אין עמער־גענץ־מאָמענטן פון געמיינזאַמער סכנה, נאָר טאַקע אין די געוויינטלעכע טאָג־טעגלעכע מאָמענטן, ווען די אומשטענדן זיינען מער־ווייניקער נאָר־מאַלע און רויקע.

זאָל אונדז די עצמאות־ישראל אין דעם גייסט שטויסן און אינספּי־רירן, צו געאייניקטע פאָלקס־רייען און געפילן פון אהבת־ישראל.

מען האָט אַמאָל געפרעגט:

— פאַר וואָס פרעגט מען „מה נשתנה" פסח, און פאַר וואָס פרעגט מען נישט „מה נשתנה" סוכות, ווען אויך די סוכה איז אַ בייעס און אַ ספּע־ציעלע איבערלעבונג?

— ווייל — איז געווען דער ענטפער — דער חידוש איז טאַקע פסח, ווען אין מיטן פון גלות דערפילט זיך דער ייד פריי און פלוצעם מלכות־דיק, דער טאַטע איז אַ מלך, די מאַמע — אַ מלכה, די קינדער פרינצן.

אָבער סוכות, ווען דער ייִד גייט אַריין אין אַ פּראָוויזאָריש בײדל, וואָס סימבאָליזירט זיין גלות־לעבן, וואָס פּאַראַ נייעס און חידוש איז עס גאָר?

דעריבער, דאַרפן מיר איצט, ווען מיר שפּירן יאָ, אין אונדזער לאַנגן גלות, דעם טעם פון מלכות, פון עצמאות, זיך פּאַראייניקן אַרום ייִדישן לעבן, אַרום דער טייערער ייִדישער מדינה, און גוט געדענקען אַז:

צוליב שנאת־חינם איז דאָס לאַנד חרוב געוואָרן, און בלויז צוליב אהבת־אחים, צולים אהבת־ישראל, קען דאָס אויפגעריכט ווערן.

דערצו איז נייטיק אַרויסצוהייבן אַלע אונדזערע קרעפטן און כוחות, צוציִען די יונגע דורות צו אונדזערע ווערטן, זיי סטימולירן און אַריינציִען אין אונדזער ייִדיש לעבן, נישט נאָר די דערוויטערטע, די וואָס ווילן נישט פון אונדז וויסן, נאָר בעיקר יענע עלעמענטן, וואָס שטייען מיט זייערע ביידע פיס אויף אונדזער ייִדישן באָדן. ווייל אין אונדזער יאָגן זיך דווקא צו יענע וואָס ווילן אונדז נישט קענען, פאַרזעען מיר דערווייל די פּאָזיטיווע אייגענע און היימישע כוחות וואָס וואָלטן געקענט פיל בייטראָגן און נוצן ברענגען אונדזערע פּאָלקס־אינטערעסן.

אין די דאָזיקע מאָמענטן פון יום־טוב און פרייד, לאָמיר, ייִדן פון גלות, אויך ווערן עצמאותדיקער, זעלבסטשטענדיקער, באַזאַכטער, און אויך אין אונדזערע מקומות שאַפן די באַדינגונגען פאַר היגע יונגע כוחות, ווייל אויב מיר וועלן זיי פאַרזען און אָפּשטויסן, קענען מיר אַ מאָל בלייבן „קרח מכאן ומכאן", אָן אייגענע עלעמענטן, און אָן די צייטווייליקע כוחות וואָס פאַרלאָזן אונדז במילא נאָכן פאַרענדיקן זייער מיסיע־קאַדענץ.

זאָל אונדז די עצמאות־ישראל שטויסן צו פּאָזיטיווע מעשים פאַר אונדזער ייִדישן אויסלעבן זיך, פאַר אַ רעווידירטער שטעלונג צו אונדזערע היגע כוחות, און צו אַן אמתער אַחדות און אהבת־ישראל!

# וועגן אונדזער שבת - יום-טובדיקייט

# שבת - דער יידישער קען־צייכן

פאַראַן אַ ווונדערבאַרער מדרש וועגן שבת: דער אויבערשטער זאָגט צו די יידן: איך האָב אַ ספּעציעלן „תבלין", אַזאַ מין גוטן געווירץ וואָס „שבת" איז זיין נאָמען. און ווער קען פילן דעם גוטן טעם פון אָט דעם געווירץ? — בלויז די יעניקע וואָס היטן אָפּ שבת.

שבת איז, אַלזאָ, דער געווירץ, דער ספּעציפישער יידישער טעם פון אונדזער אומה, וואָס טיילט זי אויס פון צווישן די אַנדערע פעלקער.

ס׳איז אַפילו אינטערעסאַנט אַז דער שבת ווי אַ רו־טאָג איז טאַקע פון אונדז דורך די דאָזיקע פעלקער איבערגענומען געוואָרן, און איז היינט אַ וועלט־קנין, און וועגן סאָציאַלן באַדייט פון אַ רו־טאָג פאַר מענטשן, פעלד און חיות, איז דאָך איבעריק צו שרייבן, ווייל דאָס איז אַלעמען זייער גוט באַקאַנט.

די וועלט וואָלט בכלל נישט געקענט עקסיסטירן אָן אַ רו־טאָג. דאָס וואָלט באַדייט אַ קייט פון פאַרשקלאַפונג, דורך וועלכער דער מין מענטש וואָלט דאָך פאַרלוירן די צורת־האָדם.

אָבער ביי אונדז יידן, האָט דער שבת אַ ספּעציעלן „תבלין". חוץ דעם צורת־האָדם באַקומען מיר אויך דעם „צלם אלקים" מיטן שבת.

איז דאָך שוין ביז גאָר פאַרשטענדלעך, וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט אונדז געגעבן דעם ג־טלעכן ביישפּיל פון דעם שבת. נאָכן באַשאַפן די וועלט, ווען ער האָט געזען אַז אַלץ איז גוט, האָט ער גערוט דעם זיבעטן טאָג.

וועגן „שבת שבתון" זאָגט רש"י: „מנוחת מרגוע ולא מנוחת ארעי", דער שבת איז אַן אָפּרו־מנוחה און נישט קיין צייטווייליקע מנוחה.

זאָגט דערויף אַן היינטצייטיקער גדול: — פאַראַן צוויי מינים אָפּרוען:

אַן אָפּרו, וואָס איז בלויז אַן אַרבעט־איבעררייס, דאָס הייסט, אַז נאָך אַ געוויסער צאָל טעג אַרבעט מוז זיך אַ מענטש אָפּרוען, כדי ער זאָל האָבן כוח ווידער אַ מאָל אָנצוגייך מיט דער אַרבעט, און פאַראַן אַ פאַרענדיקונג־אָפּרו. אָט למשל, ווען מען פאַרענדיקט אַ בנין, אָדער ווען אַ קינסטלער פאַרענדיקט אַ ווערק, דאַן נעמט ער זיך אַן אָפּרו־מנוחה, בעת וועלכער ער באַטראַכט זיין ווערק, זיין ביז איצטיקע אָפּגעטוענע אַרבעט. דאָס איז אַ קאָנטעמפּלאַטיווע, אַ באַאָבאַכטונג־אָפּרו, אין וועלכער דער מענטש שעפּט נחת פון זיין ווערק, און נישט קיין איבעררייס, בכדי ווייטער צו אַרבעטן.

דעריבער שטייט „ששת ימים תעבוד", זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, „ועשית כל מלאכתך", און דו זאָלסט אָפּטאָן דיין גאַנצע אַרבעט, מאַכט דערביי רש"י: ווען עס קומט שבת זאָלסטו זיך פילן „כאילו כל מלאכתך עשויה", ווי דיין גאַנצע אַרבעט איז שוין געענדיקט, און דאַן קען מען געניסן רויק פון אַן ענדונג־אָפּרו, מיט גליקזעליקייט און גאַנצער מנוחה, מנוחת שלווה, מנוחת שלם וחשקט ובטח.

אויך דער אויבערשטער האָט גערוט נאָכן פאַרענדיקן זיין וועלט־באַשאַף.

דעריבער איז ביי אונדז דער שבת דער זיבעטער טאָג נאָך אַ וואָך פון אַרבעט, און ביי די אומות איז דאָס גאָר זונטיק, דער ערשטער וואָך־טאָג, פאַר אַ וואָך פון אַרבעט, דאָס הייסט, אַ צייטווייליקער אָפּרו, ווייל זיי טראַכטן ערשט פון אָנפאַנגען די אַרבעט און נישט פון אַ פאַרענדיקטער אַרבעט.

איז דעריבער פאַרשטענדלעך דער אָנזאָג אין דער תורה פון: „ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם ברית עולם", און די ייִדן זאָלן אָפּהיטן שבת, צו האַלטן שבת אויף דור־דורות, אַן אייביקער בונד.

האָט איין גדול געטייטשט: אַז די תורה פאַרזיכערט אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די ייִדן וועלן טאַקע אָפּהיטן דעם שבת, אַזוי ווי עס שטייט דאָך בפירוש: „ושמרו"... „לעשות" צו מאַכן דעם שבת — ווי מאַכט מען עס שבת? — דורכן „ושמרו", דורכן אָפּהיטן. דאָס אָפּהיטן דעם שבת, דערמיט „מאַכט" מען שבת, דאָס איז די „אַרבעט" פון שבת...

ווייל, זאָגן אונדז אונדזערע ספרים: אַן אַנדער מצווה, אַפילו ווען אַ ייִד זאָל זי נישט אָפּהיטן, דערקענט מען דאָך סיי ווי אַז זי עקסיסטירט. אָט למשל: תפילין. אַפילו ווען אַ ייִד זאָל נישט לייגן קיין תפילין, זעט מען דאָך אָבער די תפילין, און מען ווייסט אַז די מצווה איז פאַראַן. אַזוי אַ טלית, אַזוי דאַוונען (אַ סידור) אאַז״וו. אָבער שבת, אויב אַ ייִד וועט דאָס נישט אָפּהיטן, וועט מען גאָרנישט דערקענען, אַז אַזאַ טאָג עקסיסטירט, ווייל ער וואָלט דאָך געוועזן ענלעך צו אַלע אַנדערע טעג, ווייל בלויז דער „ושמרו״, דאָס אָפּהיטן דעם שבת, גיט אים טאַקע דעם „תבלין״, דעם געווירץ, און טיילט אים אויס פון די אַלע אַנדערע טעג.

דעריבער טייטשט דער חידושי הרי״ם „לדורותם״, וואָס שטייט גראָד אָן אַ „וו״ אין דער תורה, „לדורותם״, אַנשטאָט דורות, טייטשט ער „דירתם״, זייער דירה, דאָס הייסט, אַז דער שבת זאָל אַרומנעמען די ייִדן, ווי אַ דירה, און זיי זאָלן אַריינגיין אינעם שבת ווי אין אַ דירה.

זאָגט טאַקע אַן אַנדער ספר, אַז ווען עס קומט שבת, און דעם ייִדס דירה איז טאַקע שבתדיק, זאָגט דאַן צו אים די שכינה: „הריני דרה אתכם״, איך וועל אויך אַריין אין אייער דירה, אלא טאָמער נישט, זאָגט זי: „אין זו דירה של ישראל...״ — דאָס איז דאָך נישט קיין ייִדנס דירה...

ווייל — האָט דער חפץ־חיים געטייטשט — „ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם״, דער שבת איז דאָך אַ צייכן צווישן דעם אייבערשטן און די ייִדן אויף אייביק. וואָס מיינט מען „אַ צייכן״? האָט ער געזאָגט: שבת איז ווי אַ שילד; אַזוי ווי אַ שילד אויף דער טיר ווייזט־אָן אויף דעם וואָס וווינט אינעווייניק אין שטוב, אַזו ווייזט־אָן דער שבת אויף דעם ייִד ווו ער וווינט... אַ געשלאָסענע קראָם אום שבת, טראָגט אויף זיך אַ ייִדישן שילד, אַ ייִדישן קענצייכן, און, חלילה, אַן אָפענע ייִדישע קראָם אום שבת, ווייזט אויפן פאַרקערטן...

איז שוין דאַן פאַרשטענדלעך דער אַריינטייטש פון יענעם רבין, וואָס האָט געפרעגט: עס שטייט געשריבן אין דער תורה, אַז „מחלליה מות יומת״ — אַז דער וואָס פאַרשוועכט דעם שבת זאָל געטויט ווערן. אַדרבה: „פיקוח נפש דוחה שבת״ — ווען דאָס לעבן איז אין געפאַר, מעג מען דאָך מחלל שבת־זיין. דאָס הייסט, אַז דאָס לעבן פון אַ ייִד שטייט דאָך העכער

פונעם שבת, איז ווי קען מען צוליבן פאַרשווערכן דעם שבת הייסן גאָר טייטן אַ ייִדן?

— אָבער — האָט ער איינגעטייטשט — ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אויף אַ לעבעדיקן ייִד. אָבער יענער ייִד וואָס איז מחלל שבת, טייט דאָך שוין אַליין אָפּ זיין ייִדישן נפש, זיין ייִדישע נשמה, דאַן איז שוין נישט קיין פראַגע פון „פיקוח נפש", ווייל דער נפש איז דאָך שוין ביי אים במילא טויט...

במילא איז שוין צו פאַרשטיין, וואָס ביי דער אַרבעט פון משכן, פון אויפשטעלן דאָס הייליקטום פון די ייִדן, האָט די תורה גלייך אָנגעזאָגט: „אך את שבתותי תשמרו" — אָבער מיינע שבתים זאָלט איר אָפּהיטן, אַפילו צו דער אַרבעט פון דעם משכן, וואָס דער אייבערשטער אַליין האָט געבעטן דורכצופירן, טאָר מען נישט פאַרגעסן אָפּצוהיטן שבת, ד"ה אַז דער שבת שטייט העכער פון אַלץ.

דער משכן, ווי באַוווסט, איז דאָך געווען דער סימבאָל פון אחדות און שלום ביי ייִדן, איז געווען דער העכסטער חינוך-אינסטרומענט פאַר דער ייִדישקייט פון דעם גייעם דור, האָט מען טאַקע דערביי דאָרטן שטרענג פאַרזאָגט נישט מחלל שבת צו זיין, אַפילו לשם משכן, אַפילו לשם חינוך. טאַקע ביים משכן, ערשט דאַן ווען מען אַרבעט לטובת אַ הייליקן צוועק, דאַרפן אויך אַלע מיטלען זיין הייליק און האַלטן הויך די פאַן פון עכטער ייִדישקייט.

דעריבער האָבן טאַקע ייִדן אַזוי זיך געאָפּפערט פאַרן שבת און גע־וואָרט אַ גאַנצע וואָך, אַז דער ליבער שבת־קודש זאָל שוין קומען.

טייטשט טאַקע איינער דאָס וואָרט „ושמרו": זיי וועלן היטן אין האַרצן, ד"ה, זיי וועלן האָפן אַז דער שבת זאָל שוין קומען, לויטן טייטש פון רש"י אויפן פסוק „ואביו שמר את הדבר" — אַז יעקב האָט געהאָפט אַז יוספס חלום זאָל מקויים ווערן.

אויף אַלצדינג וואָס די ייִדן האָבן זיך מקריב געווען, איז דאָס טאַקע ביי זיי פאַרבליבן — זאָגן אונדזערע חכמים — און דער שבת איז איינס פון יענע הייליקייטן פאַר וועלכע ייִדן האָבן זיך מקריב געווען, איז ער טאַקע ביי זיי געבליבן.

אַזוי אַז אַפילו נישט קיין פרומע זינגען מיט בענקשאַפט אויף אַלע זייערע מסיבות: „שבת זאָל זיין, „שבת אויף דער גאַנצער וועלט".

ווייל שבת איז דער טעם, דער תבלין, דאָס געווירץ פון דער וועלט. און דער „אות", דער קענצייכן בין בני ישראל, פון יידן, „לעולם", אויף אייביק.

שבת איז די גרעסטע רעוואָלוציע און פרייהייט־אויסדרוק קעגן מענטש־לעכער פאַרשקלאַפונג און פאַר גייסטיקן קומען צו זיך, זינט די מענטש־הייט שטייט.

זאָגט טאַקע מיט רעכט די גמרא, אַז: „אילו שמרו בני ישראל שתי שבתות — מיד נגאלו" — וואָלטן יידן אָפּגעהיט ווי עס באַדאַרפט צו זיין צוויי שבתים, וואָלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געוואָרן.

האָט אַ גאון געטייטשט דעם „צוויי שבתים", ווי פאָלגט:

צוויי סאָרטן אָפּרו דאַרף אַ ייד האָבן שבת: אַן אָפּרו פון גוף און אַן אָפּרו פון גייסט. ווען יידן וועלן אָפּהיטן אָט די צוויי אָפּרוען, און נישט בלויז פון גוף, וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן...

אָדער, ווי האָט דאָס געזאָגט אַ חסידישער רבי:

פאַראַן יידן וואָס דערלויבן זיך מחלל שבת צו זיין אום ווינטער, צו־ליב דער קעלט (זיי דערלויבן זיך אָנצוהייצן דעם אויוון צוליב דער קעלט) און מחלל שבת צו זיין זומער, צוליב דער היץ (אַרויסצופאָרן אין די באָד־פלעצער, וכדומה). און וואָלטן די יידן אָפּגעהיט אָט די צוויי שבתים: דעם ווינטערדיקן שבת און דעם זומערדיקן שבת, וואָלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געוואָרן...

אָדער, ווי האָט דער מאָדערנער דענקער געשריבן: מער ווי די יידן האָבן אָפּגעהיט דעם שבת, האָט זיי דער שבת אָפּגעהיט, ד"ה, אויפגעהיט; אָפּגעהיט זייער נשמה־גאַנצקייט, זייער הייליקייט, זייער יידישן טעם און געווירץ, זייער יידישע נשמה, וואָס זיי האָבן אויפגעהאַלטןביים גייסטיקן לעבן.

ווייל שבת איז דער אמתער, עכטער יידישער קענצייכן, דער שילד פון אַ יידנס וווינונג, די גייסטיקע דירה פון אַ ייד, סיי ווינטער, סיי זומער, „לעולם", אויף אייביק, סיי גייסטיק, סיי פיזיש. און דאָס איז די געשמאַק־סטע געווירץ פון דעם יידישן לעבן — אַזוי פריוואַט ווי געזעלשאַפטלעך.

איז לאָמיר, רבותי, פאַרווירקלעכן טאַקע אין אַלע אונדזערע מאַני־פעסטאַציעס פון דעם ייִדישן לעבן, און טאַקע איבערהויפּט אין די הייליקע אויפגאַבעס, ווי דאָס אויפבויען דעם משכן פון אונדזער לעבן, אינעם חינוך הדור, דאָס וואָס מיר זינגען אויף אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען:

...„שבת, שבת, שבת, זאָל זיין ייִדן שבת אויף דער גאַנצער וועלט"...

זאָל דאָס נישט בלייבן בלויז אַ שיין לידל, נאָר זאָל זיך דאָס ליד באַקליידן מיט בלוט און פלייש פון ייִדישער לעבעדיקער ווירקלעכקייט אומעטום און אויף דור־דורות, און זאָל דאָס ליד פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם לעבנס־ניגון און לעבנס־סימפאָניע פון אונדזער אַלטן דור און פון אונדזער יונגן דור און ווערן אונדזער „תבלין", אונדזער קענצייכן, אונדזער לעבנס־שילד און אונדזער לעבנס־גייסט.

# ראש־השנה – דער יום־טוב פון חשבון הנפש

אַ ווונדערלעכע און אייגנציקאַרטיקע דערשיינונג זיינען אונדזערע ימים־נוראים, ד״ה דער אופן פון פייערן דאָס אָנקומענדיקע ניי־יאָר ביי יידן.

בטבע זעט דער מענטש אויף אַנדערע זייערע פעלערן, און אַ מאָל אויך זייערע מעלות. עס ווערן געשריבן גאַנצע טראַקטאַטן וועגן דעם שטו־דיום פון יענעמס נשמה. קינסטלערס מייסטערן־אויס גאַנצע ווערק וועגן יענעמס לעבן, רעאַלע אָדער אויסגעטראַכטע, אָבער אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל זינגט דעם אָנקום פון חודש אלול ביז יום־כיפור זיך נעמען צום דערגרונ־טעווען דאָס אייגענע לעבן, אַריינבליקן אין זיך אַליין, מאַכן אַן אייגענעם חשבון־הנפש, — דאָס איז בלויז אַ יידישער צוגאַנג, אַ יידיש אייגנציקאַר־טיקע דערשיינונג אין דער מענטשהייט, און דאָס באַווייזט צום בולטסטן די דערהויבנקייט פון דער יידישער אָנשויונג און צוגאַנג.

„אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״ — משפט נישט דיין חבר ביז דו אַליין וועסט נישט קומען צו זיין מדרגה, לערנען אונדז די חכמים, אָבער אַז די גאַנצע יידישע אומה זאָל זיך אַליין משפטן, דורכפירן איבער זיך אַ געוויסן־עקזאַמען, אַ חשבון־הנפש, אַ באַלאַנס פון דעם אָפּגעטועענעם און זיך אַליין טאַפּן דעם דופק, ווי עס האַלט מיט זיין גייסטיקן „איך״, מיט זיין מאָראַל, מיט דער פּערזענלעכקייט פון יעדן יחיד, פון יעדן ייד, דאָס דאַכט זיך אונדז, איז דער איידלסטער שטריך פון אונדזער אומה.

ראש־השנה איז דער יום־טוב אין וועלכן מיר אָנערקענען אַז עס איז

דאָ אַ שופט־עליון, אַן איבערשט אויג וואָס וואַכט איבער אַלץ און וואָס פירט חשבון פון די אַלע אָפענע ווי פאַרבאָרגענע מעשים אונדזערע.

ווי זאָגט אונדז דער פרק: „עין רואה ואוזן שומעת" — אַן אויג וואָס זעט און אַן אויער וואָס הערט, און כאַפּט־אויף אַלץ. עס איז נישט לית דין ולית דיין, נאָר אַלץ ווערט גענוי געפירט מיט אַ שטרענגן און ריכטיקן חשבון.

מען האָט אַ מאָל געפרעגט אַ היינטיקן רבין, ווי קען מען זאָגן אַז עס איז דאָ אַן „עין רואה" און אַן „אוזן שומעת" — אַן אויג וואָס זעט יעדערנס מעשים און אַן אויער וואָס הערט אַלצדינג איבער דער גראָרער וועלט, האָט ער געענטפערט:

אַז טאַקע די מאָדערנע וויסנשאַפט באַשטעטיקט עס. אָט, למשל, דער טעלעפאָן, די ראַדיאָ, די טעלעוויזיע.

— מה־דאָך, אַז דו רעדסט אויף איין פלאַץ, אין אַ ראַדיאָ־קאַבינע, אין אַ קליין פאַרמאַכט צימערל, הערן דאָס טויזנטער און מיליאָנען מענטשן אין זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, אָדער עס זעען דיך מיליאָנען מענטשן אין זייערע טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן. און דאָס וואָס די ראַדיאָ און טעלעוויזיע זיינען מענטשלעכע דערפינדונגען, און ווי באַקאַנט, זיינען דאָך די מענטש־לעכע פאָרשריטן און מעגלעכקייטן נאָך גאַנץ באַגרענעצטע. היינט, ווי קענסטו צווייפלען אַז דאָס געטלעכע אויג און אויער, וואָס איז אַלמעכטיק און אומענדלעך, זאָלן נישט אַרומנעמען אַלץ און אַלעמען?

אָדער, ווי האָט דער סאַדיגורער רבי געלערנט:

— דריי זאַכן זאָלסטו זיך אָפּלערנען פון דער באַן, פון דעם טעלע־גראַף און פון דעם טעלעפאָן:

פון דער באַן זאָלסטו זיך אָפּלערנען, אַז אויב דו פאַרשפּעטיקסט מיט איין סעקונדע, האָסטו די באַן פאַרלוירן. פון דעם טעלעגראַף זאָלסטו זיך אָפּלערנען, אַז יעדעס וואָרט קאָסט... און פון טעלעפאָן זאָלסטו זיך אָפּ־לערנען, אַז דו רעדסט דאָ און מען הערט דאָרטן...

אַזוי, אַז יעדער ייִד דאַרף פאַר זיך מאַכן אַ חשבון־הנפש פון זיין לעבן, פון זיינע אייגענע מעשים און טואונגען.

ווי האָט ר' ישראל סאַלאַנטער געלערנט: אַז ווען אַ ייִד איז מכוון ביים „שמע ישראל, ה. אלקינו ה' אחד" ממליך צו זיין, ד"ה צו פּראָקלאַמירן

דעם איבערשטן אַלס קעניג פון דער וועלט, זאָל ער פּריִער אים ממליך־זיין אויף זיך אַליין...

איז טאַקע ראש־השנה, לויט דער ייִדישער טראַדיציע, נישט נאָר דער טאָג אין וועלכן די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, נאָר דער טאָג אין וועלכן דער מענטש איז אויך באַשאַפן געוואָרן. און יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, איז אַן עולם־קטן.

און ווי זאָגן אונדזערע חכמים, אַז יעדער מענטש דאַרף שטענדיק האַלטן, אַז די וועלט איז פּונקט אַ העלפט חייב און פּונקט אַ העלפט זכאי, און אַז ער איז עס דער וואָס קען איבערוועגן די וואָגשאָל מיט זיין אויפפירונג. גייט ער אויפן ריכטיקן וועג, דאַן וועגט ער אַריבער אויפן זכאי, אלא טאָמער נישט — דערפירט ער די וועלט צום חייב...

ס'איז דאָך שוין כאַראַקטעריסטיש, וואָס לויט אונדזערע חכמים, איז אדם־הראשון געמשפּט געוואָרן פאַרן ערשטן חטא אום ראש־השנה. דער איבערשטער האָט זיך צו אים געווענדט מיט יענעם באַקאַנטן רוף, וואָס דאַרף נאָך היינט אָפּקלינגען אין דער מענטשהייט:

— „אדם, איכה?״ — מענטש, וווּ ביסטו? וואָס דאָס באַדייט, אין גייסטיקע קאַטעגאָריעס: בן־אדם, וווּ האַלטסטו עס אין דיינע גייסטיקע מידות און מדרגות, אין דיין ייִדישן באַוווּסטזיין. — איכה? וווּ ביסטו?

אַז עס קומען די ימים־נוראים, הייבט דער ייִד אָן צו דערהערן אין זיך, אין זיין אינערן אָט דער רוף פון — „איכה?״.

און עס הייבן זיך אָן די סליחות, דאָס געבראָכן געוויין פון דעם ייִדישן האַרץ, וואָס שפּאַלט דעם חלל פון דער נאַכט, און וואָס שפּאַלט דעם הימל.

דאַן הייבט זיך אָן דאָס אויפציטערנדיק שופר־בלאָזן, וואָס דרינגט־אַריין אין די ייִדישע הערצער מיט זיינע געבראָכענע קלאַנגען, ענלעך צו דער געבראָכנקייט פון דעם ייִדישן האַרץ און געפילן אין די פּאָרכטיקע טעג.

די ייִדישע נשמה צאַפּלט זיך דאַן און זוכט שוץ און דערלייכטערונג, זוכט דערלייכטערונג אין די ייִדישע תפילות און פּיוטים.

אַמאָל, אַז די ייִדן האָבן געזינדיקט אומווילקערהייט, בשוגג — האָט אַ גרויסער ייִד געזאָגט — זיינען אין ארץ־ישראל געווען די זעקס ערי־מקלט, וווּ צו אַנטרינען. אָבער היינט, אַז עס זיינען קיין ערי־מקלט

נישטאָ, איז ווען אַ ייִד זינדיקט נישט־ווילנדיק, האָט ער אָנשטאָט די זעקס ערי־מקלט די זעקס ווערטער פון „שמע ישראל, ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״, אין וועלכע ער קען אַנטרינען און געפינען שוץ.

אַזוי, אַז ווען עס קומען די פּאַרכטיקע טעג, אַנטרינט דער ייִד פון זיינע פעלערן און זינד און לייטערט זיך אין סליחות און תשובה, מיט גע־בעט און מיט געוויין.

און איך האָב געלייענט אַ ווונדערלעכן אייַנטייטש פון אַ הייַנטיקן מנהיג, פאַר וואָס אַ ייִד וויינט ביי סליחות:

אַזוי ווי אין ראש־השנה איז באַשאַפן געוואָרן דער ערשטער מענטש, איז ווען אַ מענטש קומט אויף דער וועלט, איז דאָס ערשטע וואָס ער לאָזט הערן ביי זיין געבוירן, איז אַ געוויין. דערפאַר וויינען מיר ביי סליחות, ביים ווידערגעבוירן ווערן אין דעם נייעם יאָר.

— און פאַר וואָס עפּעס רופט מען צו תשובה בלויז אין דער באַשטימ־טער צייט פון יאָר, ווען אייגנטלעך דאַרף דאָך אַ מענטש טאָן תשובה אַ גאַנץ יאָר?

אָבער, ענטפערט ער ווונדערלעך:

דער רוים, דאָס אָרט, איז דער גוף פון דער וועלט. די צייט, ווידער, איז די נשמה פון דער וועלט. אַזוי ווי צו אַ קראַנקן גוף, ווען איינער איז קראַנק, פאָרט ער אויף באַשטימטע קור־ערטער, אַזוי דאַרף אויך די קראַנ־קע נשמה האָבן באַשטימטע צייטן ווען זיך אויסצוהיילן. און אַזוי ווי דער קראַנקער גוף דאַרף האָבן באַשטימטע ערטער, וואָס זיינען דער גוף פון דער וועלט, זיך אויסצוהיילן, אַזוי דאַרף אויף די קראַנקע נשמה באַשטימ־טע צייטן, וואָס זיינען די נשמה פון דער וועלט, זיך אויסצוהיילן.

און די דאָזיקע צייט איז דער חודש אלול און דער חודש תשרי — די סליחות און ימים־נוראים־צייט.

אַמאָל, ווען ייִדן האָבן געהאַט אַ בית־המקדש און פלעגן אַהינצו קו־מען אין באַשטימטע צייטן, אין די שלוש רגלים, ד״ה, פּסח, שבועות, סו־כות, האָבן זיי דאָרטן פאַראייניקט סיי אָרט, אַ באַשטימט הייליק אָרט, ד״ה, דער בית־המקדש, סיי דעם גוף פון דער וועלט און סיי די באַשטימטע הייליקע צייטן, די דריי הויפּט־ימים־טובים, ד״ה די נשמה פון דער וועלט.

אָבער נאָך דעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז די קדושה אַריבער אין בית־הכנסת, אין דער שול און אין יעדער יידישער היים.

אינטערעסאַנט איז טאַקע דער פאַקט, וואָס די שול איז געוואָרן אַ מקדש־מעט, אַ בית־המקדש אין מיניאַטור, און איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויטן מוסטער און לויט די סימבאָלן פון דעם בית־המקדש.

אָט, למשל, איז דער שולחן, ד״ה, דער שול־באַלעמער, כנגד דעם מזבח אין בית־המקדש. די לייכטערס — אַנטקעגן דער מנורה, דער אָרון־קודש — אַנטקעגן דעם אָרון־הברית, דער פאָרהאַנג — אַנטקעגן דעם פרוכת, דאָס מאַכן קידוש איבער וויין — קעגן ניסוך־היין אין בית־המקדש, אאַ״וו.

און דאָס גלייכן איז עס יעדע יידישע היים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מקדש. אָט, למשל, איז דער טיש אין אַ יידישער היים כנגד דעם מזבח, און ביים מאַכן קידוש, דאַרף דאָס מעסער זיין איבערגעדעקט מיטן חלה־טישטעכל, כדי פּונקט ווי מען האָט אויפן מזבח נישט געטאָרט אויפהייבן אַן אייזן, וואָס איז דער סימבאָל פון פאַרניכטונג, צעשטערונג, טויט און רציחה, אַזוי טאָר נישט אויפן שטוב־מזבח אויך נישט געזען ווערן קיין מעסער בעתן מאַכן קידוש. אַזוי ווי אויפן מזבח איז שטענדיק געווען זאַלץ, ווי אַ סימבאָל פון ריינקייט, ווייל זאַלץ דערלאָזט נישט צו פאַרדאַרבונג, אַזוי דאַרף זיך אויך געפינען זאַלץ ביי דער „המוציא״ אויפן היים־מזבח, אויפן יידישן טיש.

אַזוי אַרום, אַז היינט איז יענע קדושה, וואָס איז געווען צענטראַליזירט בלויז אויף איין אָרט, אין בית־המקדש אין ירושלים, אַריבער צו יעדער יידישער שול און צו יעדער יידישער היים, ווו מען דאַרף אין יעדן מאָמענט און נישט נאָר אין באַשטימטע צייטן, הייליקן דאָס יידישע לעבן און פאַרוואַנדלען די יידישע שטוב אין אַ הייליקייט, אין אַ מקדש־מעט, אײבערהויפּט אין די יידישע שבתים און ימים־טובים, ווי מיר זאָגן עס אין דער ברכה:

— „מקדש ישראל והזמנים״, ג־ט וואָס הייליקט די יידן און די צייטן!

און אַז עס קומט ראש־השנה, הייבט דער ייד אָן צו מאַכן אַ חשבון־הנפש פון זיין יידישקייט־משכן, ווי עס האַלט מיט זיין קידוש־הזמנים, דאָס הייסט, מיט זיין הייליקן דאָס לעבן, וואָס איז אַ קייט פון צייטן.

און אין יעדן ראש־השנה, אין דעם טאָג ווען דער ערשטער מענטש איז געבוירן געוואָרן, ווערט ווידער יעדער ייִד פון דאָס ניי געבוירן און דערהייבט זיך צו אומגעאַנטע הייכן.

ווי האָט יענער גוטער ייִד געטייטשט:

—ייִדן זיינען געגליכן צו דעם זאַמד ביים ברעג ים און אויך צו די שטערנס פון הימל. אַז ייִדן זיינען געפאַלן, זיינען זיי אַזוי נידעריק ווי דער זאַמד ביים ברעג פון ים, אָבער אַז זיי דערהייבן זיך, זיינען זיי אַזוי הויך ווי די שטערנס אין הימל.

אַזוי, אַז די ברירה ליגט אין דעם ייִדס האַנט אַליין.

וויל ער, קען ער זיך דערהייבן ביז די שטערנס צו דערלאַנגען, אלא טאָמער נישט — קען ער זיין געפאַלן ווי דאָס זאַמד.

און מיר האָבן ערגעץ געזען, צווישן אַנדערע פילאָסאָגישע טייטשן, פונעם וואָרט „שנה״, אַז עס זאָל קומען פון דעם זעלביקן שורש ווי דאָס וואָרט „שנוי״, דאָס הייסט — ענדערן זיך; אַז דאָס קומענדיקע יאָר זאָל זיין אַנדערש ווי דאָס אַוועקגעגאַנגענע, ד״ה, בעסער, וואָס דאָס איז די שטרעבונג פון יעדן ייִד ווען עס קומט ראש־השנה, עס זאָל זיך אָנפאַנגען אַ בעסער יאָר, אַ יאָר פון הייליקן דאָס ייִדיש לעבן, פון פאַרוואַנדלען די ייִדישע היים אין אַ מקדש, פון מקדש־זיין ישראל און די זמנים, ד״ה, אַריינברענגען שבת־יומטובדיקייט אין דער שול, אין דער ייִדישער היים, און זיך דערהייבן צו די גרעסטע הייכן, צו קענען אַזש דערלאַנגען ביז צו די שטערנס פון הימל.

# חנוכה – דער אויסדרוק פון עכטער ייִדישקייט

אין חנוכה קומט בולט צום פולסטן אויסדרוק דער גייסט פון עכטער ייִדישקייט, די ייִדישע אַנשויונג און וועלט־אויפפאַסונג, דער זיג פון דעם ייִדיש־עטישן קוק און גייסטיקן מהות איבער די אויסערלעכע עסטעטישע פאָרמען און פיזישער פאַרהערלעכונג פון דער נישט־ייִדישער קולטור.

חנוכה איז אַן און פאַר זיך אַ טיפער אַריינבליק אין אונדזער פאָלקס־נשמה און אַרט דענקען, איבערהויפּט ביים צונויפטרעפן זיך און צוזאַמענשטויסן זיך פון צוויי קעגנזאַצלעכע אַנשויונגען, פון וועלכע מיר זיינען אַרויס, אַ דאַנק דעם איינגעוואָרצלטן ייִדישן לעבנס־קוק און לעבנס־גייסט, פעלדזן־שטאַרקע, און מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער ספּעציפישן אייגנאַרט אַלס פאָלק און זיך ווייטער געגאַנגען דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון אונדזער אומה אינערהאַלב דער וועלט פון גייסט און אויפפאַסונגען.

און אַ דאַנק דער השגחה, זיינען מיר ביים צוזאַמענשטויס מיט דער פאַרבלענדעדיקער און לאָקנדיקער גריכישער קולטור, אַרויס געלייטערטע פון אונדזער קולטור־קאַמף. און הגם גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק זיינען מיטגעריסן געוואָרן דורך דער אויסערלעכער צוציִונג און גלאַנץ פון דער גריכישער קולטור, האָט דאָך געזיגט דער געזונטער ייִדישער גייסט, פאַרקערפּערט אין די חשמונאים, אין די מכבייער, וואָס האָבן טאַקע זייער פאָן, זייער נאָמען געשאַפן פון דער לאָזונג פון „מי כמוך באלים ה׳״ — ווער איז נאָך גרויס אַזוי ווי דו, ג׳ צווישן די אָפּגעטער.

ווייל לויט אונדזער ייִדישער אויפפאַסונג, לויט דער דערציילונג פון אונדזער חומש, איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן „בצלם אלקים״ — אין

ג־טס פאָרעם. האָבן דאָך שוין אונדזערע חכמים געטייטשט: אַזוי ווי דער אייבערשטער האָט כלל וכלל נישט קיין פאָרעם און געשטאַלט, מיינט מען דערמיט זיינע מידות. „מה הוא רחום" — אַזוי ווי ער איז באַרעמהאַרציק, אַזוי דאַרפן מיר דאָס זיין. „מה הוא חנון" — אַזוי ווי ער איז לייטזעליק, אַזוי דאַרפן מיר דאָס זיין. דאָס הייסט, מיר זיינען געשאַפן אין געטלעכן גייסטיקן פורעם, אין דעם געשטאַלט פון זיינע מידות.

דעריבער זוכן מיר צו דערנענטערן דעם מענטשן צום אייבערשטן, וואָס נענטער צום „צלם אלקים".

ווידער, ביי די גריכן, איז גאָר פאַרקערט: זיי האָבן באַשאַפן זייערע אָפּגעטער „בצלם אדם", אין דער פאָרעם און ממש אין דעם געשטאַלט פון דעם מענטשן, אַזוי פיזיש ווי גייסטיק.

ביי זיי זעען־אויס זייערע אָפּגעטער ווי מענטשן. קעמפן ווי מענטשן, האַסן ווי מענטשן, ליבן זיך ווי מענטשן, רויבן זיך צו די פרויען, וכדומה, וכדומה.

בעת מיר דערהייבן דעם מענטש צו געטלעכע הייכן, האָבן זיי אַראָפּ־געניִדערט זייערע אָפּגעטער צו מענטשלעכער נידעריקייט.

זיי האָבן אַראָפּגעניִדערט זייערע אָפּגעטער ביזן אָלימפּ, ביזן באַרג פון די מענטשן, בעת ביי אונדז איז משה רבנו אַרויפגעגאַנגען צו ג־ט.

אין דעם ליגט דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן די צוויי קול־טורן, די גריכישע און די ייִדישע.

אַזוי ווי זייערע אָפּגעטער זיינען אין אַלץ ווי מענטשן, איז בכן זייער געטלעכקייט, אַפילו לויט דער גריכישער אויפפאַסונג, זייער אַ באַגרע־נעצטע.

דעריבער איז ביי זיי איין אָפּגאָט דער גאָט פון ים, דער צווייטער פון פייער, דער דריטער פון ליבע, אאַז״וו א״וו.

איין אָפּגאָט מישט זיך נישט אין דעם געביט פון דעם צווייטנס הער־שאַפט. דאָס הייסט, זייערע געביטן און מעגלעכקייטן זיינען באַגרענעצטע, פונקט אַזוי ווי ביי די מענטשן, און נישט אַזוי ווי ביי אונדז, וואָס אונדזער ג־ט איז אומענדלעך, „בלי ראשית, בלי תכלית", אָן אַן אָנפאַנג און אַ סוף. אַ כל יכול, ער נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען, „ולית אתר פנוי מיני", און עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ וואָס איז פריי פון אים, און „כבודו מלא עולם".

איז שוין זייער אינטערעסאַנט און עכט־יידיש דער מאָטיוו, לויטן „משנה ברורה״, אַז ווען אַ ייד וואַכט־אויף פון שלאָף, דאַרף ער נאָך, זיצנדיק אויפן בעט, און איידער ער שטעלט נאָך אַראָפּ אַ פוס, אָנטאָן אַ העמד און נישט אַראָפּגיין בלויז ווייל „לית אתר פנוי מיני״, ווייל אַפילו אין די חדרי־חדרים, אין דער גרעסטער אינטימיטעט, דאַרף דער מענטש וויסן אַז אויך דאָרט געפינט זיך, אין יעדן ווינקעלע, די געטלעכקייט.

דאָס איז דאָך אַ וווּנדערבאַרער אויסטייטש פון יידישער צניעות און אויפפאַסונג פון דעם „צלם אלקים״, אַז דער מענטש דאַרף אומעטום, אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען, אויך וויסן, אַז דאָרט איז דער אויבערשטער.

און ווי פלעגט עס דער קאָצקער רבי פרעגן:

— ווו וווינט דער אויבערשטער?

— אין אַ שטיבעלע וואָס איז קליין, אין אַ האַרץ, וואָס איז ריין.

יאָ, לויט דער יידישער אויפפאַסונג, וווינט אומעטום דער אויבערשטער, אין דעם קלענסטן שטיבל, אינעם האַרץ פון יעדן מענטשן, איבערהויפּט ווען עס איז ריין.

ווי זאָגט דאָס דער „חובת הלבבות״:

— „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, זאָלן זיי, די יידן, מיר מאַכן אַ הייליקטום — אַזוי זאָגט ג־ט — און איך וועל אין דעם רוען. דער מקדש, דאָס איז לב־האדם, דעם מענטשנס האַרץ, וואָס דאָס איז דאָס הייליקסטע ווו די שכינה רוט.

דעריבער איז ביי זיי אַלץ באַזירט אויף מענטשלעכע אויסערלעכע פאָרמען, בעת ביי אונדז — אויף געטלעכן גייסט.

פיזישע פאָרמען זיינען ענדערבאַרע, טוישן זיך, ווערן אָפּגעבליאַקעוועט, אָבער גייסט — בלייבט איבער אָן ענדערונגען און גייט אַזוי אַריבער מדור לדור.

דעריבער האָט זיך די גריכישע קונסט אויסגעדריקט אין סטאַטועס, שטיינערנע סקולפּטורן. ביי אונדז ווידער — אין לעבנס־קונסט.

איז דאָך אינטערעסאַנט, אַז פון די אַמאָליקע גריכישע סטאַטועס און שטיינערנע טעמפּלען געפינען מיר היינט בלויז איבערבלייבעכצן, אויסגעקרימטע זיילן פון גראַנדיעזע באַרימטע געביידעס, סטאַטועס אָן נעז אָדער אָן אַ פוס, צי גאָר אָן הענט, דאָס הייסט, קריפּלס, פעלערהאַפטע

פיגורן, איבער וועלכע די צייט האָט געהאַט אַ שליטה, בעת אונדזער עטיק איז געבליבן פריש און גאַנץ.

בעת מיר געפינען ביי זיי פיגורן קריפּלען, איז גאָר אונדזער תורה אַ „תורה תמימה", אַ גאַנצע תורה. אדרבה: די אַמאָליקע חמשה חומשי־תורה, זיינען געוואָרן פאַרפּילפּאַכט, עס זיינען צו זיי צוגעקומען אַ תורה שבעל־פה, אַ ים־התלמוד, אַ רמב"ם, אַ שלחן ערוך אאַז"וו. וואָס מאַכן זיי נאָך פולער, נאָך גרעסער ווי געווען.

האָבן דעריבער די גוי׳ים געגעבן דער וועלט שטיינערנע קונסט, וואָס איז סוף־כל־סוף נישט אייביק דויערנדיק, דאַן ווען מיר האָבן דער וועלט געגעבן אַ תורת־חיים אַ לעבנס־קונסט, וואָס איז אייביק.

האָט דער גרעסטער גוי׳שער סקולפּטאָר, מיקעל אַנדזשעלאָ, געגעבן דער וועלט אַ סטאַטוע פון משה רבנו, אַ שטיינערנעם משה, אַ טויטן משה, בעת מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ לעבעדיקן משהן, וועמענס תורה, די תורת־משה, לעבט און צעבליט זיך בכל דור ודור.

האָט לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי געגעבן דער וועלט די שענסטע מאָלעריי פון אַ פרוי, די „זשיאָקאָנדאָ", אָבער וואָס איז אַ טויטע פיגור, אַ טויטע שיינקייט וואָס איז סוף־כל־סוף נישט אייביק. מען האָט זי שוין געפּרווט קאָנפיסקירן, צוגנבענען, זי קען פאַרברענט ווערן אָדער דערטרונקען ווערן, בעת מיר האָבן געגעבן דער וועלט אַן אייביקע שיינקייט פון אַ פרוי, וואָס קען אייביק לעבן דורך דער צייט, אַן — „אשה יראת־ה׳ היא תתהלל", אַ פרוי אַ גאָטספאָרכטיקע, זי ווערט ביי אונדז גערימט.

ווייל פיזישע שיינקייט פאַרגייט סוף־סוף, ווערט פאַרוויאַנעט, אָפּגעבליאַקעוועט, אַלט און צעקנייטשט, נאָר די גייסטיקע טוגנדן פון אַ ג־ט־פאָרכטיקער פרוי, איז אויסער דער צייט־שליטה, איז אַן אייביק־דויערנדיקע פרוי.

ווי זאָגט עס דער גרויסער פרויען־מבין, שלמה המלך, וואָס האָט אַליין פאַרמאָגט טויזנט לעבעדיקע „זשיאָקאָנדאָס": — „שקר החן והבל היפי", עס איז אַ ליגן דער חן און „ס׳איז נישטיק די פיזישע שיינקייט", נאָר — „אשה יראת־ה׳ היא תתהלל", נאָר אַ גאָטספאָרכטיקע פרוי, זי וועט געלויבט און גערימט ווערן.

איך האָב אַגב, אַמאָל געהערט אַ רב דאָס אויסטייטשן:

— רבותי: ס׳איז היינטיקע צייט גאָר נישט גוט, ווען „שקר החן והבל היפי״, ווען דער שקר האָט חן, און דער הבל איז שיין״...

ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז נישט אין דער מאַטעריע ליגט די מענטש־לעכע קראַפט, נאָר אינעם גייסט.

אין דער מאַטעריע ענדערט זיך אַלץ און פאַרגייט, אַז „הגווילין נשרפין והאותיות פורחות באויר״, די פאַרמעטן ווערן פאַרברענט, אָבער די אותיות, דאָס הייסט, דער גייסט שוועבט אין דער לופטן.

אָט, למשל, האָט זיך געענדערט די שריפט. ביי אונדז אַליין האָבן מיר אַמאָל געהאַט אַ כתב־היתדות, אַ פלעקל־שריפט, נאָך דעם כתב עברי, נאָך דעם דעם היינטיקן כתב אשורי, אָבער די ווערטער זיינען די זעלביקע.

אַמאָל האָט מען געשריבן אויף ליימענע טאָוולען, אויף פאַפּירוסן, שפּעטער אויף פאַרמעט, נאָך דעם אויף פּאַפּיר, און אַזוי וועט זיך אַלע מאָל די מאַטעריע פון דעם שריפט ענדערן, אָבער נישט דער גייסט, די געדאַנקען. זיי זיינען אייביק און גייען איבער פון דור צו דור, אין יעט־ווערדער פאָרעם און אין יעטוועדערן מאַטעריאַל.

דעריבער האָט שוין משה רבנו אַליין פאַרשטאַנען, ווען ער איז אַראָפּ פון באַרג מיט די שטיינערנע לוחות, און דערזען אַז די ייִדן האָבן זיך געמאַכט אַן עגל־הזהב, אַ גאָלדענעם קאַלב, האָט ער די שטיינערנע לוחות צעבראָכן, צעשטויסן און צעמאָלן ,ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט אין שטיין ליגט די קראַפט, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען אויסצו־קריצן די צען געבאָט אויף די לוחות פון האַרצן. ער האָט זיי געלערנט, די ייִדן, פערציק יאָר און זיי זיינען עס טאַקע געבליבן ביז היינט צו טאָג.

ביי זיי איז אַלץ געבליבן אין שטיין, פאַרשטיינערט, און ביי אונדז — אין לעבן. עס איז פון זייער קונסט געבליבן סטאַטועס און פיגורן, און ביי אונדז אַ תורת־החיים, אַ לעבנס־קאָדעקס, אַ לעבנס־סיסטעם, אַ לעבנס־קונסט, וואָס איז אייביק־דויערנדיק, דינאַמיש, און איז איבער צייט און רוים.

און ס׳האָט עס שוין דער נביא קלאָר פאָרמולירט: „לא בחיל ולא

בכח, כי אם ברוחי — אמר ה׳ צבאות״, נאָר אין דעם גייסט ליגט די קראַפט.

און אָט די קראַפט קומט צום אויסדרוק אַמבולטסטן אין חנוכה. דער גאַנצער יום־טוב איז אַ צייכן פון דעם זיג פון גייסט איבער דער מאַטע־ריע, און דער סימבאָל דערפון זיינען עס די ליכט.

בעת דער פלאַם פון ליכט וואָס ברענט און העלט־אויף, וואָס סימ־באָליזירט דעם גייסט. דאָס ליכט גופא ווערט פאַרברענט, אָבער דאָס וואָס בלייבט איז דער פלאַם. דאָס ליכט גופא, ד״ה, די מאַטעריע פונעם ליכט, טאָר מער דערפון אַפילו קיין הנאה נישט האָבן, ווייל „הנרות הללו קודש הן ואין לנו רשות להשתמש בהן, אלא לראותן בלבד״, ווייל זיי זיינען הייליק, די ליכטעלעך, און מיר טאָרן מיט זיי זיך נישט באַנוצן, נאָר זיי בלויז אָנקוקן, דערזען אין זיי דאָס ליכט פון דעם יידישן גייסט.

האָב איך טאַקע ערגעץ געזען דעם וווּנדערלעכן אויסטייטש וועגן דעם אונטערשייד צווישן חנוכה און פורים:

בעת אַחשוורוש האָט זיך בלויז פאַרמאָסטן אומצוברענגען דעם יידישן גוף, „לאבד, להשמיד, להרג״ — צו הרגענען, צו פאַרטיליקן, צו אומברענגען פיזיש דאָס יידישע פאָלק, האָט זיך אַנטיוכוס פאַרמאָסטן אומצוברענגען גייסטיק אונדזער אומה. דעריבער פייערט מען פורים, מיטן פראַווען אַ סעודה, דאָס הייסט, אַ יום־טוב פאַרן גוף און חנוכה פייערט מען מיט ליכט — דאָס הייסט, אַ יום־טוב פאַרן גייסט.

יאָ, חנוכה איז דער יום־טוב פון ליכט, פון גייסטיקן פלאַם, וואָס ברענט העל אין יעדן מאַטעריאַל. די מאַטעריע פון דעם ליכטעלע קען זיך און וועט זיך ענדיקן, אָבער דער פלאַם פון גייסט איז אייביק. דאָס איז דאָס ליכט פון דער יידישער עטיק, וואָס שטייט איבער צייט און רוים, וואָס לעבט־איבער די ענדערלעכע עסטעטישע אויסערלעכע פאַר־מעך, וואָס זיינען בלויז „להשתמש״ — צום נוצן — און סוף־סוף צום פאַרגיין, אָבער דאָס ליכט פון אונדזער גייסט איז „לראותו״, צו זען עס שטענדיק; אייביק ברענען, אייביק לייכטן און באַלייכטן אונדזער גאַנג אויף דער וועלט.

# בימים ההם בזמן הזה

די געשיכטע, כידוע, חזרט זיך איבער. אַזוי קענען מיר צי׳ען אַ דירעקטן פּאַראַלעל פון דעם אורשפּרונג פון יידישן פאָלק ביז צו די היינטיקע טעג און געפינען איין און די זעלביקע ליניע וואָס כאַראַקטע־ריזירט די מעשים און דערשיינונגען פון דאַן ביז היינט, פון „בימים ההם" ביז „בזמן הזה".

געפינען מיר שוין אין דער תורה וועגן דער ערשטער מלחמה בכלל און פון ערשטן ייד, אונדזער אַברהם אָבינו בפרט. אַברהם, דער פאַר־שפּרייטער פון דעם מאָנאָטעאיסטישן געדאַנק אויף דער וועלט, דער מוס־טער פון חסד און צדק, וואָס פאַרשפּרייט די אידעע פון איין־און־איינ־ציקן ג' דורך טאָן גוטס מענטשן דורך געבן זיי עסן און אַ געלעגער, און נאָכן אָפּעסן, ווען די דאַנקבאַרע וואַנדערערס און אורחים ווילן אים פאַר זיין גוטסקייט בענטשן, זאָגט ער זיי: — איר עסט דען מיינס? בענטשט בעסער דעם, וואָס גיט אונדז צו עסן. און אַזוי דערנענטערט ער מענטשן צו דער שכינה.

אַברהם, וואָס זיין געצעלט האָט אַריינגעגנג פון אַלע פיר זייטן, בכדי דער מידער וואַנדערער זאָל זיך נישט דאַרפן אָנשטרענגען און מי׳ען צו געפינען די טיר, פון וועלכער זייט ער זאָל נישט אָנקומען, ווערט וועגן אים אין ערגעץ נישט אין דער תורה געבראַכט, אַז מען זאָל אים דערפאַר בענטשן. נאָר נאָך דעם ווי ער באַזיגט די פינף מלכים וואָס האָבן גע־פאַנגען זיין פלימעניק לוט, שטייט, אַז „מלכי צדק" — דער מלך פון שלום (ירושלים) — „הוציא לחם ויין ויברכהו" — קומט אים אַנטקעגן מיט ברויט און וויין און בענטשט אים. ווען? — „אחרי חכותו את כדר לעומר" — נאָכן ווייזן נישט נאָר זיין גוט האַרץ, נאָר זיין מעכטיקע

פויסט, נאָכן זיג איבער די שונאים. און אינטערעסאַנט, אַז נישט נאָר דער מלך פון דער רשעותדיקער סדום קומט אים אַנטקעגן נאָך זיין זיג, נאָר אַפילו מלכי־צדק, דער „כהן לאל עליון", בענטשט אים נאָך זיין „קלאַפּ". משמעות אַז פאַר דעם האָבן רשעים און צדיקים גרויס דרך־ארץ...

ס׳איז זיכער אַן אַבסורד. אַברהמס גרויסקייט איז זיכער נישט באַ־שטאַנען אין יענער מלחמה. ער איז אַברהם צוליב זיינע מידות און זיין גייסט. אָבער, הפנים, אַז פאַר דער וועלט איז דאָס נישט אַזוי וויכטיק ווי „אחרי הכותו את כדרלעומר". צום באַדויערן איז דאָס אַן אומבאַ־שטרייטלעכער פאַקט אין אונדזער געשיכטע, איבערהויפּט אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט.

און אינטערעסאַנט איז, אַז דער ערשטער ייִד אימפּאָנירט זיך אַזוי מיט זיין גבורה בלויז אין זיין אייגענעם לאַנד, אין ארץ־ישראל. דאָקעגן, אין חוץ־לארץ, ווען ער נידערט, למשל, קיין מצרים, דאַן בעט ער שרהן זי זאָל אַפילו נישט אויסזאָגן אַז ער איז איר מאַן, נאָר אַ ברודער. דאָ, אין גלות, איז ער טאַקע אַ נאָמענלאָזער אַברהם, בשעת אין ישראל יאָגט ער נאָך און צעקלאַפּט גאַנצע פינף מלכים...

דעריבער טייטשן טאַקע אַ סך מפרשים, אַז ווען דער אייבערשטער זאָגט־אָן אַברהמען דעם „לך־לך", דאָס גיין קיין ארץ כנען, הייסט ער אים גיין „אל הארץ" — צום לאַנד — „אשר אראך" — וואָס איך וועל דיך ווייזן, אייגנטלעך, וואָלט געדאַרפט שטיין: „אשר אראה לך" — וואָס איך וועל דיר ווייזן. נאָר, זאָגן טאַקע די מפרשים, מען מיינט דאָס לאַנד וואָס איך וועל דיך, דעם ייִדן, ווייזן, פאַר דער גאַנצער וועלט. ווו אַ ייִד וועט זיך קענען באַווייזן אַלס אַזעלכער אין זיין גאַנצער גרויסקייט און גבורה, און דאָס קען נאָר געשען אין ארץ־ישראל.

דאָס גלייכן זעען מיר ביי יעקב אָבינו. ווען עשיו קומט אים אַנט־קעגן, ציטערט ער פאַרן גורל פון זיין משפחה און ער גרייט זיך צו צו „דורון", צו שיקן אים אַ מתנה, צו תפילה און צום לעצט — בלית ברירה — צו מלחמה.

אָבער ווי נאָר זיי זיינען שוין אין ארץ־ישראל און עס געשעט אַן עוולה מצד די דאָרטיקע איינוווינערס דינהן, זיין טאָכטער, נעמען די

צווײ ברידער, נאָך גאָר יונגע ייִנגלעך, שמעון ולוי, „איש את חרבו“ און הרגענען־אויס אַ גאַנצע שטאָט, שכם. דאָ, אין ישראל, ווערן די קינדער ממש גיבורים און וואַרפן־אָן אַן אימה אויף די גויִים.

דאָס גלייכן איז געשען ביים נס פון חנוכה. אַ קליין הייפעלע ייִדן, אָנגעצונדן דורכן פלאַם פון „מי לד׳ אליו“, דורכן מאָנאָטעיִסטישן אי־דעאַל פון אַברהם אָבינו, קעמפן־אויס די באַפרייונג פון דעם לאַנד מיט זייער גבורה, מיט זייער פיזישן קאַמף. אמת, אַ קאַמף אינספּירירט אין דער עכטער חשמונאישער ייִדישער קדושה, אַ קאַמף קעגן העלעניזאַציע, וואָס ציט זיך שוין יאָרן, אָבער וואָס דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט דורך דער פיזישער גבורה פון מעטים קעגן רבים, פון ווייניקע קעגן פיל. ווייזט־אויס, צום באַדויערן, אַז די שונאים פאַרשטייען נישט אָפּצו־שאַצן די שפּראַך פון דער ייִדישער אידעע, פון די ייִדישע מידות, פון דער ייִדישער עטיק און מאָראַל, פון דער ייִדישער לויטערער קולטור, פון דעם קרישטאָל־ריינעם ייִדישן צוזאַמענלעבן, נאָר פאַר זיי איז נאָר גילטיק די שפּראַך פון „אחרי הכותו את כדרלעומר“ פון אַברהמען, אָדער דער „איש וחרבו“ פון יעקבס קינדער.

דאָס איז געווען „בימים ההם“, אין די פאַרשיידענע געשיכטע־עפּאָ־כעס וואָס אונדזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט, און אַזוי איז עס אין אונ־דזערע טעג, „בזמן הזה“.

ווער עס האָט אויגן און אויערן און זעט דאָס ייִדישע לאַנד, דאָס פּולסירנדיק לעבן, דעם קולטור־שטראָם, דעם הויכן לעבנס־גייסט, דעם טעכנישן אימפּעט און ניוואָ; די באַדייטונגפולע ראָל וואָס די טייערע ייִדישע מדינה קען שפּילן אין דעם גאַנצן אָריענט, ווי אַ ביישפּיל און מוסטער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט — מוז בלייבן פאַרבליפט, מוז דאָך זיין איבערגעצייגט אין דעם גרויסן ווונדער און נס וואָס הייסט „ישראל“. אָבער נישט אַזוי פאַרשטייען עס אונדזערע שונאים, פון די מלכי־סדום ביז די געקרוינטע „מלכי־צדק“, ביז די „כהנים לאל עליון“. זיי פאַרשטייען נאָר, צום באַדויערן, די צווייטע שפּראַך פון אונדזערע גיבורים און קדושים, די שפּראַך פון די „סיני־אַקציעס“ און „מלחמה פון די זעקס טעג“. איז דאָס זיכער דער גרעסטער אַבסורד, איז דאָס זיכער

די באַדויערונגפולסטע דערשיינונג, אָבער, לײדער, איז דאָס אַ װירק־לעכקײט.

אַנשטאָט צו פאַרשטײן די גאָר ערשטע סיני־אַקציע פון אונדזער פאָלק, דעם מעמד־הר־סיני, דעם מתן־תורה, מיט װעלכן אונדזער פאָלק איז אַנטשטאַנען װי אַזעלכער, װו עס האָט פּראָקלאַמירט דעם „לא תרצח" און די אַנדערע שײנע געבאָטן; אַנשטאָט אַנצונעמען און צו אַנערקענען אָט יענע ג־טלעכע „סיני־אַקציע", װאָס איז דער יסוד פאַרן גאַנצן קיום פון דער מענטשהײט, פאַרשטײען אונדזערע שונאים בלויז די פיזישע סיני־אַקציע.

אַנשטאָט צו פאַרשטײן די ערשטע „אַקציע פון די זעקס טעג" פון דעם אײבערשטן, פון דעם װעלטבאַשאַף אין זעקס טעג, פון דעם באַ־שאַפן דעם מענטשן אין דעם זעקסטן טאָג, ער זאָל געװעלטיקן אין אַ װעלט פון „כי טוב", אָדער אַנשטאָט צו פאַרשטײן די אַקציע פון „זעקסטן" טאָג סון סיון, פון געבן אַ תורה פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן צװישן מענטש און מענטש, פאַרשטײען זײ נאָר די פיזישע אַקציע פון די „זעקס טעג".

איז אויב די װעלט פאַרשטײט דאָס נישט, לאָמיר כאָטש מיר אַלײן דאָס אַזוי פאַרשטײן; מיר אַלײן לאָמיר לפחות װיסן, אַז די גאַנצע גרויס־קײט פון אַן אַברהם, פון אַ יעקב, פון דעם ייִדישן פאָלק, זײערע קינדער, באַשטײט דווקא אין די אורשפּרינגלעכע „זעקס טעג" און „סיני־מעמד".

און אַז אַפילו דער חנוכה־קאַמף „בימים ההם" איז אויך אינספּי־רירט געװוען אין יענע אַקציעס, מיר מאַכן חלילה נישט אַװעק די הײנ־טיקע גבורות, אָבער לאָמיר כאָטש װיסן, אַז אויך די װאָרצלט אין דעם אוראַלטן ייִדישן פײער און פלאַם פון אונדזערע אָבות, פון זײערע אידע־אַלן פון חסד וצדק, פון זײערע געדאַנקען װעגן ג־טלעכער הערשאַפט איבער דער װעלט און נישט פון פיזישער ברוטאַליטעט.

פרעגט מען דאָך טאַקע: — פאַר װאָס פײערט מען חנוכה בלויז מיט די ליכטעלעך און פורים מיט אַ סעודה?

און דער ענטפער איז אַ שײנער און אַ קלאָרער:

— װײל חנוכה האָט מען געװאָלט אומברענגען אונדזער גײסט, אונ־דזער נשמה, אונדזער תורה, װאָס סימבאַליזירט אונדזער לעבנס־ליכט,

דעריבער פייערט מען מיט ליכט, ווי אַ סימבאָל אַז אונדזער ליכט, אונ־דזער גייסט און אונדזער תורה קען מען נישט פאַרלעשן.

פורים האָט מען געוואָלט ומברענגען אונדזער גוף, פייערט מען דעריבער דעם רעטונג־נס מיט אַ סעודה, וואָס סימבאָליזירט בלויז גוי־פישקייט.

ווייל אַזוי, בימים ההם און אַזוי בזמן הזה, איז אונדזער גאַנצע קראַפט אין דעם אייביקן ייִדישקייט־ליכט. און אַפילו די פיזישע גבורות און די מלחמה־נצחונות זיינען אינספּירירט אין אָט דעם פלאַם, אין אָט דעם ליכט, דאַקעגן וואָלט צו דעם קיין מאָל נישט געקומען.

און דעריבער קומען צום אויסדרוק אָט די נצחונות, אָט די גבורות אין דעם לאַנד פון ייִדישן גייסט, פון ייִדישן ליכט, אין ארץ־ישראל; אין דעם לאַנד „אשר אראך", ווו דער ייִד קען זיך ווייזן און אַרויסווייזן מיט זיין גאַנצן גייסטיקן באַגאַזש און דורך דורות אַקומולירטן ייִדישן ליכט־אוצר.

און אויב דער זעלביקער אַברהם, דער זעלביקער ייִד, זעט זיך נישט אַרויס אין גלות, איז אָבער אין ישראל איז ער בכוח אַפילו פינף (און צומאָל זיבן) אַראַבישע מלכים נאָכצויאָגן און באַזיגן, און „אחרי הכותו את כדרלעומר" זאָל די גאַנצע וועלט אים „ויברכהו", נאָך דערצו בענטשן...

צי מען וויל צי נישט, אָבער דאָס איז די ווירקלעכקייט פון דאַן ביז היינט, בימים ההם ובזמן הזה.

# על הגבורות

פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן גבורה און כוח. בשעת כוח איז אַן אויסדרוק פון פיזישער מאַכט, איז גבורה אַ פּראָדוקט פון גייסטיקער יכולת. דעריבער קען כוח זיין דער קנין פון קוואַנטיטעט, פון אַ סך, בעת גבורה קען זיין דער קנין פון ווייניקע.

איז דעריבער ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש וואָס אין דעם „על הניסים״ פון חנוכה רעדט זיך וועגן „על הגבורות״ און נישט וועגן „על הכוח״, וויל גבורות האָבן עס געקאָנט טאָקע באַווייזן מעטים קעגן רבים, ווייניקע קעגן פיל, אַ דאַנק זייער גייסטיקע פּאָטענץ, אַ דאַנק זייער אינערלעכער קראַפט. בעת כוח וואָלט שוין געדאַרפט זיין אַ פּועל־יוצא פון כמות, פון רבים קעגן רבים אָדער מעטים, ד״ה, אין סינטעז: אַז דער חנוכה־קאַמף פון די חשמונאים איז געווען אַ קאַמף צווישן גבורה, צווישן גייסט קעגן כוח, קעגן פיזישער שטאַרקייט.

און בעת כוח איז נישט שטענדיק מנצח, איז גייסט פיל מעכטיקער, שטייט העכער, שטייט איבער צייט און רוים.

איך האָב אַ מאָל געלייענט אין אַ ספר פון אַ גדול בישראל, אַ ביז גאָר אָריגינעלן טייטש, פאַר וואָס האָט יצחק ליב געהאַט עשיון און רבה — יעקבן:

— וויל, — שרייבט דער גדול — דאָ איז געגאַנגען אין צוויי באַזונדערע השקפות, וועמען איבערצוגעבן די אידעאַלן פון יידישקייט, בכדי זיי זאָלן האָבן אַ קיום.

יצחק, דער וואָס איז געלעגן אויף דער עקידה; דער וואָס האָט געפילט דעם שניידנדיקן חלף אויף זיין האַלדז, האָט געהאַלטן אַז דער וואָס וועט קענען פאַרטיידיקן ווי געהעריק די יידישע אידעאַלן וועט זיין

עשיו, דער איש־השדה, דער פיזיש־שטאַרקער, בעת יעקב, דער איידע־לער, ווערט דאָס נישט קענען באַווייזן קעגן די ברוטאַלע שונאים, וואָס באַנוצן זיך מיט פיזישן כוח. עשיו, וואָס הרגעט אַליין חיות, איז אַן איש־השדה, וועט ענטפערן די שונאים מידה כנגד מידה. אָבער אַנדערש האָט עס פאַרשטאַנען רבקה: זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אידעאַלן קען מען פאַר־טיידיקן בלויז מיט גייסט גיכער ווי מיט כוח. אמת, עשיו באַנוצט זיך אויך מיט פיזישן כוח, אָבער אין אַזאַ פאַל קען ער זיך אָנטרעפן מיט נאָך שטאַרקערע און פילערע, און דאַן וועט שוין נישט העלפן זיין קראַפט. בעת אויב מען קעמפט פאַרן אידעאַל מיט גייסט, מיט אידעאַלן, איז דאָס מעכטיקער פון יעטוועדער צאָל און אויסדויערלעכער פון יעדער קראַפט. אַפילו דער נישט־ייִד סאַרמיענטאָ האָט דאָס שוין גלענצנדיק פאָרמולירט, אַז „אידעען טויט מען נישט".

איז שוין טאַקע נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס אונדזערע חכמים האָבן נישט אָפּגעגעבן גרויס אָנזען דעם מיליטערישן נצחון פון די חשמונאים, נאָר דווקא אָנגעהאַנגען דעם נס־חנוכה אין דעם פך־שמן, אין דעם קריגעלע בוימל, וואָס סימבאָליזירט לייכטנדיקן גייסט און נישט פיזישן כוח.

איז דעריבער דער יום־טוב חנוכה דער יום־טוב פון גבורות, פון דער גייסטיקייט, וואָס אַפילו דער מיליטערישער כוח און זיג איז אינספּירירט געווען אין ייִדישן גייסט.

איז שוין פאַרשטענדלעך וואָס אַ סך טייטשן־אַריין אין וואָרט חנוכה דעם שורש פון „חינוך", פון דערציִען גייסטיק דעם יונגן דור, אין די ייִדישע אידעאַלן און אים באַפעסטיקן מיטן אייביקן ייִדישן לייכטנדיקן גייסט, וואָס קען אים פירן און דערפירן צו נצחונות.

איז טאַקע דער יום־טוב געריכטעט גאַנצלעך מיטן פנים צום יונגן דור. ערשטנס, איז דער נס געשען דורכן יונגן דור, דורך די מכבייער וואָס האָבן דערהערט דעם רוף פון זייער אַלטן טאַטן. אין דעם איז באַ־שטאַנען די געבענטשטע צונויפגיסונג פון דעם אַלטן מיט דעם יונגן דור, ווען אַלע צוזאַמען האָבן דערהערט דעם „מי לד' אלי", האָט פון דעם יונגן דור געקענט אויך קומען דער זעלביקער פאַראַל פון „מי כמוך באלים ה'" פון „מכבי". דאָס איז געווען דער גרעסטער נס, נאָך גרע־

סער פון די פיזישע זיגן, ווען אַלט און יונג האָבן זיך פאַרשטאַנען און האָבן אָנגענומען די זעלביקע לאָזונגען און געדאַנקען פאַר זייער ייִדיש־קייט־קאַמף.

איז דעריבער שוין פאַרשטענדלעך אַז די חנוכה־ליכטלעך דאַרפן אָנצינדן „איש וביתו", דער מאַן און זיין גאַנצע משפחה, און מהדרין מן המהדרין, ווען יעדעס קינד צינדט־אָן די ליכט, זיין מנורה. און נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אויך פרויען זיינען אַריינגערעכנט אין דער מצווה פון ליכט־צינדן, ד"ה, אַלע, יונג און אַלט, מאַן און פרוי זיינען פאַראייניקט מיט די זעלביקע אידעאַלן און מיטן זעלביקן פייער וואָס זיי דאַרפן אָנצינדן, בכדי פאַרצוזעצן דעם ייִדישן קיום.

איז דאָך אויך סימפּטאָמאַטיש דער דין, וואָס די חנוכה־ליכט קען מען אָנצינדן מיט אַ ברכה נאָר און בלויז דאַן ביז דער שעה ווען די קינדער זיינען וואַך, ווייל אויב זיי שלאָפן שוין, האָט דאָך דאָס גאַנצע ליכט־צינדן קיין באַדייט נישט. ווייל בעיקר זיינען די ליכטלעך גע־ווענדט צו אונדזערע קינדער, און דער עיקר איז ווען אונדזערע קינדער זיינען וואַך פאַרן ייִדישן גייסט. ווייל טאָמער זיינען זיי פאַרשלאָפן גייס־טיק און ייִדישלעך, וואָס פאַר אַ פעולה קען האָבן דאָס ליכט־צינדן?

און די גאַנצע מצווה פון די חנוכה־ליכט איז די „הדלקה", דאָס אָנ־צינדן זיי; דאָס צינדן דאָס ייִדישע פייער, דאָס ייִדישע ליכט, ווייל בלויז ווען דאָס ייִדישע פייער ברענט, קען מען זיכער זיין, אַז עס וועט טליִען אייביק; קוים ווערט עס חלילה פאַרלאָשן, ווערן אויך פאַרלאָשן די האָפענונגען אויפן ייִדישן עתיד, פאַר דער ייִדישער צוקונפט.

אַמאָל האָט מען די חנוכה־ליכט אָנגעצונדן אין דרויסן, צוליבן פירסום־הנס, כדי די דרויסנדיקע שונאים זאָלן זען דעם ייִדישן נס, דעם ייִדישן גייסטיקן פייער וואָס איז אייביק און נישט אויסשעפּלעך. אָבער מיט דער צייט און צוליב סכנות טאַקע פון דרויסן, האָט מען געמוזט איינפירן דאָס אָנצינדן אין שטוב, אינעווייניק.

אַמאָל, ווען די שונאים האָבן געלויערט פון אויסנווייניק, אויף דער גאַס, האָט מען געדאַרפט אָנצינדן דעם חנוכה־לאָמפּ אין דרויסן. אָבער היינט, ווען דער שונא לויערט אינעווייניק אין דער ייִדישער שטוב, וואָס ווערט אויסגעליידיקט פון ייִדישקייט, דאַרף מען אָנצינדן דעם ייִדישן

פלאַם אין שטוב גופא; אָנפאַנגען פון דאַנען דאָס אָנצינדן דעם ייִדישן פייער, וועט זיך דאָס במילא פאַרשפּרייטן אין גאַס אַרויס, און נישט ווי אַ סך, וואָס ווילן איינהייצן די גאַס, בעת ביי זיי אין שטוב איז פּראָס־טיק־קאַלט...

מען דאַרף אָנפאַנגען צו שמידן אין דער אייגענער שטוב דעם „על הגבורות", וועט מען במילא קענען קומען צום „על הניסים", צום „על הכוח". מיר זעען דאָס באַשיינפּערלעך אַרויס אין ישראל, ווו די יוגנט לערנט אונדזער גייסט, שעפּט מיט פולע עמערס פון דעם ייִדישן ליכט, פון די מקורותדיקע קוואַלן, האָט זי טאַקע געקאָנט באַווייזן מערערע מאָל די אַלע „על הניסימס" און זיין אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט.

ווען זיי האָבן טאַקע אָנגעצונדן ביי זיך אין שטוב, אין לאַנד דעם ייִדישן ליכט, איז דאָס ראַשיק שנעל געוואָרן באַוווּסט, באַוווּנדערט און מפורסם אויף דער גאָרער וועלט, דער אמתער „פּירסומא דניסא".

ווייל ליכט האָבן די אייגנשאַפט, אַז פריִער דאַרף מען אָנצינדן דעם אייגענעם קנויט, דאַן פאַרשפּרייטן זיי ליכטיקייט איבער דעם פרעמדן אַרום. אַנדערש — לייכטן זיי נישט.

דאָס דאַרפן מיר גוט געדענקען, ווען מיר ווילן אַרויסשטעלן אונ־דזערע ניסים פאַר דער גאַס, פאַר דער וועלט; ווען מיר ווילן אויספירן דעם פּירסום־הנס, דאַרפן מיר אומבאַדינגט זיי אָנצינדן אינעווייניק אין שטוב, „איש וביתו" די אייגענע קנייטלעך. דאַן וועלן זיי אַרויסגעבן גע־נוג ליכט צו באַלייכטן די גאַנצע וועלט, דעם פרעמדן אַרום, כדי צו מאַ־ניפעסטירן ווערדיק דעם „על הניסים" און דעם גייסטיקן „על הגבורות".

# מצרים און עמלק – אַן אייביקע וואָרענונג

פאַראַן ווינקלשטיינער אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע, וואָס האָבן אונדז אָנגעצייכנט דעם וועג לדורות און דינען אונדז ווי אַן איי־ביקער מוסר־השכל אין אונדזער לעבן צווישן פעלקער. דאָס זיינען אַל־טע געשיכטעס וואָס חזרן זיך, צום באַדויערן, שטענדיק איבער און פון וועלכע מיר דאַרפן און מוזן ציִען די געהעריקע שלוסן, ווייל זיי זיינען שטענדיק אַקטועל.

אין אונדזער היינטצייטיקייט זיינען מיר געוועזן עדות פון אַזעלכע געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס זיינען דער שפּיגל פון יענעם ווייטן אור־שפּרונג פון אונדזער פאָלקס געשיכטע און מיר קענען עס צום בעסטן פאַרשטיין.

צוויי זיינען, אַזוי צו זאָגן, די אָבות פון דער שנאה צו ייִדן, וועמענס שפּורן עס מערקן זיך אין אַלע עפּאָכעס פון אונדזער לאַנגן געשיכטע־וועג, — דאָס זיינען מצרים און כנען.

מצרים איז פאַר אונדז די בעסטע לערע פון דער ביטערקייט פון גלות און עס איז דער קאַליידאָסקאָפּ פון אונדזער גאַנצן גלות־לעבן.

אָנגעפאַנגען האָט זיך דווקא דער גלות־מצרים בכי־טוב, מיט אַ ייִדישן שני־למלך, יוסף הצדיק, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע מצרישע אימפּעריע פון הונגער און נויט. אָבער דאָך איז עס נישט גע־נוג געווען, אַז זיין גוטס זאָל אַרויסרופן אַ לאַנגדויערנדיקע דאַנקבאַר־קייט מצד די מצרים. נאָר אין אַ צייט אַרום זעען מיר ווי עס שטייט־אויף אַ נייער פּרעה „אשר לא ידע את יוסף“. דאָס איז דער ערשטער ביישפּיל פון אונדזער צושטייער צו די באַטרעפנדיקע ווינקלענדער, ווו ייִדן שטייערן־מיט מיט זייער זשעני, מיט זייער פעיִקייט, מיט זייער

אַרבעטזאַמקייט און מי. מען אָנערקענט דעם ייִדישן צושטייער כל־זמן דער ייִד איז נייטיק אויף אַרויסצוראַטעווען די לענדער פון אונטערגאַנג, אָבער גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט דער זעלביקער ייִד־רעטער גאָר צו גרויס אין די אויגן פון די גרעַטעוועטע, אַזוי אַז זיי פאַרדעקן אים די זונשיין.

און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז נישט בלויז אַ קאַפּריז פון עפּעס אַ צעשרויפטן פּרעה. אַדרבה, דאָס איז אַ סיסטעמאַטישער אַנטיסע־מיטיזם מיט דער באַטייליקונג פון דעם גאַנצן מצרישן פאָלק: אַן אָפּע־נער שטאַטלעכער אַנטי־ייִדישער קאַמפּיין.

עס שטייט גאַנץ קלאָר: „ויאמר אל עמו... הבה נתחכמה״ אא״וו. פּרעה טוט נישט אַליין, ער גיט־איבער זיין גאַנצן אויסראַטונג־פּלאַן זיין פאָלק און עס הערט זיך נישט קיין שום פאָלקס־פּראָטעסט קעגן אויס־ראָטן זייערע רעטערס, נאָר אַדרבה „וישימו עליו שרי מסים״, זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים ציגנזהאַרן, בכדי צו פּייניקן די ייִדן מיט שקלאַפן־אַרבעט, ד״ה, אַז נישט בלויז פּרעה, נאָר זיי, דאָס גאַנצע מצרישע פאָלק האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דעם ליקווידאַציע־פּלאַן. דאָס איז אַ קלאָ־רער באַווייז אין די אָפּטע דיסקוסיעס וועגן „גוטע״ שונאים און „שלעכ־טע״ שונאים, און וועגן דער איינריידעניש, אַז איין מענטש אַליין פירט און פאַרפירט אַ גאַנץ פאָלק, נייערט דאָס פאָלק האָט אַזאַ פירער ווי עס פאַרדינט. בכלל קענען פירערס מיטשטייערן צו דער אויסקריסטאַליזי־רונג פון געשיכטע־פּראָצעסן, אָבער זיי זיינען עס שטענדיק דער אויס־דרוק פון ברייטן פאָלקס ווילן, אַזוי צום גוטן ווי צום שלעכטן.

שטייט טאָקע דעריבער, ווען די מצרים האָבן נאָכגעיאָגט די ייִדן: „והנה מצרי נוסע אחריהם״ — דער מצרי ציט נאָך זיי. דער מצרי איז לשון־אחד, ד״ה, אַלע מצרים זיינען געווען ווי איינער נאָכצויאָגן און פאַרטיליקן ייִדן.

און נאָך אַ לערע איז פאַר אונדז מצרים: ווו ייִדן קענען נאָר האָבן אויטאָנאָמיע בלויז אין זייער לאַנד. ווייל, ווי באַוווסט, האָבן ייִדן געהאַט אַן אויטאָנאָמען געגנט אין גושן, און דאָך האָט דאָס נישט פאַרהיט מען זאָל זיי סוף־סוף פאַרשקלאַפן. און נאָך אַ פאַקט: אַפילו ווען זייערס אַן אייגענער איז אַ פּרינץ אין פּרעהס הויף, ווי עס איז געווען משה רבינו,

דאָך, ווען ער טויט אַ מצרי אין פאַרטיידיקונג פון אַ ייִד (און איר ווייסט דאָך, אַז אַמאָליקע פּרינצן האָבן געקענט טייטן נישט נאָר איין אונטער־טאַן און גאָר נישט באַקומען קיין שטראָף דערפאַר), מוז ער אַליין, דער פּרינץ, קוים אַנטלויפן אויף אַפּצוראַטעווען זיין לעבן.

דאָס איז די ערשטע לערע וועגן ייִדיש לעבן אין גלות.

דער צווייטער שונא איז עמלק. אויב מצרים קען נאָך באַרעכטיקט ווערן אין איר ייִדן־פּאָליטיק, צוליב דעם וואָס זי האָט געהאַט עפּעס אַ נוצן פון דער ייִדישער שקלאַפעריי, צוליב דעם וואָס זי האָט עקספּלואַטירט ייִדן אויף אויפצובויען פּתום און רעמסס, קען מען פאַר קיין פאַל נישט באַרעכטיקן עמלקס שנאה צו ייִדן.

בטבע פירט מען מלחמה קעגן אַ שונא צוליב טעריטאָריעלע טעמים, צוליב פיזישער זיכערקייט. אַמאָל האָבן פעלקער געפירט „הייליקע" מל־חמות אויף צו אימפּאָנירן זייער אמונה אויף די איינגענומענע פעלקער.

עמלק האָט נישט געהאַט קיין שום פון די דאָזיקע גרונטן, מלחמה צו האַלטן מיט ייִדן. ערשטנס, האָבן זיי נישט באַדראָט זיין זיכערקייט, ווייל זיי זיינען געווען „בדרך", אויפן וועג קיין ארץ־ישראל; צווייטנס, זיינען זיי אים נישט באַפאַלן און נישט געזוכט קיין טעריטאָריע צו דע־ראָבערן. ווידער, האָט עמלק נישט געהאַט קיין גלויבן־מאָטיוו, ווייל ער איז אין גאַנצן נישט געווען קיין „ירא־אלקים", קיין ג׳־גלויביקער. נאָר עמלק איז פּראָסט־פּשוט די פאַרקערפּערונג פון ייִדן־שנאה אָן שום גרונט און מאָטיוו. אַדרבה: עס פירט זיך אויך, אַז מען האָט בטבע רחמנות אויף די שוואַכע און קראַנקע. עמלק האָט אָבער אַטאַקירט די שוואַכע און הינטערשטעליקע, קעגן אַלע געזעצן פון קריג־עטיק און פירונג.

דעריבער איז אָנגעזאָגט געוואָרן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון יעדן שפּור פון עמלקן, פון עמלקיזם. דעריבער שטייט: „מחה תמחה", — מעקן זאָלסטו אָפּמעקן, מיט אַ דאָפּלטן לשון, ווייל ווען מען מעקט עפּעס אָפּ, בלייבט אַ צייכן פון דעם אָפּגעמעקטן, אָבער עמלקן האָט מען געדאַרפט אַפילו דעם אָפּמעק־צייכן וואָס בלייבט־איבער אויך אָפּמעקן.

און טאָמער מיינט מען ווידער, אַז עס איז דאָ אַ גוטער עמלקי און אַ שלעכטער, ווערט ווידער אין דער תורה אָנגעזאָגט: „מחה תמחה את זכר עמלק" אין לשון יחיד, נישט דעם זכר פון די עמלקים, ווייל עס שטייט

פריִער „ויבא עמלק“ און עס איז געקומען עמלק און נישט „עס זיינען געקומען די עמלקים“ בכדי צו לאָזן אונדז הערן אַז בנוגע ייִדן איז עס „עמלק“, איין עמלק, אָן אונטערשייד. און טאָמער איז אַ מאָל דאָ אַ יוצא מן הכלל, באַשטעטיקט עס דעם כלל.

דאָס זיינען אומבאַשטרייטבאַרע לערעס וואָס לאָזן זיך גאָרנישט דיס־קוטירן. דאָס זיינען עס די אָבות פון דער ייִדן־שנאה פון אַלע דורות, ווע־מענס וואָרצלען ציִען זיך ביז היינט צו־טאָג.

אַזוי האָבן מיר געקענט זען די וואָרצלען פון עמלקן ביי דער פורים־געשעעניש, ווען טראָץ דעם וואָס דער ייִד מרדכי האָט געראַטעוועט אַחש־ורושן פון אומקום, און טראָץ דעם וואָס אסתר, די ייִדישע טאָכטער איז די מלכה, איז אַז עס קומט צו ייִדן־אויסראָטונג גיט דער מלך איבער עמלקס אָפּשטאַם, המנען, דעם גורל פון אַ גאַנץ פאָלק פאַר דעם פרייז פון זיל־בער־שטיקער.

עס העלפט נישט קיין שום איינפלוס אין די „הויכע פענצטער“, פונקט ווי משה רבינו האָט געמוזט אַנטלויפן פון מצרים קיין מדין, פאַרן אָנ־נעמען זיך פאַר אַ ייִדן.

און אין שפּאַניע פּועלט אויך אויס טאָרקעמאַדע פאַר זילבער־שטי־קער דעם גירוש פון די ייִדן פון שפּאַניע, וואָס האָבן טאַקע אַזוי פיל מיטגעווירקט פאַרן פּראָגרעס פון דער מלוכה אויף אַלע געביטן, און טראָץ דעם וואָס דער פינאַנץ־מיניסטער איז אַ ייִד, און אַלע ים־סוחרים זיינען ייִדן. און דאָך האָט די עמלקישע ייִדן־שנאה זיך נישט אָפּגעהאַלטן אויסצופירן איר אויסראָטונגס־אַקציע, אַפילו ווען דאָס איז געווען אויפן חשבון פון איר אייגענעם עקאָנאָמישן קראַך, ווייל נאָכן גירוש שפּאַניע האָט די מלוכה געקראַכט עקאָנאָמיש אויף לאַנגע יאָרהונדערטער.

דערפאַר טייטשן אַ סך אויס דעם „ופרעה הקריב“ און פרעה האָט נאָכגעיאָגט די ייִדן, אויך „פרעה האָט זיך מקריב געווען“, ער האָט אַלץ פאַרלוירן, אַפילו זיך אַליין אין זיין בלינדער שנאה צו ייִדן.

דאָס זעט מען דאָך בפירוש אַרויס בעתן באַקומען די צען מכות, ווען פרעה און זיין לאַנד ווערן צעשלאָגן און געפּלאָגט פון אַזעלכע גרוי־סע און פיינלעכע מכות. אָבער דאָס מאַכט אים אַלץ נישט ווייכער אין

זיין ייִדן־שנאה, נאָר אַדרבא, ויבכד לב פּרעה, ווייל דער ייִדנ־האַס איז נאָך גרעסער ווי זיינע אייגענע שאָדנס.

דאָס זיינען געשיכטע־פונדאַמענטן וואָס זיינען בולטע מיילשטיינער און וועגווייזערס פאַר אונדז לדורות.

דעריבער שטייט ביי יציאת מצרים: „למען תזכור" — זאָלסט געדענ־קען, און ביי עמלקן שטייט: „זכור את אשר עשה לך עמלק" — געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן, ווייל דאָס זיינען אייביקע אומאָפּשאַצלעכע דערפאַרונגען וואָס מען טאָר קיין מאָל נישט פאַרגעסן און זיי דאַרפן פאַר אונדז דינען ווי לעקציעס, בכדי מיר זאָלן נישט איבערחזרן קיין פע־לערן, און בכדי מיר זאָלן זיין רעאַל אין אונדזערע אָפּשאַצונגען לגבי די מיט וועמען מיר ווינען־מיט און לגבי די פריינד און שונאים וואָס רינגלען אונדז אַרום.

ווייל דער מקור, דער אורשפּרונג, דאָס אויסשיילן די ערשטע שפּראָצן און סימנים פון ייִדן־שנאה, קענען אונדז אַמבעסטן דינען און אַמקלאָרסטן באַלייכטן די אַזוי דיסקוטירטע פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם און פון די שלוסן וואָס מיר קענען ציִען פון זיינע אויסווירקונגען אויף אונדזער נאַ־ציאָנאַלער קריסטאַליזירונג אַלס פאָלק און אַלס מדינה.

ווייל אויך מיר זיינען עדות געווען אין אונדזער צייט פון מצרים און פון עמלקן, און דאָס אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל פון דעם אורשפּרונג פון אונדזערע איצטיקע שונאים, קען דאָס אונדז דינען ווי אַן אייביקע וואָ־רענונג.

# דער חותם פון ײדישקײט

# תשובה־שטימונגען

די לעצטע גורלדיקע געשעענישן, וואָס זיינען ראַשיק שנעל אַדורך איבער ישראל און פאָלגלעך איבערן גאַנצן פאָלק אין די תפוצות, וואָס האָט מיטגעפיבערט מיט אַלע זיינע האַרץ־סטרונעס אָט די ניסימדיקע מאָ־מענטן, האָט צווישן אַנדערס אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון תשובה־שטי־מונגען אין דער מדינה ווי אויך אין אונדזערע מקומות. באַקומען מיר בריוו פון ישראל וועגן טויזנטער פאַלן, וואָס ווייט שטייענדיקע פון ייִדי־שער טראַדיציע, זיינען איבער נאַכט באַהערשט געוואָרן דורך אָט די שטימונגען און זיינען אויגנבליקלעך געוואָרן פרומע ייִדן, מיט אַלע פּי־טשעווקעס. שרייבט מיר צווישן אַנדערן, מיין שוואָגער פון ישראל: „און אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די תפילין־מאַגאַזינען פון דעם רעלי־גיע־מיניסטעריום זיינען אין עטלעכע טעג אויסגעליידיקט געוואָרן... און אַז ס'איז שווער איצטער צו קריגן קויפן אַ פּאָר תפילין אין גאַנץ ישראל...״ (מען וועט נאָך דאַרפן אימפּאָרטירן תפילין פון די תפוצות...).

אויך ביי אונדז האָט זיך אַריינגעכאַפּט, הגם נישט אויף אַזוי ווייט, די תשובה־שטימונג.

דערציילט מען פון אַ סך פאַלן אַזעלכע, אָט למשל, איז אַ פון יאָרן לאַנג אָפּגעפרעמדטער ייִד, דערצו אַ „לינקער״, אַריינגעפאַלן אין דער ביוראָ פון פּאַראייניקטן קאַמפּיין, צוזאַמען מיט זיין גרויסער נתינה, מיט אַן אויסרוף: „איצטער זע איך, אַז עס איז דאָ אַ ג׳ אויף דער וועלט...״

און דערביי מוזן מיר שוין זאָגן, דאָס וואָס מיר אַלע ווייסן און פילן: אייגנטלעך זיינען אַלע ייִדן אין האַרצן גלויביקע. עס איז נאָר פאַראַן אַן אונטערשייד פון איין ייִד צום אַנדערן אין זיין פירן זיך, אין זיין מקיים

זיין די מצווה, אָבער אינעווייניק, טיף אין זיך, האָבן דאָך אַלע ייִדן אַ ג׳ אין האַרצן...

איך געדענק ווי אַ „וועלטלעכער" ייִד האָט מיר אַמאָל געוואָלט אי־בערגעבן וועגן זיין „וועלטלעכקייט", האָט ער אָנגעהויבן בזה הלשון:

— איך בין דאַנקן ג־ט אַן אַטעיִסט...

דערויף האָב איך אים אויפן מאָמענט געענטפערט:

„הלוואי פאַרמאָגן מיר אַזעלכע עטלעכע מיליאָן „דאַנקן ג־ט־אַטע־איסטן..." איר פאַרשטייט, רבותי, אַפילו דער ייִדישער „אַטעיִסט", איז דאַנקען ג׳, אַן „אַטעיִסט". דאָס איז דאָך דער בעסטער באַווייז פון זיין „אַטעיִזם", און נייטיקט זיך דאָך נישט אין קיין שום איבעריקע קאָמענ־טאַרן...

דערביי דערמאָנט זיך שוין, וואָס מען דערציילט וועגן דער לעצטער צייט פון פוילישן ייִדנטום, ווען עס זיינען אויפגעקומען גרופּעס „אויפ־געקלערטע" יונגעלייט, וואָס האָבן געוואָלט דורכברעכן די דורותדיקע פרומקייט־ווענט, בכדי עס זאָל אַריינדרינגען אַ ביסל מאָדערנע „ליכט", דערציילט מען, אַז אין אַ קליין ייִדיש פּויליש שטעטל, האָבן זיך טאַקע אַ שבת, בשעת ייִדן זיינען געזעסן אין שיל און געדאַוונט, זיך צונויפגע־קומען אין אַ שטוב אַ גרופּע יונגע „אויפגעקלערטע" און געשריבן, גע־רויכערט אד"גל.

דאָ איז פּלוצעם פאַרביי אַ ייִד, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט דאָס דאַוונען אין שיל, און ווען ער האָט נישט ווילנדיק געזען דורכן פענצטער ווי ייִדישע יוגנט איז מחלל שבת, האָט ער געעפנט אַ געוואַלד, און תוך כדי דיבור איז זיך צונויפגעלאָפן דאָס גאַנצע שטעטל בראש מיטן רב און די פני העיר, וואָס זיינען טאַקע ערשט אַרויס פון שיל. און האָבן זיך גענומען מקיים פּסק זיין די אַפּטריניקע יונגעלייט.

די יונגע „משכילים" האָבן געזען, אַז עס האַלט גאָר שמאָל, האָט איינער אויסגערופן: רבי, זייט מוחל. איך האָב פאַרגעסן אַז היינט איז שבת...

— לאָזט אים אָפּ — זאָגט דער רב.

— רבי ,איך האָב פאַרגעסן, אַז שבת טאָר מען נישט שרייבן, — זאָגט אַ צווייטער.

— לאָזט אים אָפּ — זאָגט ווידער דער רב.

און אַזוי איין יונגערמאַן נאָכן אַנדערן, האָבן זיך גענומען פאַרענט־פערן. דער מיט אַזאַ תּירוץ, דער מיט אַן אַנדערן, און דער רב הייסט זיי אַלעמען אָפּלאָזן.

ווען עס איז געקומען צום סוף, צו דער ריי פון דעם אייגנטימער פון דער שטוב, פרעגט אים דער רב:

— און דו, יונגערמאַן, וואָס האָסטו פאַרגעסן?

איך האָב פאַרגעסן אַראָפּצולאָזן דאָס פאָרהאַנגל איבערן פענצטער... איז געקומען דער ענטפער...

אייגנטלעך, פאַרמאָגן מיר נישט און מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין אמתע „אפּיקורסים", אָדער להכעיסניקעס, נאָר בלויז אַזעלכע, וואָס אָדער זיי האָבן זיך אָפּגעוווינט פון ייִדישקייט אַ דאַנק די אומשטענדן, צוליב אימיגראַציע, צוליבן איבעררייסן דעם פאָדעם מיט די טעגלעכע דורותדיקע מצוות מעשיות, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן פּשוט פאַרגעסן אַראָפּצולאָזן דאָס „פאָרהענגל", אָבער אין האַרצן טראָגט יעדער ייִד אין זיך יענעם אַטאָוויסטישן פונק וואָס ברענגט אים שטענדיק צוריק צו זיך, צו זיינע ווערטן, צו זיין טראַדיציע...

און איצט איז טאַקע די געגעבענע צייט דערצו.

מען האָט אַ מאָל אַ שליח וואָס האָט באַזוכט אַ ייִדישע שטאָט אין לאַטיין־אַמעריקע, געפרעגט אַ מיינונג וועגן יענער שטאָט, האָט ער גע־ענטפערט:

— דאָרטן וואַלגערט זיך ייִדישקייט אויף די גאַסן.

— וואָס רעדט איר — האָט מען אים ווייטער געפרעגט — אַזאַ „ייִדישע" שטאָט איז עס?

— ניין! — האָט דער שליח געענטפערט — איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. דאָרט וואַלגערט זיך ייִדישקייט אויף די גאַסן, ווייל ווער עס האָט נאָך אַ ביסל ייִדישקייט אין שטוב, וואַרפט ער עס אַרויס אויף דער גאַס, באַקומט זיך אַז דאָס ייִדישקייט וואַלגערט זיך אויף די גאַסן...

אָבער היינט איז דאָך ייִדישקייט געוואָרן אַזאַ אַרטיקל, וואָס מען לאָזט עס שוין זיך נישט וואַלגערן אויף דער גאַס, און תּפילין איז אין ישׂראל געוואָרן אויס יקר המציאות, וואָס מען לאָזט נישט ליגן אין די מאַגאַזינען

פון רעליגיע־מיניסטעריום, נאָר מען האָט זיי צעכאַפּט אין עטלעכע טעג ממש.

דאַרף מען אָט די שטימונג איצטער אויסנוצן, און ריכטן אויפן אמתן דורותדיקן וועג.

און דערביי מוז מען שוין אויך באַמערקן פאָלגענדיקס:

אונדזער ישוב קען זיין פרום צי פריי, רעליגיעז צי וועלטלעך, אָבער ער איז עס אַ פלאַנץ פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום; אַפילו דער וועלט־לעכער ייִד באַגרייפט רעליגיעזע ייִדישקייט לויטן מוסטער פון מזרח־איי־ראָפּע און פאַטראַגט נישט קיין אַנדערע רעליגיעזיטעטן, מעגן זיי זיין ווי שיין און מאָדערן, ווי פיין און רעספּעקטפול, ווי אַטראַקטיוו און צו־ציִענדיק, אָבער ווי באַלד ער פילט נישט דעם אויטענטישן דורותדיקן אָטעם און זעט נישט דעם עכטן ייִדישן אַלטן שטעמפּל, וואָס ער איז עס געוואוינט צו זען און צו אַנען, האָט ער אין האַרצן קיין צוטרוי נישט דערצו.

מען דערציילט, אַז אַ גרויסער אָרטאָדאָקסישער רב האָט זומער־צייט זיך אויפגעהאַלטן אויף קוראַציע אין בערלין, און שבת איז ער געקומען אין אַ דאָרטיקן „מאָדערנעם״ טעמפּל אָנגעטאָן אין זיין פוטערנעם שטריימל.

פרעגט אים דער ראַבינער: — רבי, אין אַזאַ היץ, טראָגט איר אַ פו־טערנעם שטריימל?

דערויף האָט אים דער רב געענטפערט:

— ביי אייך אין טעמפּל ווערט מיר אַזוי קאַלט, אַז איך מוז גיין מיט אַ פוטער... ווייל אויב תשובה, אויב צוריקקערן זיך צו אונדזערע דרכים, מוז עס זיין טאַקע צום אַלטן, צום אָריגינעלן, צום אורשפּרינגלעכן, אין אונדזער גייסט, מיט אונדזער אַראָמאַט.

דער רמב״ם האָט אַ מאָל באַגירנדעט דעם זאָג, פאַר וואָס אַ צדיק קען נישט שטיין דאָרט ווו אַ בעל תשובה שטייט?

די טבע פון אַ יונג ביימל איז, אַז אויב עס האָט זיך אויסגעבויגן אויף אַ זייט, מוז מען עס אויסבייגן אויף דער פאַרקערטער זייט, כדי באַך אין צייט זאָל עס זיך ויסגלייכן. אַזוי אויך אַ בעל תשובה: אויב איינער איז אַוועק, האָט זיך אַ בייג געטאָן אין אַ פאַרקערטער זייט פון ייִדיש־קייט, מוז מען אים אויסבייגן צום אַנדערן עקסטרעם, צו עקסטרעמער

יידישקייט, בכדי נאָך אַ צייט זאָל ער בלייבן גלייך, אין מיטלוועג, אָן עקסטרעמען.

אַ צדיק איז דער וואָס גייט אויפן מיטלוועג פון לעבן, נישט אויף די עקסטרעמען. דעריבער קען ער נישט שטיין אויפן זעלבן פּלאַץ ווי אַ בעל־תשובה, וואָס מוז דערווייל שטיין אויפן יידישן עקסטרעם, כדי אין אַ צייט אַרום זאָל ער אויסגעגלייכט ווערן, זאָל ער אויך גיין אויפן מיטל־וועג, זאָל אויך ווערן אַ צדיק...

גלייך אַזאַ איינעם פירן אויפן לייכטן מיטלוועג, קען ער זיך אַ ליאַדע מאָמענט צוריק בייגן צום פריערדיקן, און נישט אויסהאַלטן דעם יידישן מיטלוועג...

איז לאָמיר טאַקע אויסנוצן אָט די תשובה־שטימונגען, וואָס טראָגן זיך איבער דער יידישער גאַס און צוריקגעווינען אָט די יעניקע וואָס ווילן זיך יידישלעך אויסגלייכן.

אונדזערע שונאים זאָגן, אַז געווינען אַ שלאַכט הייסט נאָך נישט געווינען די מלחמה. איז לאָמיר טאַקע אין אָט דעם פּרט זיך לערנען ביי זיי, אַז איצט, נאָך דער געוואונענער שלאַכט אויפן קריגפעלד, לאָמיר געווינען די מלחמה אויפן גייסט־פעלד.

יעקב אָבינו האָט געזאָגט: „עם לבן גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״, מיט לבנען האָב איך געוווינט, אָבער דאָך האָב איך אָפּגעהיטן תרי״ג מצוות. באַמערקט טאַקע אַ גדול, אַז דאָס האָט יעקב חס ושלום זיך נישט באַרימט און נישט אויסגעשטעלט. ער, יעקב, דער גרויסער עניו, האָט גאָר געמיינט אַנדערש:

אַז פון לבנען האָב איך זיך אויסגעלערנט מקיים צו זיין ווי געהער־ריק די תרי״ג מצוות.

אַזוי ווי לבן האָט געטאָן מיט דעם גאַנצן האַרצן שלעכטס, האָב איך זיך אויסגעלערנט אויך מקיים צו זיין מיטן גאַנצן האַרצן גוטס: דאָס איז דער פירוש פון „עם לבן גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״...

איז לאָמיר טאַקע פון אונדזערע שונאים אויסלערנען נישט נאָר צו געווינען אַן אויסערלעכע שלאַכט, נאָר אַן אינערלעכע מלחמה.

און דאָס דאַרפן מיר טאָן מיט גוטסקייט, מיט אהבת ישראל, מיט

דערנענטערן ייִדן, אויסנוצנדיק די תשובה־שטימונגען וואָס נעסטן זיך אַזוי וואַרעם אין די ייִדישע הערצער.

נאָכן באַזוכן דאָס ערשטע מאָל „מאה שערים״, האָב איך תיכף באַזוכט די גרויסע ישיבה קעגנאיבער מאה־שערים, א״נ „בית אַברהם״. דאָס איז אַ קאָנטראַסט צו מאה שערים.

אַזוי ווי מאה שערים מיט איר אָרעמקייט מאַכט דעם איינדרוק ווי גאָר נישט וואָלט זיך געריררט פאַר די עטלעכע לעצטע יאָרהונדערטער, אַזוי געפינט זיך די דאָזיקע ישיבה קעגנאיבער אין אַ פּרעכטיקן מאָדערנעם בנין, אַלץ שמעקט דאָרטן און גלאַנצט, און דער דאָזיקער קאָנטראַסט רופט די אויפמערקזאַמקייט.

האָבן מיר טאַקע געפרעגט דעם קלוגן ליטווישן ראש ישיבה, וואָס איז די סיבה דערפון.

דערויף האָט ער מיר געגעבן דעם פאָלגנדיקן שאַרפזיניקן ענטפער:

„כידוע, אַז מען פּראָוואָצירט זיי, וואַרפט מאה־שערים שטיינער אויף די מחלל שבתניקעס.. נעמען מיר צונויף אָט די שטיינער וואָס זיי וואַרפן און בויען דערמיט אויף אונדזער פּרעכטיקע תורה־וועלט״...

אויך מיר דאָ־הי וועלן מיט קיין שטיינער־וואַרפן נישט אויפבויען אונדזער ייִדישקייט. נאָר אַדרבא, מיר דאַרפן מיט אהבת ישראל, מיט פלעגן די דורותדיקע טראַדיציע סענטימענטן, וואָס נעסטן זיך ביי אונדזערע טייערע ייִדן, איבערהויפּט וואָס האָבן געקראָגן קראַפט ביי די לעצטע ניסימדיקע געשעענישן, אויפגעטרייסלט אונדזער פאָלקס־מחנה און אַ בייג געטאָן זייער האַרץ צו אונדזער ייִדישקייט פון דורות, בויען אונדזער פאָלקס גייסטיקן היכל לויטן אויסגעטראָטענעם וועג פון דורות, מיטן אַלטן ייִדישן עכטן אַראָמאַט, אָן צומיש פון פרעמדע עקזאָטישע עלעמענטן, נאָר לויטן ייִדישן עכטן גוסט און געשמאַק.

# יִדישקייט — אונדזער הויפּט־שטרעבונג

די הויפּטזאָרג פון אונדזער ישוב און איבערהויפּט פון אונדזער חינוך־וועזן איז ווי צו פאַרפּאַנצערן דעם נייעם אויפוואַקסנדיקן דור מיט וואָס אַ גרעסערער דאָזע יִדישקייט, בכדי דורך דעם אים צוביגדן צו אונדזער פאָלק, אונדזער לעבנס־שטייגער, אונדזער קולטור, אונדזערע פּראָבלעמען, אונדזערע לשונות. מיט איין וואָרט: בכדי זיי זאָלן זיין גוטע און געטרייע יִדן, בכדי זיי זאָלן בילדן אַן אָרגאַנישן טייל פון אונדזער פאָלק, וועמען מען זאָל קענען פאַרטרויען אונדזער טויזנט־יעריקע קולטור, און אין וועמענס הענט מען זאָל קענען רויִק איבערגעבן דעם גורל פון אונדזער אומה.

דערצו איז נייטיק, אַז דאָס קינד זאָל אין אונדזער שולע, וואָס עס איז ביי אונדזערע הערשנדיקע באַדינגונגען, אין מערסטע פאַלן, דאָס איינציקע אָרט ווו עס קען זען יִדישקייט, זיך באַקענען אויף אַ נאַטירלעכן אופן און אין אַ לעבעדיקער פאָרעם מיט דער זעלבער, נישט דורך אַרטיפיציעלע מיטלען און דורך קינסטלעכע וועגן, נאָר דאָס זאָל זיין אַן עכטע אומגעפעלשטע יִדישקייט מיט אַלע אַראָמאַטן און ניואַנסן, מיט אַלע נאַטירלעכקייטן און וויוועגצן; בכדי דאָס שפּעטערדיקע אָנטרעפן זיך אויף יִדישקייט אין לעבן, אויף דער גאַס, אין שיל, זאָל נישט זיין קיין שום קאָנטראַסט צום געזעענעם און געלערנטן, נאָר אַ פאַר אים באַקאַנטע אָנונג און באַגריף.

דאָס הייסט נישט, אַז די שול זאָל זיין אַ דאָגמאַטישע, פון איין ריכט־ליניע און שטרעמונג, אָבער וועלכע עס זאָלן נישט זיין די טענדענצן און די אָריענטאַציע פון דער יִדישער שול, מוז אָבער דאָך לגבי יִדישקייט אָנגענומען ווערן איין פאָרמע, דאָס הייסט, אַז דאָס געלערנטע זאָל

האָבן איינהייטלעכקייט און זאָל זיין פאַר אַלע יידישע קינדער, אָן אויס־נאַם פון דער שולע און איר ריכטונג, גלייך.

אַט — לשמל ווען מען לערנט אין אַ יידישע שולע תנ״ך, צי משנה אָדער תלמוד, מוז דער לערער און דער תלמיד אָנטאָן דערביי אַ היטל, אַלס יידישער רעספעקט־אויסדרוק, אַלס באַציִונג צו לימודי־קודש, אָפּ־געזען דערפון צי די שולע איז אַ פרומע צי אַ וועלטלעכע, צי דער תלמיד איז אַ פרומער אָדער נישט, אָבער דער לימוד איז דאָך אַ קנין פון אונדזער טראַדיציע, און די דאָזיקע טראַדיציע דיקטירט דאָך, אַז אַזוי דאַרף מען לערנען לימודי־קודש.

אַט — למשל ווען עס ווערן געגעבן מאָלצייטן אין דער שולע אָדער געפּראַוועט ימים־טובים ביי געדעקטע טישן, דאַרף דאָך דאָס אַלץ זיין אין איינקלאַנג פון יידישן כשרות, אין הסכם מיטן יידישן שפּייז־ריטואַל, אָפּגעזען ווידער אַ מאָל צי די שול איז אַ פרומע צי אַ פרייע, אָבער דאָס קינד זעט אין דער יידישער שולע די היים פאַר אונדזער טויזנט־יעריקער טראַדיציע און יידישקייט, און ס'איז דאָך איבעריק צו דער־ציילן, אַז כשרות איז אַ „יידישער״ טייל און דווקא אַ יידישער לעבנס־אַרט פון אונדזער שטייגער.

דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן צי אין שטוב עסט מען כשר צי נישט, צי דער תלמיד וועט שפּעטער אָפּהיטן כשרות צי נישט, נאָר אין דער יידישער שול, וואָס איז דער אויסדרוק פון יידישקייט אין אַלע פאָרמען: גייסטיקע, מאַטעריעלע אאַז״וו, ווייסט דער תלמיד אַז דאָ עסט מען „יידיש״.

אַזוי אויך בנוגע שבת. דער תלמיד פון אונדזער שולע לערנט אומע־טום דעם „ושמרו בני ישראל את השבת״, און דעריבער דאַרף גילטן דער פּרינציפּ פון שמירת־שבת לפּחות אין דער שולע.

עס קען דאָך נישט זיין, אַז ער זאָל לערנען איין זאַך און גלייך זען דעם קאָנטראַסט דווקא אין דער שול, וואָס דאַרף אין אים איינפלאַנצן עכטקייט און אמתדיקייט. און קיין אַנדערער שבת ווי דער וואָס מיר האָבן און לערנען, האָט נאָך דאָס יידנטום דערוויל נישט געשאַפן, אַזוי אַז עס איז אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט, ווען דער תלמיד פון אונדזערע שולעס לערנט וועגן שבת, און דאָס גלייכן פירט די שול דורך אונטער־

נעמונגען אָדער אַנדערע מאַניפעסטאַציעס, פון וועלכע אַ דענקנדיקער און פילנדיקער ייִדישער תלמיד מוז ווערן נעבעך צעטומלט.

ווידער: ייִדישקייט איז דאָך, כידוע, אַ תורת־החיים, נישט קיין פּאַ־פירענע לערע, נאָר אַ לעבנס־פּראַקטיק. דאַקעגן, איז דאָך פּונקט ווי מיר זאָלן לערנען וועגן ענגלישער טראַדיציע, וועגן פראַנצויזישן פאָלקלאָר, וועגן טערקישער געשיכטע און דערמיט ווערן מיר נאָך נישט קיין ענג־לענדער, קיין פראַנצויזן, קיין טערקן, נאָר בלויז אינטעליגענטע געלערנ־טע מענטשן, וואָס האָבן אַנונגען און ידיעות וועגן פרעמדע קולטורן.

ווען די ייִדן האָבן ביים באַקומען די תורה געזאָגט „נעשה ונשמע" האָבן די „אויפגעקלערטע" געלאַכט פון זיי, אַז זיי זיינען אַן איילי־ק פאָלק, אַז זיי שטעלן פריִער אַרויס דאָס מויל פאַרן אויער, אַז פריִער וואָלטן זיי באַדאַרפט לערנען דעם באַדייט פון יעדער ייִדישקייט־מאַני־פעסטאַציע, פון יעדן ייִדישן באַגריף פון דער תורה און זען צי זיי זאָלן אָננעמען די תורה אָדער נישט. האָט דערויף געענטפערט אַ תנא: אַז אַפילו מיר זאָלן לעבן טויזנט יאָר, וועלן מיר נאָך אויך נישט דערגיין דעם טעם פון יעדער מצווה באַזונדער, און דערווייל וועלן מיר נישט פראַקטיצירן קיין ייִדישקייט. איז פריִער טאַקע לאָמיר מקיים זיין די מצווה, דעם „נעשה", וועט אויך קומען דער „נשמע", דאָס הייסט, דאָס פאַרשטיין. און אויב אַפילו מיר וועלן נישט אַלץ פאַרשטיין, וועלן מיר לפּחות טאָן און דערווייל זיין גוטע ייִדן.

אַזוי אויך בנוגע אונדזערע קינדער און אונדזער שול. פון דעם ערשטן מאָמענט אָן ווי זיי גייען אַריין אין דער שולע, דאַרפן זיי באַגע־גענען אַ לעבעדיקע לעבנסאַרטיקע ייִדישקייט און זיי דאַרפן אַליין אָנ־הייבן מיט רעספּעקט און ייִדישן צוגאַנג צו פּראַקטיצירן און רעספּעק־טירן אונדזערע ווערטן. דאָס הייסט, אַז דער „נעשה" דאַרף ביי אַלע ייִדישע קינדער און שולן גילטן צוגלייך, אָפּגעזען פון דעם „נשמע" פון יעטוועדער שול באַזונדער, פון איר אידעאָלאָגישער איינשטעל און ריכטונג, אָבער ייִדישקייט מוז זיין איין און די זעלבע פאַר אַלע ייִדישע קינדער, כדי זיי זאָלן זיך נאָך דעם נישט אָנטרעפן אין בולטן קאָנטראַסט צו דער ייִדישקייט פון זייער חבר פון אַן אַנדער ייִדישער שולע. און כידוע, האָבן מיר דאָך אויפן באַרג סיני באַקומען נאָר איין תורה און

נישט קיין פאַרשיידענע תורות. אַדרבא, הלוואי זאָלן מיר האַלטן ווי געהעריק אָט די איינציקע תורה...

דערצו דאַרפן די געלערנטע באַגריפן אָנגעווענדט ווערן אין דער פּראַקטיק. אָט למשל: ווען איך בין געווען שול־דירעקטאָר און עס פלעגט קומען פורים, פלעג איך אָנשטאָט הייסן צייכענען אויף אַ קאַרטולין אַ המן־טאַש, בכדי די קינדער זאָלן דאָס זען און האָבן אַ באַגריף ווי עס זעט אויס אַ המן־טאַש, האָב איך גאָר געהייסן קויפן און טיילן פאַר אַלע קינדער אמתע געשמאַקע המן־טאַשן.. גלייבט מיר, אַזאַ המן־טאַש וועלן זיי שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן (בעת אַ קאַרטולין קען נאָך אַ מאָל אַרויס פון זכרון...). און ס׳איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ „לעבעדיקע״ סאַטיספאַקציע און אַ גרעסערע הנאה...

אָדער אָנשטאָט צו געבן אַ קלאַס וועגן „תפילה״, וואָס ווען עס קומט אַ מאָל אין שיל אַריין אַלס קליין קינד, צי שפּעטער אַלס גרויסער, זאָל מען בעסער אָנטון אַ היטל אין קלאַס, און לערנען דאַווענען כסדר. אי דאָס וועט זיין פּעדאַגאָגיש, אי ער וועט טאַקע קענען דאַווענען און נישט שטיין צעטומלט און צעמישט בעתן מישן דעם סידור.

אַזוי אויך ביים פּראַווען אַ יידישן יום־טוב. אָנשטאָט צו לערנען וועגן סדר, דאַרף די שולע דורכפירן אַן אמתן סדר. אָנשטאָט צו לערנען וועגן די פיר קשיות, דאַרפן די קינדער קענען די פיר קשיות, אָנשטאָט צו צייכענען אַ סוכה, דאַרף די שולע אויפשטעלן אַ סוכה, און הייסן די קינדער אַריינגיין מיט אַ היטעלע און מקיים זיין דאָס זיצן אין אַ סוכה.

און אַזוי וואָלטן מיר געקאָנט אָנווייזן כסדר וועגן אַלע זאַכן און באַגריפן וואָס אונדזער שולע לערנט, זאָל דאָס נישט זיין קיין ענין פון לערנען „וועגן״, נאָר טאַקע פון „לעבן״ „לויטן״ יידישן אומגעפּעלשטן לעבנס־שטייגער, לפּחות אין דער יידישער שול, צו וועלכער די עלטערן אָדער זיידע־באָבע שיקן זייערע קינדער אָדער אייניקלעך צו זיין שפּעטער גוטע יידן. אַזאַ יידישקייט וואָלט זיך זיכער איבערגעטראָגן מערער אין דער יידישער היים, וואָלט ערשטנס געבליבן מערער איינגעקריצט אין דעם געמיט און נשמה פון דעם תלמיד, וואָלט אין אים אַריינגעגעבן דעם רעספּעקט און די ליבשאַפט צו אונדזער יידישקייט, און וואָלט אים גע־

פירט אויף דער ליניע פון עכטקייט, לעבעדיקייט, נאַטירלעכקייט, צו וועלכע די מאָדערנע ייִדישע פעדאַגאָגישע שולע שטרעבט אָפּגעזען, ווי שוין פיל מאָל אונטערגעשטראָכן, פון דעם איינשטעל פון דער באַטרעפנ־דיקער שולע.

ווייל ווען איז דאָס אַן אמתע תורה, ווען זי איז אַ תורת־חיים, און נישט ווען דאָס איז אַ פאַפירענע אויסגעלערנטע זאַך, וואָס מען קען לערנען אַזוי גוט וועגן ייִדן און ייִדישקייט ווי וועגן וועלכער נישט איז אַנדערער קולטור. וואָס זאָל זיין בלויז אַן אינטעלעקטועלע דערגרייכונג אָבער פאַר קיין פאַל נישט קיין עמאָציאָנעלע וויוועניע, און דער עיקר, קיין שום ייִדישקייט־פאַנצער פאַר אַ גאַנץ לעבן, וואָס דאָס איז דאָך אונדזער עיקרדיקע חינוך און פאָלקס־שטרעבונג.

דאַרפן זיך אונדזערע שולעס גוט פאַרטראַכטן וועגן דעם, דאַרפן געמאַכט ווערן די געהעריקע קאָררעקציעס וועגן אָט די הייליקע פאָלקס־באַגריפן, ווי די לעבנס־דערפאַרונג לערנט אונדז, ווייל דאָ האַנדלט זיך נישט אין קיין שום פעדאַגאָגישע עקספּערימענטן וואָס מיר מאַכן מיט אונדזערע קינדער, מיט אַרטיפיציעלע פאַפירענע מעטאָדן. די פראַגע איז אַ פיל טיפערע און לעבנס וויכטיקערע; דאָ האַנדלט זיך וועגן דער גייס־טיקער פיזאָנאָמיע און אויספורעמונג פון דעם נייעם דור, וואָס דאָס מיינט די מאָרגנדיקע געשטאַלטונג פון אונדזער פאָלק.

דאָס דאַרפן אַלע ייִדישע דערציִער און עסקנים גוט נעמען אין באַ־טראַכט, בכדי די דערציִונג פון אונדזערע קינדער זאָל אַנטשפּרעכן אונ־דזער גרעסטע שטרעבונג, וואָס הייסט אין איין וואָרט: ייִדישקייט.

# רעליגיעזע לערערינס

דער „ושננתם לבניך" איז היינט מערסטנטייל איבערגעגעבן געוואָרן די פרויען, סיי אין שול ווי אין דער היים. אין דער היים, ווו דאָס קינד געפינט זיך מער אין רשות און אונטער דער השפעה פון דער מאַמען, היות דער פאָטער איז שטענדיק פאַרנומען; און אין שול, ווו דאָס רוב לערערס זיינען פרויען.

איך האָב אַ מאָל געלייענט, אַז אַן אָנגעזעענער נאָרד־אַמעריקאַנער דערציִער און פסיכאָלאָג האָט זיך באַקלאָגט, אַז די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט באַקומט געוויסע פעמעניסטישע שטריכן, היות זיינע דערציִערס זיינען ס׳רוב פרויען.

אַזוי צי אַזוי, איז עס אַ פאַקט אַז די דערציִונג אין אַלגעמיין, און איבערהויפּט די ייִדישע דערציִונג בפרט ליגט אין די הענט פון פרויען; אַזוי אַז פון זיי איז אָפּהענגיק די געשטאַלטונג פון דעם נייעם דור און דאָס איבערגעבן אים אונדזערע גייסטיקע ווערטן.

איך האָב אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, שטאַרק געשמייכלט ווען מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין ראָזאַריאָ האָט זיך געגרינדעט אַ רעליגיעזע תלמוד־תורה, ווו מען לערנט די קינדער דאַווענען און אויך לייגן תפילין, און די מורה איז... אַ פרוי.

און שוין אונדזער תורה האָט געוווסט פון די גרויסע ראָלע וואָס די פרוי קען שפּילן אין דער דערציִונג פון קינדער, און אין דעם איבערפלאַנצן די גייסטיקע ווערטן אין די נאָכקומענדיקע דורות.

איז דאָך אונדזער אור־געשיכטע געבויט געוואָרן אויף דעם „כל אשר תאמר אליך שרה, שמע בקולה". זאָגן דאָך פילאָזאָפן, אַז דאָס וואָרט „אומה", נאַציע, זאָל שטאַמען פון וואָרט „אם", מוטער.

רעכנט מען טאָקע ביי אונדז אַפילו דעם יידישן אָפּשטאַם פון דער מו־טער: איז די מוטער אַ יידישע, איז דאָס אויך דאָס קינד, דאַקעגן — איז דאָס נישט, מעג דער פאָטער זיין אַ ייד.

האָט מען טאָקע אין דער תורה שוין אָנגעזאָגט פריער: „כה תאמר לבית יעקב" — אַזוי זאָלסטו זאָגן די פרויען, און נאָך דעם דעם „בני ישראל" — די מענער. ווייל ווייל מען אַז די תורה זאָל האָבן אַ האַפט, מוז מען פריער איבערצייגן די מוטער, במילא וועט מען דורך דעם שוין אויך געווינען דאָס קינד.

די וועלט זאָגט טאָקע, אַז ביי דער תורה האָט מען פריער זיך געווענדט צו די פרויען, האָט זי טאָקע געהאַט אַ קיום. דאַקעגן — דער ערשטער געבאָט וואָס דער איבערשטער האָט געגעבן דעם מאַן, אדם־הראשון, פון נישט עסן פון עץ־הדעת, איז געקומען חוה און האָט געשטערט. דעריבער האָט מען ביי מתן־תורה פריער גערעדט צו דער פרוי, כדי מען זאָל זיין זיכער, אַז זי זאָל נאָך דעם נישט שטערן...

און ביי יידן איז טאָקע מיטן וואָרט „בית" געמיינט געוואָרן די פרוי: „ביתו — זו אשתו", די פרוי איז עס די שטוב...

זאָגן טאָקע די חכמים, אַז די קראַפט פון דער פרוי איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען אַ פרוי אַ צדיקת האָט חתונה מיט אַ רשע, פאַרוואַנדלט זי אים אין אַ צדיק און ווען אַ פרוי אַ מרשעת האָט חתונה מיט אַ צדיק, פאַרוואַנדלט זי אים אין אַ רשע.

האָט מען טאָקע שוין אָנגעזאָגט, אַז „לעולם ישא בת תלמיד חכם" — אַז מען דאַרף נעמען פאַר אַ פרוי אַ בת תלמיד־חכם, אַזעלכע וואָס פאַר־מאָגט גוטע מידות און איידלקייט, וואָס זי האָט איינגעזאַפּט אין שטוב ביי איר טאַטן דעם תלמיד־חכם, בכדי די שטוב זאָל טאָקע זיין אַ היים פאַר גוטע מידות און יראת־שמים.

ברענגט דאָך טאָקע דער מדרש, אַז ווען אַברהם האָט געזען די שלעכ־טע פרוי פון ישמעאלן, האָט ער אים געזאָגט: „מיין זון, דער פונדאַמענט פון דיין הויז שאָקלט זיך", ווייל די פרוי איז דאָך דער הויפּט פונדאַמענט פון אַ שטוב.

און אויב דאָס איז געווען אַמאָל, איז דאָס היינט אַוודאי און אַוודאי. אין דער מאָדערנער צייט און לויט די מאָדערנע לעבנס־אויפפאַסונגען, איז

אַלץ געוועגדט אין דער פרוי, איבערהויפּט וואָס נוגע דער יִדישער דער־ציִונג פון אירע קינדער.

דאָס אַלץ קומט אונדז אין זינען ביים לייענען וועגן צווייטן אַרויסלאָז פון די רעליגיעזע לערערינס, שילערינס פון היגן לערער־סעמינאַר „בית יעקב".

שוין דער נאָמען אַליין איז כאַראַקטעריסטיש: „בית יעקב". אַזעלכע לערערינס, וואָס זיינען אַליין אָנגעזאַפּט מיט יִדישער טראַדיציע און יראת־שמים קענען טאַקע זיין די בויערינס פון „בית יעקב", פון יעקבס הויז.

איך האָב זיי געזען אַ ריי מאָל, איבערהויפּט לעצטנס, אויף אַן אויס־פלוג אין זייער קאָלאָניע אין סאַן־מיגעל. זייער לבוש, זייער גאַנג, זייער יִדישלעכקייט, זייער אָפּהיטן יִדישע טראַדיציע, זייער שמועסן און פראַגעס אין יִדישע ענינים, וועגן פאַרשיידענע דינים, האָט אָנגעפילט מיט האָפענונג און מיט שטאָלץ. און דערביי האָבן מיר געטראַכט, אַז אין אַזעלכע יִדישע הענט איז כדאי איבערצוגעבן אונדזערע יונגע קינדער צו דער־ציִען.

ווייל, ווילסטו אַז דיינע קינדער זאָלן קענען אונדזער טראַדיציע, אונדזערע ווערטן, מוזן דאָך פריִער זייערע לערערס זיין דערין באַהאַוונט. אַנדערש, הייסט דאָך פּשוט עמעצן הייסן טרינקען פון אַן אויסגעטריקנטן קוואַל. ווייל עס איז דאָך נאַטירלעך, אַז דער תלמיד קען דאָך נישט קענען מער פונעם לערער.

שטייט טאַקע ביי אַברהם: ער האָט געגראָבן ברינעמער („ויחפר"); ביי יצחקן שטייט אויך „ויחפר" — ער האָט געגראָבן; קען שוין ביי יעקבן שטיין, אַז ער האָט אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין און גלייך געטראָפן צום וואַסער־קוואַל. אַז די לערערס גראָבן די וואַסער־ברונעמער פון „מים חיים", פון תורה, קענען די תלמידים גראָבן; די לערערס אַליין גראָבן נישט, קען מען דאָך נישט פרעטענדירן אַז די תלמידים זאָלן געפינען „מים חיים".

שטייט טאַקע, אַז אַברהם האָט געגראָבן וואַסער־ברונעמער און נאָך דעם ווי די פלשתים, די יִדישע שונאים האָבן זיי פאַרשאָטן, איז געקומען יצחק, אַברהמס זון, און זיי ווידער, די זעלביקע ברונעמער צוריק אויפגע־גראָבן און „ויקרא להן שמות כשמות אשר קרא להן אָביו" — און זיי אַפילו אָנגערופן מיט די זעלביקע נעמען ווי זיין פאָטער אַברהם האָט זיי גערופן.

דאָס הייסט טראַדיציע: גראָבן די זעלביקע ברונעמער פון „מים חיים“, פון תורה, און זיי אָנרופן מיט די זעלביקע נעמען, פאַרזעצן די גאָלדענע קייט, אומגעענדערט, אומגעפעלשט, לויט די טאַטעס.

און דאָס קען מען דאָך דערגרייכן, ווען די דערציִערס זיינען אַליין איבערגעצייגט אין דעם וואָס זיי לערנען און פּרעדיקן, און איבערהויפּט, ווען זיי אַליין זיינען מקיים און לעבן זיך אויס לויט דעם וואָס זיי גיבן־אי־בער זייערע תלמידים. אַנדערש, דאַרף מען דאָך קיינעם אַפילו נישט פּרווון איבערצייגן, ווייל יעדער רעכט־דענקענדיקער מענטש פאַרשטייט עס אַליין, האָט די דערציִונג קיין האַפט, נאָר איז איין גרויסע סתירה, וואָס שטעמפּלט אויך אָפּ מיט סתירותדיקייט די דערציִונג פון זייערע תלמידים.

ווען יצחק האָט, נאָכן געבן די ברכה, געזען אַריינקומען עשיון, ווען ער האָט זיך געגעבן רעכענונג אַז דאָס קומט־אַריין ערשט עשיו, איז „ויחרד חרדה גדולה“ — האָט ער אויפגעציטערט מיט אַ גרויסן אויפציטער. זאָגט דער מדרש, אַז צוויי מאָל האָט יצחק געציטערט: איין מאָל — „על גבי מזבח“ — אויפן מזבח, ביי דער עקידה, ווען ער האָט געפילט דעם חלף איבער זיין האַלדז און דערשמעקט דאָס פייער אויפן מזבח; און דאָס צווייטע מאָל האָט ער געציטערט, „כשנכנס עשיו“ — ווען עשיו איז אַריינגעקומען נעמען ביי אים די ברכה וואָס ער האָט שוין געהאַט אַוועקגעגעבן יעקבן. ביי דעם צווייטן ציטער שטייט: „חרדה גדולה“ — אַ גרויסער ציטער.

האָט טאַקע אַ גדול אַ מאָל איינגעטייטשט:

יצחק האָט געהאַט צוויערליי ציטערנישן: איינער „על גבי מזבח“ — אַ ציטער פאַר די פיזישע קרבנות פון זיינע קינדער. אָבער דעם גרויסן ציטער, די „חרדה גדולה“ האָט ער געהאַט „כשנכנס עשיו“ — ביי עשיוס אַריינקומען, ד״ה, די מורא אַז עס זאָל אַריינקומען די גוייִשקייט, די עשיוס אין אונדזער מחנה.

די זעלביקע ציטערנישן מאַכט דורך אויך היינט אונדזער פאָלק — דעם ציטער פאַרן פיזישן באַשטאַנד פון אונדזער פאָלק איבער דער וועלט און איבערהויפּט „כשנכנס עשיו“, דעם גרויסן ציטער פאַר עשיוס גייסט, פאַר דער גוייִשקייט וואָס דרינגט־אַריין אין אונדזער פאָלקס מחנה. און אַט די גוייִשקייט קען מען נאָר פאַרבייטן מיט יידישקייט; אַט דעם עשיו

קען מען נאָר פאַרבייטן מיט יעקבן און איבערהויפּט מיטן „בית יעקב״, מיט דער יידישער דערציִונג פון אונדזערע קינדער אין דער יידישער היים און אין דער יידישער שול, וואָס איז היינט אין זייער מערהייט איבערגע־ענטפערט אין די הענט פון דער יידישער פרוי. לייענען מיר דעריבער מיט שמחה און סאַטיספאַקציע וועגן דעם אַרויסלאָז פון דעם צווייטן אַבסאָל־ווענטן־ציקל פון רעליגיעזע לערערינס פונעם „בית יעקב״־סעמינאַר, נישט בלויז פון ענגן שטאַנדפונקט פון אָט דעם אָדער יענעם לערער־סעמינאַר, נאָר מיטן ברייטן אויסקוק און האָפענונג אויף דעם יידישן דינסט, אויפן עכטן יידישן חינוך־געביט וואָס זי קענען לייסטן אין אונדזער ישוב, אין זייער אָנשטרענג צו פאַרוואַנדלען די יידישע היים טאַקע אין „בית יעקב״.

# יידישקייט, דורך מדות טובות

לייענען מיר אין דער פאַנגאַנגענער פרשה, אַז ווען אליעזר, אַברהמס קנעכט, איז אַוועק זוכן אַ פּאַסיקע פרוי פאַר יצחקן, האָט ער ביי זיך אָפּ־געמאַכט, ווי אַ סימן, אַז דאָס מיידל וואָס וועט אַרויסווייזן גוטסקייט און גרייטקייט אָנצוטרינקען אַ פרעמדן מידן מאַן און זיינע קעמלען, וועט דאָס זיין די באַשערטע פאַר זיין האַרס זון. דערציילן אונדז דערביי חז״ל, אַז אליעזר האָט געזען ווי דאָס וואַסער פונעם ברונעם איז אַנטקעגנגעלאָפן רבקהן, וואָס דאָס איז בפירוש געווען אַ נס. דאָך האָט ער געוואַרט, צו זען, צי זי וועט טאַקע אַרויסווייזן איר גוטן כאַראַקטער.

איז דאָך איינגטלעך אַ פראַגע: אויב עס איז רבקהן געשען אַזאַ נס, איז דאָך שוין דאָס אַליין געווען צו באַווייזן, אַז דאָס איז נישט קיין איינפאַך מיידל; איז צוליב וואָס נאָך צו פּרווון זי אויב זי וועט יאָ אָדער נישט געבן אַ טרונק וואַסער? שטייט דאָך אַזאַ נס העכער ווי אַ געוויינלעכער טרונק וואַסער!

אָבער — האָב איך אַ מאָל געלייענט ערגעץ אַ טייטש — אַ נס קען געשען איין מאָל אין ווען, אָבער דער עיקר זיינען טאָג־טעגלעכע מידות און מעשים. דעריבער האָט אליעזר זיך נישט סומך געווען אויפן נס, נאָר ער האָט טאַקע געוואָלט אַליין זען די שטענדיקע מידות פון רבקהן און ערשט דאַן ווען זי איז געלאָפן אים און זיינע קעמלען אָנצוטרינקען מיט אַזאַ מין גרייטגעביקייט, האָט ער איינגעזען אַז זי איז די באַשערטע פון אַברהמס זון.

האָט מען שוין אַ מאָל געפרעגט אַ גדול בישראל:

— נו, און אויב רבקה גיט שוין יאָ אַ טרונק וואַסער, קען זי דען

גרייכן און ווערט זיין אַ יצחקן, וואָס האָט זיך געלאָזט פירן צו דער עקידה? שטייט דען אַ טרונק וואַסער אויף דער זעלביקער הויך פון דער עקידה?
האָט יענער גדול גערענטפערט:

— אַדרבה, די עקידה, דאָס איז אַן איינמאָליקע דערהויבונג ביי אַ מענטש; דאַקעגן, איז דאָס אַרויסווייזן חסד אַ שטענדיקע מידה־טובה, וואָס כאַראַקטעריזירט אונדזער מוטער רבקה.

און שוין דער ערשטער ייִד, אַברהם, האָט שוין אויסגעטראָטן דעם וועג פון ייִדישקייט אויף דורות, דער וועג פון חסד און מידות־טובות, אין וועלכן מען דערקענט אַ ייִד.

שוין אַברהם איז עס געווען דער גרויסער מכניס־אורח, וועמענס קענ־צייכן עס איז געוואָרן די מידה פון חסד און הכנסת־אורחים. און געטאָן האָט ער גוטס אָן אונטערשייד פון וועמען עס זאָל זיך האָבן געהאַנדלט.

פרעגט טאַקע די וועלט: פאַר וואָס שרייבט מען גראַד צו די מידה פון הכנסת־אורחים אַברהמען? אָט, למשל, זעען מיר דאָך אויך אַז לוט, זיין פלימעניק, האָט אויך מכניס־אורח געווען מלאָכים?

אָבער דער אונטערשייד איז, וואָס בעת לוט האָט אויפגענומען מלאָכים (עס שטייט ביי אים „מלאכים" בפירוש), האָט אַברהם אויפגענומען „אנ־שים" — מענטשן.

דאָס איז זיין גרויסקייט. ער האָט געטאָן גוטס, נישט קוקנדיק צי דאָס זיינען מלאָכים, צי דאָס זיינען מענטשן...

און עס שטייט טאַקע דעריבער „והוא עומד עליהם" — אַז ער איז געשטאַנען איבער זיי. טייטשן גוטע ייִדן: אַברהם איז געשטאַנען העכער פון זיי, פון די מלאָכים. ווייל טאָן גוטס מענטשן, שטייט נאָך העכער ווי זיין אַ מלאָך...

איז דעריבער שוין פאַרשטענדלעך דער זאָג פון חז"ל, אַז „רחמנא לבא בעי", דער אייבערשטער דאַרף האָבן אַ האַרץ, און אַז אונדזער תורה פאַרענדיקט זיך מיט אַ „ל" און הייבט זיך אָן מיט אַ „ב", וואָס צוזאַמען שאַפן זיי דאָס וואָרט „לב", האַרץ. ווייל דאָס איז דאָך דער עיקר פון יהדות: אַ גוט האַרץ, גוטע מידות, חסד ורחמים.

שטייט טאַקע ביי אַברהמען, אַז ער האָט געפלאַנצט אַן „אשל". זאָגן

די חכמים, אַז „אשל" מאַכט ראשי־תיבות פון „אכילה", „שתיה", „לינה". און רש"י זאָגט, אַז „אשל" מיינט מען סיי אַ בוים און סיי אַ גאַסטהויז.

שרייבט טאַקע אַ היינטצייטיקער גדול וועגן דעם:

אַ בוים איז פאַרשיידן פון אַ שטוב; אַ בוים האָט אַזעלכע אייגנשאַפטן וואָס עס האָט נישט קיין שטוב, און ווידער, אַ שטוב האָט אייגנשאַפטן וואָס עס פאַרמאָגט נישט קיין בוים. אַ בוים האָט די אייגנשאַפט וואָס מען קען זיינע קערנדלעך איבערפלאַנצן, אַזוי אַז דער בוים זאָל קיין מאָל נישט אָפּשטאַרבן, נאָר זאָל ווידער געבוירן ווערן אין נייע פלאַנצן.

אָבער אַ בוים האָט דאָך נישט די אייגנשאַפטן פון אַ שטוב. אמת, אַ שטוב איז נישט אייביק אַזוי ווי אַ בוים, אָבער דערפאַר גיט זי פאַרמאַ־נענט לעבן און שוץ דעם מענטשן, סיי ווינטער, סיי זומער, סיי ביי נאַכט, סיי ביי טאָג, סיי אין דער היץ, סיי אין דער קעלט — אַ זאַך וואָס נישט שטענדיק גיט דאָס דער בוים.

אָבער אַברהמס „אשל" האָט די אייגנשאַפט סיי פון אַ שטוב און די אייביקייט פון אַ בוים.

די גוטע יידישע מידות שיצן דעם יידן שטענדיק, אין אַלע לעבנס־באַדינגונגען, אַזוי ווי אַ שטוב און טראָגן אין זיך די אייביקייט־קערנדלעך, ווי פון אַ בוים. זיי קומען־אויף, די מידות, פון חסד און רחמים, אין יעדן דור און אויף יעדן יידישן וווינאָרט, ווייל דאָס זיינען עס די קען־צייכנס און די פאָרטרעט־שטריכן פון יידישקייט.

# קאַמף, אויפבוי און גײַסט

ווען משה רבינו איז צום ערשטן מאָל אַרויס צו זיינע ברידער, האָט ער געזען ווי אַ מצרי שלאָגט אַ ייִדן, איז: „ויך את המצרי ויטמנהו בחול", האָט ער געטויט דעם מצרי און אים באַהאַלטן אין זאַמד.

פרעגט דער מדרש:

— „במה הכהו"? מיט וואָס האָט משה געטויט דעם מצרי?

1) מיט זיין פויסט.

2) מיט אַ ליים־רידל.

3) מיטן שם המפורש, דאָס הייסט: מיט אַרויסזאָגן ג׳ס נאָמען.

האָבן שוין גדולים אַריינגעטייטשט, אַז דערמיט גיט אונדז דער מדרש אָנצוהערן וועגן די דריי מעטאָדן און די דריי וועגן ווי אויפצוהאַלטן ייִדיש־לעבן אין גלות.

איין מיינונג איז, אַז דאָס זאָל זיך אויסדריקן „מיט דער פויסט", ד״ה מיט אַקטיוון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן אַסימילאַציע, קעגן פאַר־גוייִשקייט.

אָבער מיט קעמפן אַליין קעגן, קען מען נאָך נישט דערמיט אויפהאַלטן ייִדישקייט; דערצו איז אויך נויטיק דער צווייטער מעטאָד: דער ליים־רידל, דאָס הייסט דאָס אויפבויען אַן אייגן ייִדיש לעבן, וואָס זאָל פאַרזיכערן דעם ייִדישן המשך. נישט בלויז מיט קאַמף קען מען אויפהאַלטן ייִדישקייט, נאָר בעיקר מיטן אויפבוי פון אייגענע אינסטיטוציעס, און אַן אייגענער קולטור, אַן אייגענער ייִדישקייט־אַטמאָספערע, אייגענע טראַדיציע, שפּראַך אאַ״וו. אָבער דער אויפבוי אַליין, דער בנין פון אַן אייגן ייִדיש־לעבן איז נאָך אַליין נישט קיין פאַרזיכערונג פון אונדזער קיום און המשך. עס קען

אַ מאָל בלייבן בלויז דער בנין, בלויז דאָס ליים. דאָן איז בויטיק דאָס צונויפגיסן מיט דער דריטער מעטאָדע: מיטן שם־המופרש, מיט דער ייִדי־שער גייסטיקייט, וואָס זאָל באַלעבן און באַהויכן אונדזערע בנינים, אונ־דזער ייִדיש לעבן. אַנדערש, האָבן נישט אונדזער קאַמף און נישט אונ־דזער אויפבוי קיין האַפט. בלויז דער צונויפגוס פון די דריי מעטאָדן און וועגן: פון ייִדישקייט, פון קאַמף, אויפבוי און גייסט, קען שאַפן דעם וווּנדערלעכן סינטעז וואָס זאָל גאַראַנטירן אונדזער ייִדיש לעבן אין גלות. איינס אָן דעם אַנדערן גייט נישט. בלויז די דריי פּאַראַלן קענען ברענגען צו דער ייִדישער אויסלייזונג און גאולה, צום „ויך את המצרי", און פּאָלג־לעך צו יציאת־מצרים, צו יציאת־הגלות. אינטערעסאַנט איז דאָס וואָס אַ מאָדערנער דענקער זאָגט, אַז דער „ויך את המצרי", איז געווען די ערשטע מכה וואָס די מצרים האָבן באַקומען, נאָך פאַר די ג־טלעכע צען מכות, ווייל בלויז דאַן ווען דער ייִד בויט זיין ייִדיש לעבן, קענען אונדזערע דרויסנדיקע שונאים גאָרנישט טאָן קעגן אונדז.

דאָס דאַרפן מיר גוט געדענקען אין אונדזער היינטיק ייִדיש לעבן אויף אונדזערע מקומות, אַז אַלע דריי פּרינציפּן קענען אויספורעמען אונ־דזער ייִדישקייט. ווייל, לײדער באַגייען אַ סך אַ גרויסן טעות, מיינענדיק אַז בלויז איינער פון זיי איז גענוגנדיק, צו דערהאַלטן ייִדישקייט און ייִדיש־לעבן. איר וועט דעריבער טרעפן אַזעלכע, וואָס פּראָקלאַמירן בלויז: קאַמף, אַ צווייטער — בויען, אַ דריטער — גייסטיקייט, אָבער איינס אָן דעם אַנדערן איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, איז בלויז אַ גליד פון אַ גוף, וואָס ווי וויכטיק ער זאָל זיין, מעג עס זיין דאָס האַרץ צי דער קאָפּ פונעם גע־געבענעם קערפּער, אָבער מען דאַרף דאָך געדענקען, אַז בלויז מיטן קאָפּ צי מיטן האַרצן קען אַ מענטש נישט לעבן, נאָר עס מוז זיין אַ גאַנצער גוף, בכדי ער זאָל האָבן אַ קיום.

וואָס נוגע קאַמף, מיינען אַ סך, אַז עס איז גענוג מיט קעמפן קעגן, זאָל זיין קעמפן קעגן אַסימילאַציע, קעגן עם־הארצות, קעגן פאַרפרעמד־קייט, אָבער דאָס אַליין איז קיין שום גאַראַנטיע נישט. דאָס איז בלויז אַ קאַמף אַ נעגאַטיווער. פאַראַן אַ קאַמף פאַר, וואָס איז אַ סך ווירקזאַמער, אַנשטאָט למשל צו קעמפן קעגן דער דערווייטערונג פון יונגן דור, קעמפן פאַר ייִדישן חינוך. אַנשטאָט למשל צו קעמפן קעגן אַסימילאַציע, קעמפן

פאַר ייִדישקייט. דער פּאָזיטיווער קאַמף פאַר עפּעס איז במילא שוין אַן און פאַר זיך די בעסטע מלחמה קעגן דאָס קעגנגעזעצטע, מיט איין אונ־טערשייד, אַ וועזנטלעכער און גרויסער: וואָס עס ברענגט רעזולטאַטן, דאַן ווען בלויז אַ קאַמף קעגן עפּעס, בלייבט פּרוכטלאָז.

דער צווייטער מעטאָד: אויפבוי. זאָגט דער מדרש, אַז משה האָט אַרויסגעזעצט דעם מוח ביים מצרי מיט אַ ליים־רידל. ד"ה, אַז ייִדן ווילן „צונעמען" דעם שלעכטן מוח פון די שונאים, פון די אַנטיסעמיטן, דער־מיט וואָס זיי באַטייליקן זיך מיט זייער אַרבעט און אויפבוי אין דעם אַל־געמיינעם לעבן, און דערמיט ציִען זיי אַרויס דעם מוח, דעם שלעכטן געדאַנק פון גויִים, אַז ייִדן זיינען נישט פּראָדוקטיווע עלעמענטן. אָבער אַפילו אָט די אַרבעט און מי וואָס ייִדן לייגן אַריין אין די באַטרעפנדיקע לענדער פון זייערע ווירטשאַפטן איז נישט בכוח אויסצוווּאָרצלען אָט די כראָנישע איינגערעדטע אַנטיסעמיטישע קראַנקייט. אַזוי, אַז דווקא ווען ייִדן ווילן זיך אינטעגרירן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן און ווייזן זייער „ליים־רידל", רופן זיי ערשט אַרויס דעם אמתן אַנטיסעמיטיזם. און בלויז דאַן ווען זיי בויען־אויף זייער אייגענע ייִדישקייט, זייער אייגן לעבן, רופן זיי אַרויס דרך־ארץ אַפילו ביים פאַרביסנסטן אַנטיסעמיט.

עס ווערט געבראַכט, אַז ווען יעקב האָט געשיקט אַנזאָגן עשיון אַז ער קערט זיך צוריק קיין כנען, האָט ער אים געהייסן זאָגן: „עם לבן גרתי", ד"ה מיט לבן האָב איך געוווינט ביז איצט. מאַכט דאָרט רש"י: „עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי", ד"ה, מיט לבנען האָב איך געלעבט, און דאָך האָב איך אָפּגעהיט די תרי"ג מצוות. איז ערשטנס, זאָגט אַ גדול, איז נישט צו פאַרשטיין, ווי קומט צו יעקבן וואָס איז געווען באַשיידן ביי זיך, צו באַרימען זיך אַז ער היט־אָפּ אַלע תרי"ג מצוות. צווייטנס: וואָס איז עס עשיו, דעם גוי, אַ נפקא מינה צי יעקב היט יאָ אָדער נישט אָפּ די תרי"ג מצוות. — אָבער ערשט עשיו, אַ גוי, טייטשט ווייטער — אין דער גוטער ייִד — רעספּעקטירט אַ ייִד ווען יענער היט־אָפּ תרי"ג מצוות. אַפילו נישט־ייִדן אַכטן אַ ייִדן, ווען יענער האָט אַכטונג צו זיין אייגענער קולטור און טראַדיציע, ווייל אַזוי ווי אַ ייִד באַנעמט זיך צו זיינע אייגענע ווערטן, אַזוי אויפן זעלבן אופן באַנעמט זיך דער נישט־ייִד צו אים. דאַקעגן,

קען מען דאָך ביי יענעם נישט פאָדערן אַכטונג צום ייִדישן כבוד, ווען דער אייגענער ייִד ווייזט אַזוינס נישט אַרויס.

איצט וואָס נוגע דעם דריטן פּרינציפּ: דעם שם־המפורש, ד״ה די עכטע ייִדישע גייסטיקייט.

צי מען וויל נישט, צי מען וויל יאָ, דאָס לעבן און די געשיכטע זיינען די בעסטע לערערס, און האָבן אונדז בולט באַוויזן, אַז בלויז דאָרט ווו מען גיט אַריין עכטן ייִדישן גייסט אין דעם ייִדישן בנין, אין דעם מיט אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונג אויפגעבויטן ייִדישן לעבנס־בנין. דאָרטן קען מען פאַר־האָפן ווייטערדיקע און ווייטזעעוודיקע רעזולטאַטן. דאַקעגן, זיינען דאָס צייט־ווייליקע און נישט דויערהאַפטע דערגרייכונגען, זיינען דאָס פאַרבלענעדע־נישן, פאַרבייגייענדיקע מיראַזשן, זיינען דאָס איינערדעענישן און אָנוואָרצל דיקע ביימער, זיינען דאָס הייזער אָן פעסטע פונדאַמענטן און זיך אַליין איינגערעדטע פאַליאַטיוון וואָס מאַכן צערינען אַלע געלייגטע האָפענונגען. איר מעגט אַזעלכע אָנשטרענגונגען אָנרופן מיט די שווערסטע נעמען לויט דער צייט־מאָדע און לויטן צייט־פּסיכאָז, זיי באַקליידן אין כלערליי גייסטי־קע צונעמען, וויבאַלד זיי קוועלן נישט אַרויס פון דעם אורשפּרינגלעכן מקור, פון די אַלטע פעסטע טויזנטיעריקע וואָרצלען (און וואָרצלען זיינען נישט שטענדיק אַזעלכע מאָדערנע און שיין באַפּוצטע. אַדרבא, וואָרצלען ליגן אין דער ערד, אינעם באָדן, פאַרשטויבטע און ערדיקע) אָן די דאָזיקע קוואַליקע וואָרצלען זאָל קיינער זיך נישט איינרעדן אַז דער דאָזיקער בוים וועט געבן די געהעריקע ייִדישע פּרוכטן. אַפילו די בלומען וועלן דאַן זיין קינסטלעכע, פּלאַסטישע, אָבער אַלץ נישט קיין לעבעדיקע, מיטן אַלטן ייִדישן אַראָמאַט, וואָס קענען אַמאָל דערפירן צו גייסטיקע פּירות.

אויב יאָ קאָמף און בנין, מוז עס זיין באַגלייט מיטן שם־המפורש, מיט ג׳ס נאָמען, מיט דער עכטער ייִדישער גייסטיקייט, מיט דער אומגעפעלשטער ייִדישקייט פון דורות.

דאַקעגן, האָט אונדז די געשיכטלעכע דערפאַרונג בולט און אומצאָליקע מאָל דערוויזן, אַז מען בויט אויף אילוזיעס און זעלבסט־איינרעדענישן.

ווייל אַזוי ווי דער קערפּער פאַרטראָגט נישט קיין פרעמדע אָרגאַנען אין זיך; אַזוי אויך דער גייסט, שטויסט צוריק אַלץ וואָס איז נישט ייִדישלעך און עכט.

און אַז מען באַרירט שוין דעם ענין, לאָמיר זאָגן מיט דער גרעסטער קלאָרקייט, אַז דאָס באַציט זיך צו אַלט און יונג, צו אַלעמען אָן אויסנאַם. ווייל אַ גרויסן טעות באַגייען זיכער די אַלע, וואָס טיילן איין ייִדישקייט אין קאַטעגאָריעס פון אַלט און יונג. עס איז די זעלבע ייִדישקייט פאַר אַלעמען.

און ריכטיק טייטשט איין יענער ייִד, ווען ער איז מפרש דעם „אל תשליכנו לעת זקנה", וואָס מיר בעטן מיט אַזוי פיל געוויין און באַהאַרצט־קייט ראש־השנה און יום־כיפור:

— „זאָלסט אונדז נישט פאַרוואַרפן אין אַ צייט, („לעת") ווען בלויז די זקנים („זקנה") זיינען עס די אויספירער פון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, זיינען עס די וואָס פילן־אָן אונדזערע שולן," ווי דאָס וואָלט גאָרנישט געווען אָנגעהערט דעם יונגן דור. נאָר אַדרבא: ערשט דעם יונגן דור דאַרף מען באַפּאַנצערן מיטן שם־המפורש, מיט עכטער ייִדישקייט, וואָס איז שטענדיק אַקטועל". שטענדיק לויט דער ייִדישער „מאָדע", ווייל אַנדערש וואָלט מען אונדזער ייִדישקייט באַדאַרפט בייטן אַלע עטלעכע הדשים, לויטן ראַשיקן „מאָדע"־בייט פון אונדזערע צייטן".

און דעריבער האָט אונדז שוין זייער גוט געלערנט דער מדרש, אַז בכדי אויפצובויען ייִדיש לעבן און אויפהאַלטן עס ווי געהעריק, בכדי עס זאָל געדייעןביים נייעם דור און פאַרזיכערן אויך אונדזער המשך, מוז מען אײַנזינען האָבן און צונויפגיסן די דריי יסודות, וואָס זיינען:

קאַמף, אויפבוי און גייסט.

# ייִדישקייט דורך אהבת ישׂראל

ווען יוסף האָט זיינע ברידער געשיקט צו זיין פאָטער יעקב צו ברענגען אים פון כנען קיין מצרים, דערציילט אונדז דער חומש, אַז ער האָט מיט זיי מיטגעשיקט פורן באַלאָדן „מטוב מצרים״, פון אַל דאָס גוטס. ברענגט רש״י אין נאָמען פון דער גמרא, אַז ער האָט מיט זיינע ברידער מיטגעשיקט פאַרן טאַטן אַלטן וויין, ווייל זקנים האָבן שטאַרק ליבן אַלטן וויין.

האָב איך געזען וועגן דעם אַ וואונדערבאַרן טייטש:

יוסף האָט געוואָלט דערמיט געבן זיין פאָטער יעקב אַ רמז, אַן אָנווונק, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז יונג אַוועק פון זיין טאַטנס הויז, קיין מצרים, אין דעם קלאַסישן לאַנד פון מ״ט שערי־טומאה, דאָך האָט זיך ביי אים נישט אויסגעוועפּט דער אַלטער דורותדיקער וויין וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין פאָטערס הויז אין ארץ־כנען.

דאָס איז געווען אַ בפירושער אָנדייט, אַז דער אַלטער וויין פון יעקבס קולטור האָט זיך נישט אויסגעוועפּט אין דעם יונגן יוסף.

אין אונדזערע מאָדערנע אויסדרוקן וואָלטן מיר דאָס אָנגערופן: „אַטאַוויזם״, ד״ה בענקשאַפט צו דער קולטור פון אונדזערע אבות־אבותינו, פון אונדזערע פאָרגייער.

אויך מיר שטייען היינט אין אונדזערע ישובים פאַר אַ זעלטענער דערשיינונג, פאַר דער דערשיינונג פון דעם „אַטאַוויזם״, פון דער בענקשאַפט צו אונדזער אַלטער ייִדישקייט, צו דעם אַלטן ייִדישן וויין וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט אין אונדזער נייעם דור. נאָר אַדרבא: וואָס שפּילט־אויף אין זיין אינערלעכקייט, הגם נישט שטענדיק איז דאָס באַוווסטזיניק, הגם נישט שטענדיק קומט דאָס אויסערלעך צום אויסדרוק, נאָר טליִעט אין זיין אינערן, שפּילט־אַריין אויף די סטרונעס פון זיין נשמה, הגם מערסטנ־

טייל ליגט דאָס אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, און שווימט נישט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, נאָר איז פאַרנורעט אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון זיין נשמה.

און אָט דעם אַטאַוויזם מוזן מיר אויסנוצן, אָט די בענקשאַפט צום אַלטן, צו די דורותדיקע ווערטן פון ייִדישקייט, אָט דעם דורשט נאָך דעם אַלטן ייִדישן וויין דאַרפן מיר אויסנוצן און צעשפּילן אין דער נשמה, אין דעם געפיל פון אונדזער נייעם ייִדישן דור.

דער דובנער מגיד האָט אַ שיינעם משל:

אַ שמיד איז געקומען פון דאָרף אין שטאָט אַריין, און געזען אַז דאָרטן מאַכט מען פייער אין דער קוזניע מיט אַ בלאָז־זאַק. איז ער געבליבן גע־פלעפט פון דעם גרויסן חידוש און האָט זיך גלייך איינגעשאַפט אַזאַ בלאָז־זאַק, אים געבראַכט אַ היים און אָנגעפאַנגען צו בלאָזן, אָבער וויפל ער האָט נישט געבלאָזן, איז אַלץ קיין פייער נישט אַרויס, ביז אַ דורכגייער האָט דאָס באַמערקט און אים אויפמערקזאַם געמאַכט:

מיין ליבער שמיד: אויף אַרויסצוברענגען פייער פון דעם בלאָז־זאַק דאַרף מען האָבן אַ פונק...

אונדזער נייער דור האָט דווקא אַ פונק פון ייִדישקייט און מיר דאַרפן עס זיין די וואָס זאָלן מיט אונדזער בלאָז־זאַק פון ייִדישקייט דעם פונק צעבלאָזן, כדי אַרויסצוקריגן זיין פייער, עס צעטליען, כדי צו פאַרוואַנדלען דעם ים פון פונקען וואָס טליען אין די פאַרבאָרגנישן פון די ייִדישע נשמות אין פלאַמען.

אַזאַ ייִדיש פייער איז נישט נאָר אַן ענין פון עפנטלעכע דעמאָנסטראַ־ציעס, נאָר דאַרף אָנגעצונדן ווערן אין יעדן יחיד באַזונדער, אַריינדרינגען אין אַלע ייִדישע הערצער, אין אַלע ייִדישע היימען.

איז שוין ביז גאָר טרעפלעך דער דין פון חנוכה־ליכט צינדן, וואָס דערמיט וואָס מען צינדט אָן חנוכה־ליכט אין שול איז מען נאָך נישט יוצא, נאָר יעדער ייִד מוז ערשט אַ היים גיין און צינדן חנוכה־ליכט, יעדער איינער ביי זיך אין הויז, און ערשט דאַן דערפילט מען מיט דער מצווה פון חנוכה־ליכט צינדן.

אַזאַ פייער־צינדונג קען מען בלויז דערגרייכן מיט און דורך אהבת־ישראל, דאָס איז דער איינציקער דרך אין ייִדישקייט, איבערהויפט אין דער

דערנענטערונג פון דעם נייעם ייִדישן דור צו די אייביקע ווערטן פון אונ־דזער אומה.

ווי האָט דאָס אַמאָל דער באַרדיטשעווער געזאָגט:

— פאַר וואָס הענגט מען אָן די מידה פון הכנסת־אורחים בלויז אין אַברהם אָבינו? אָט זעען מיר דאָך בפירוש, אַז אויך לוט האָט אויפגענומען די מלאכים מיט גרויס גאַסטפריינדשאַפט און אַפילו מיט מסירות נפש.

— טאַקע דאָס ווייזט אַרויס בולט אַברהם אָבינוס מידה פון הכנסת־אורחים. וואָס בשעת לוט האָט בלויז אויפגענומען מלאכים, האָט אונדזער אַברהם אָבינו מקרב־געווען אַלע סאָרטן אורחים, אַפילו נישט קיין מלאכים.

דאָס מוזן מיר גוט איינזינען האָבן אין אונדזער אַרבעט פאַר ייִדישקייט, צו צוציִען אַלע סאָרטן ייִדן, דערנענטערן אַלע שיכטן ייִדן אָן אונטערשייד און צעבלאָזן דעם ייִדישן פונק אין אַלע ייִדישע הערצער, סיי אין כמות, אין קוואַנטיטעט, ווי אין איכות, אין קוואַליטעט, ווייל ביידע זיינען אונדז ביז גאָר וויכטיק און טייער, און ווער קען בכלל אָפּשאַצן אַ ייִדישע נשמה?

בלויז מיט אהבת־ישראל קען מען דערגרייכן צום ייִדישן האַרץ, אַפילו צום דערווייטערסטן, דאָס דאַרף זיין דער איינציקער מאַסשטאַב פון אונ־דזער פעולה, פון אונדזער אויפטו פאַר ייִדישקייט.

ווען מען האָט דעם גרויסן אוהב־ישראל, הרב קוק ז״ל, געפרעגט אַ מאָל ווי קומט עס אַז ער, אַ פרומער אָפּגעהיטענער רב נעמט אויף מיט אַזאַ פריינדשאַפט אַפילו נישט קיין רעליגיעזע ייִדן, האָט ער געגעבן פאָלגענדיקן ענטפער:

כידוע, איז דער צווייטער בית־המקדש חרוב געוואָרן צוליב שנאת־חינם, אומזיסטער פיינטשאַפט צווישן די פאַרשיידענע פאָלקס־שיכטן. איז אויב איך וועל דערנענטערן נישט אַזעלכע פרומע ייִדן, קען איך אַמאָל זינדיקן מיט אהבת־חינם, מיט אומזיסטער ליבשאַפט. — איז, אַנשטאָט צו זינדיקן מיט שנאת־חינם, איז שוין בעסער צו זינדיקן מיט אהבת־חינם...

פאַראַן אַ וווּנדערבאַרער מדרש, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן אים די גויִים אַנטקעגן גיין און אים וועלן אונטערטראָגן שיינע מתנות. וועט משיח בעטן ביי די גויִים אַלס מתנה אַלע ייִדן וואָס געפינען זיך צווישן זיי, די גויִים, וועט דאָס זיין פאַר אים די שענסטע מתנה.

אויך מיר דאַרפן אַרויסנעמען די ייִדן פון די גויִים, זיי צוציִען צו

יידישקייט, און דאָס וועט פאַר אונדז זיין די בעסטע מתנה, דער שענסטער געשאַנק.

מיר דאַרפן אַריינרינגלען דעם נייעם דור אין יידישקייט און ליבשאַפט, און דערציִען אַלע זיינע חושים צו טראַכטן, צו לעבן, צו פילן, צו דענקען און צו טאָן אויף אַ יידישן אופן.

איך האָב אַמאָל געהערט צווישן פיל אַנדערע טייטשן וועגן דעם פאַר־וואָס האָבן די תפילין של־יד איין בית און די של־ראש פיר בתים, צוזאַ־מען פינף בתים, אַז: מען דאַרף דינען דעם אויבערשטן מיט אַלע פינף חושים וואָס מיר פאַרמאָגן. דער של־יד האָט איין בית קעגן דעם חוש־המישוש, דעם אָנריר־חוש פון דער האַנט, און דער של־ראש האָט פיר בתים קעגן די פיר אַנדערע חושים וואָס זיינען אין קאָפּ: די ראיה, דער געהער, דער חוש־הריח און דער טעם.

אַזוי דאַרפן מיר אויך מיט אהבת ישראל דערציִען די נייע יידישע דורות, כדי זיי זאָלן מיט אַלע חושים צוגעצויגן ווערן צו יידישקייט. מיר דאַרפן דערציִען דעם של־יד, די מעשים, די טאָטן פאַר יידישקייט, און זייער של־ראש, זייער אינטעלעקט, זייער יידישן בליק, זייער יידישן געהער, זייער יידישן טעם.

מען מוז אין זיי אַריינגיסן דעם אָריגינעלן יידישן וויך, די מקורותדיקע יידישע קולטור און מידות.

די ערשטע הונדערט יאָר פון יידישן ישוב אין אַרגענטינע — האָט עמעצער געשריבן — זיינען געווען יאָרן פון קאַמף אויפצוהאַלטן דעם יידישן קיום; דער צווייטער יאָרהונדערט דאַרף דעריבער זיין פון קאַמף אויפצוהאַלטן דעם יידישן המשך.

מיר וואָלטן איצט פּאַראַפראַזירט און געזאָגט דאָס פאַרקערטע:

די לאָזונג דאַרף איצט נישט זיין „קיום און המשך” נאָר „המשך און קיום”.

ווייל פון קיום קען אַרויסקומען המשך, אָבער אָן המשך קען חס ושלום קיין קיום נישט זיין.

מיר דאַרפן דעריבער מיט אַלע אונדזערע כוחות איצט אַרבעטן פאַר אונדזער המשך, פאַרן נייעם דור, כדי אונדזער ישוב זאָל שפּעטער האָבן אַ קיום.

ווען מען האָט אַמאָל דעם בעל שם־טוב געפרעגט זיין מיינונג וועגן חרם קעגן דעם פאַלשן משיח יעקב פראַנק און זיין כיתה, האָט דער גרינדער פון חסידיזם אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אויף אַ קלאָרן און שאַרפן אופן:

קראַנקע גלידער פון אַ גוף, כל־מן זיי זיינען נאָך אַ טייל פונעם גוף, קען מען זיי היילן, שטאַרקן און געזונט מאַכן, נאָר ווי באַלד זיי פאַלן־אַראָפּ, דאַרן־אָפּ און ווערן אויס אָרגאַנישע טייל פון דעם גוף, דאַן איז שוין נישטאָ קיין שום האָפענונג זיי ווען עס איז אויסצוהיילן, און זיי גייען פאַרלוירן.

אַזוי אויך ביי אונדז: כל־זמן די פאַרשיידענע פאָלקס־גלידער האַלטן זיך אין פאָלקס־גוף, אַפילו שוואַכע אָדער קראַנקע גלידער, קען מען זיי נאָך היילן, שטאַרקן, געזונט־מאַכן, אָבער פאַר קיין פאַל נישט קען דאָס געשען אויב זיי גייען פאַרלוירן, אויב זיי דאַרן־אָפּ פון אונדזער פאָלקס־קערפּער.

מיר דאַרפן דעריבער שטאַרקן, היילן אַלע גלידער פון אונדזער פאָלק, און היילן, שטאַרקן, געזונט־מאַכן קען מען נאָר דורך געדולדיקער אהבת־ישראל, דורך ליבשאַפט צום פאָלק און דורך איינפלאַנצן אין אים די עכטע ייִדישע ווערטן, דורכן אַריינגיסן אין אים דעם דורותדיקן אַלטן ייִדישן וויין, דורך אויסנוצן זיין אַטאַוויזם, דורכן צעבלאָזן אין אים דעם ייִדישן פונק, און אַרויסציִען ייִדן פון די גויים, אַלס אונדזער שענסטע מתנה.

דער באַראָמעטער דערצו דאַרף זיין אונדזער עכטע ייִדישע קולטור, און די מקורותדיקע קוואַלן פון אונדזער טראַדיציע, די אומגעפעלשטע און אייביקע ווערטן פון אונדזער תורה.

איך האָב אין ישראל געהערט זייער אַ שיינעם טייטש פון: „והגית בו יומם ולילה", זאָלסט לערנען די תורה טאָג און נאַכט:

„והגית", זאָלסט לערנען, קומט פונעם וואָרט „הגה", וואָס וויל זאָגן אויך אַ רודער („כהגה ביד המלח", ווי אַ רודער אין דער האַנט פון אַ מאַטראָס, ווי מיר זאָגן דאָס אין דעם יום־כיפּורדיקן פּיוט). אַז איינער טרייבט אַן אויטאָמאָביל, מוז ער האַלטן פעסט דעם הגה, דאָס טרייבל, דעם רודער, ווייל קוים לאָזט ער אַרויס פון האַנט אויף אַ סעקונדע דעם טרייבל, קען אַרויסקומען דאָס גרעסטע אומגליק וואָס זאָל שטעלן זיין לעבן אין געפאַר.

אַזוי איז אויך מיט אונדזער תורה: — „והגית", זאָלסט האַלטן פערמאַ־נענט דעם רודער, די תורה, ווייל קוים לאָזט מען זי אויף אַ ווײַלע אָפּ, קען אַרויסקומען דאָס גרעסטע פאָלקס־אומגליק.

יאָ, מיר טאָרן אויף קיין מינוט ניט אָפּלאָזן דעם ייִדישן רודער, דעם „הגה“, וואָס וויל אויך זאָגן דעם געדאַנק, דעם ייִדישן געדאַנק, דעם ייִדישן פּילן מיט אַלע אונדזערע חושים, סיי אונדזער של־יד, סיי אונדזער של־ראש, סיי אונדזערע טאַטן ווי אונדזער גאַנצן אינטעלעקט. רודערן, והגית, ריכטן אויפן וועג פון עכטער ייִדישקייט, דורך עכטער אהבת־ישראל.

נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר אָנצינדן דעם ייִדישן פייער, פלעגן אונדזער המשך און פאַרזיכערן אונדזער קיום.

# כתר התורה

„רבי שמעון אומר: שלשה כתרים הן: כתר תורה, כתר כהונה וכתר שם טוב עולה על גביהם" — ד"ה, דריי קרוינען זייגען פאַראַן: די קרוין פון תורה, די קרוין פון כהונה און די קרוין פון מלכות; און די קרוין פון אַ גוטן נאָמען, פון אַ שם־טוב, שטייט העכער פון זיי אַלע.

דעם כתר תורה קען מען אָנטאָן און טראָגן אומעטום ווו עס געפינט זיך נאָר אַן עדה ייִדן און ווו מען לערנט תורה, אָן אונטערשייד ווו ער זאָל זיך נישט געפינען.

אַדרבה: אין בבל איז גאָר אויפגעקומען דער וויכטיקסטער תלמוד, דער תלמוד בבלי.

אָדער אין יבנה, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ קליין דערפל, האָט מען געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן ווייטערדיקן ייִדישן קיום, פאַר דער ייִדי־שער תורה.

אַזוי אַרום איז דאָך שוין גאָר נישט זיך צו וווּנדערן, אויב אויך אין בוענאָס־איירעס וועט מיט דער צייט אויפקומען אַ תורה־צענטער, וואָס וועט אַרויסגעבן תורה־פירערס און אויטאָריטעטן.

ערשטנס, איז היינט צו טאָג אַרגענטינע פון די וויכטיקסטע תפוצות־ישראל, סיי אין כמות, ווי אויך ווי אַ געזעלשאַפטלעך געמיינדע־אָרגאַני־זאַציע און האָט פאַר זיך שוין דערוואָרבן אַן אָנגעזעען אָרט צווישן די ייִדישע ישובים אויף דער וועלט.

מען האָט אָבער נישט געגלייבט, אַז אויך ביי אונדז זאָלן אויפקומען יונגע, הי־געבוירענע רבנים, גייסטיקע פירערס, וואָס זייגען עלול צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשטאַלטונג פון אונדזער ישוב, איבערהויפּט

אין דער צוציִונג פון דעם נייעם הי־געבוירענעם דור צו אונדזערע אור־שפּרינגלעכע ווערטן; אַזעלכע, וועמען עס זאָל זיין נאָענט די מענטאַלי־טעט פון היגן יונגן ייִד, ווייל די זיינען עס אַליין דער פּראָדוקט פון אונ־דזער סביבה און דער רעזולטאַט פון אונדזערע אָנשטרענגונגען אויפן גע־זעלשאַפטלעכן און חינוך־געביט.

און אַט שטייען מיר פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכן פאַקט: עס געפינען זיך שוין צווישן אונדז די ערשטע רבנים פון אַ גאַנצער ריי וואָס ווערן זיי נאָכפאָלגן, דערצויגענע און אויסגעבילדעטע אין אונדזערע אייגענע דער־ציִונג־אַנשטאַלטן, אין דעם לעצטן עטאַפּ פון זייער אויסבילדונג אין דער „ישיבה גבוהה — בית מדרש לרבנים" וואָס ביי דער קהילה פון בוענאָס־איירעס.

דאָס וואָס די יונגע לייט זיינען געשיקט געוואָרן קיין ישראל דורכצו־מאַכן דאָרטן אַ פּראַקטישן קורס פון רבנות און דאָרטן באַקומען זייער סמיכה, איז אויך אַ לעבנסווירדיקע זאַך.

איך האָב אַ מאָל געזען אַ טייטש פון דעם זאָג אין פּרקי אָבות:

„הוה גולה למקום תורה" — ווער פאַרוואָגלט אין אַ מקום־תורה. איי־גנטלעך קען מען דאָך אומעטום לערנען תורה, ס'איז נישט נייטיק דערצו אַוועקצופאָרן אין אַנדערע מקומות. נאָר טאָמער וועט מען לערנען תורה אויפן אייגענעם אָרט און נישט אַרויסגיין קיין מאָל פון דאָרטן, וועט מען זיך דאָך איינריידן, אַז קיין גרעסערער און קיין בעסערס איז נישטאָ — דעריבער האָט מען אָנגעזאָגט דעם „הוה גולה למקום תורה!", פון דאָרטן צו זען אַז עס זיינען נאָך פאַראַן גרעסערע תלמידי־חכמים.

און זייער גוט האָט מען געטאָן, צו שיקן די ערשטע רבנים קיין ישר־אל, טאַקע כדי צו זען דאָרט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער מקום־תורה, מיט גרויסע תורה־אויטאָריטעטן, און זיך אָננעמען מיט דער אווירה דארץ ישראל, זיך דורכדרינגען מיטן עכטן ייִדישן תורה־גייסט פון ארצנו הקדו־שה, בכדי דאָס שפּעטער, אין אַ געוויסער מאָס, אַריבערצופלאַנצן אין אונ־דזערע אָרטשאַפטן.

ווייל זיין אַ רב, איז נישט בלויז דאָס ווערן אַ רעליגיעזער פונקציאָנאַר, נישט בלויז אַ געוויסע סכום פון אויסגעלערנטע ידיעות, נאָר בעיקר באַ־

דיט עס — צו ווערן אַ מנהיג־רוחני, אַ גייסטיקער פירער ביי ייִדן, וואָס זאָל זיי דערהייבן צו זיך, וואָס זאָל זיי פירן.

ווי האָט, דאַכט זיך, דער חידושי הרי״ם געטייטשט: „מנהיג אשר יצא לפניהם״ — אַ מנהיג וואָס זאָל גיין פאַר זיי, וואָס זאָל פירן די עדה, און נישט וואָס די עדה וויל און דאַרף איר געפירט ווערן.

אין דעם חסידישן פאָלקלאָר ווערט געבראַכט אַ וויכוח צווישן אַ מתנגד און אַ חסיד וועגן דעם אונטערשייד פון אַ רב און אַ רבין:

בעת דער מתנגד האָט בלויז געהאַלטן פון אַ רב אַ בן־תורה און נישט פון קיין רבין, אַ חסידישן פירער, האָט דער חסיד אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשייד צווישן זייביידן:

— אַ רב איז אַן אַ ייִד (אַן דעם אות „יוד״ ביים סוף וואָרט), בעת אַ רבי איז מיט אַ ייִד...

ווילן מיר טאַקע ווינטשן די בייע רבנים און די וואָס וועלן נאָכקומען, זיי זאָלן דווקא זיין רבנים מיט ייִדן; „אשר יצאו לפניהם״ — וואָס זאָלן זיי ריכטן, פירן און דערהייבן צו זיך און זאָלן צוזאַמען מיט דעם כתר התורה מיט דער שיינער און דערהויבענער תורה־קרוין, אויך זוכה זיין צו טראָגן דעם כתר שם־טוב, וואָס איז אין לעצטן סך־הכל „עולה על גביהם״.

# לאָמיר געדענקען!

„עקביא בן־מהללאל אומר: דע מאין באת ולאן אתה הולך". עקביא בן־מהללאל זאָגט: זאָלסט וויסן פון וואַנען דו קומסט־אַרויס, פון וועמען דו שטאַמסט, ווער זיינען עס געווען דיינע עלטערן, דיין שטאַם, דיין יחוס, דיין אורשפּרונג, און זאָלסט וויסן „לאן אתה הולך", ווו דו גייסט, ד"ה, אַז דו גייסט אַריין אין דיינע קינדער, אין די קומענדיקע דורות.

ווייל ווען מיר דערמאָנען אונדזערע עלטערן, דערמאָנען מיר אויך זייערע פירונגען, זייערע מעשים, זייערע מידות, דאַן העלפט דאָס אויך אונדזערע מידות און מעשים צו פאַראיידלען און פאַרשענערן, און דאַן קענען מיר אויך דינען אין דעם זין פאַר אַ מוסטער אוןביישפּיל פאַר אונדזערע קינדער.

ווייל דער „דע מאין באת" קען אונדז מיטהעלפן צום „לאן אתה הולך", ווייל אויב מיר שפּיגלען זיך אין דעם געשטאַלט פון אונדזערע פאָרגייערס, און מיר פאַרגעסן דעריבער נישט צו גיין אין זייערע וועגן, קענען מיר די דאָזיקע וועגן אויך אָנצייכענען פאַר אונדזערע קינדער, בכדי זיי זאָלן זיך שפּיגלען אויך אין אונדזער געשטאַלט, און אַזוי אַרום פאַרזיכערן די קייט פון דורות.

האָב איך טאַקע אַמאָל געזען אַ װוּנדערבאַרן טייטש פון יענעם באַקאַנטן מדרש, וואָס זאָגט, אַז יעקב אָבינו האָט באַערדיקט אונדזער מוטער רחל אין מיטן וועג, כדי ווען די יידן וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות אַריין, זאָל די מוטער רחל אַרויס פון קבר און בעטן דעם איבערשטן פאַר זיי רחמנות.

איז דאָך אַ פראַגע: — אויף צו בעטן רחמנות אויף אירע קינדער, וואָס איז דער אונטערשייד, ווו די מוטער רחל געפינט זיך באַגראָבן, צי

אין מיטן וועג, צי ערגעץ אַנדערש. אַ מאַמע וועט דאָך בעטן רחמנות פאַר אירע קינדער, ווו זי זאָל זיך נישט געפינען?

אָבער דער תירוץ איז, אַז ווען די קינדער וועלן אַדורכגיין דער מאַמע רחלס קבר, וועלן זיי זיך אין איר דערמאָנען, זיך אָננעמען מיט אירע מידות, און דאַן וועט די מוטער רחל קענען פאַר זיי בעטן, ווייל ווען קען אַ מאַמע בעטן? — ווען זיי זיינען אירע קינדער, ווען זיי דערמאָנען זיך אין איר, ווען זיי זעען אויס אין איר גייסטיקן געשטאַלט.

דאָס איז דער זין פון יעדן יזכור, פון דערמאָנען אונדזערע פאַרשטאָר־בענע פאָרגייערס, וואָס האָבן אונדז מיט זייער לעבן געגעבן אַ ביישפיל און אויסגעטראָטן פאַר אונדז אַ וועג לדורות.

אַוודאי און אַוודאי איז דאָס געזאָגט געוואָרן וועגן אונדזערע קדושים, וואָס האָבן סיי מיט זייער דערהויבן לעבן, ווי מיט זייער דערהויבענעם קידוש השם־טויט, אונדז געלערנט זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר ייִדישקייט, גרויסן דעם ייִדישן נאָמען און דעם ייִדישן כבוד.

ביים דיכטער לייוויק, איז פאַראַן אַ פּאָעמע וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער ייִדנקאָפּ״, און וואָס שילדערט ווי אַ נאַצי האָט באַגראָבן אַ ייִדן אַ לעבעדיקן, און בלויז געלאָזט זיין קאָפּ אויף דער אויבערפלאַך, און ווי דער דאָזיקער נאַצי ווערט דערציטערט זעענדיק ווי דער „ייִדנקאָפּ״ פּרעפּלט דעם „אָוונט־געבעט״, דאָס הייסט, ווי דער ייִד, וואָס ליגט באַגראָבן ביזן קאָפּ, דאַוונט מנחה, ביים דערנענטערן זיך פון דעם אָוונט. דאָס קען שוין דער נאַצי נישט באַנעמען, געמיינט האָט ער אַז דער „יודענקאָפּ״, וועט געוויס גאָר פלוכטן, און דאָ זעט ער גאָר עפּעס אַנדערש, אַ פאַר אים אויסטערלישע דערשיינונג, ווי אַ ייִדישער קאָפּ, פאַר זיין לעצטן אָטעם־צוג, דאַוונט גאָר מנחה צום איבערשטן...

די העראָיִק וואָס ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן ביים גרעסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע, די דערהויבענע מאָמענטן פון ייִדישן שטאָלץ און מענטשלעכן כבוד, דאַרף דינען ווי אַ לייכטנדיקער וועגווייזער אין אונ־דזער גאַנץ לעבן.

אין דעם דאָזיקן זין, וויסנדיק „מאין באת״ פון וואָסערע קדושים וטהורים מיר שטאַמען אַרויס, וועט דאָס אויפן זעלבן וועג אויך פירן צום

„לאן אתה הולך”, צו דער דערציִונג פון דעם יונגן דור אין זייער הייליקן גייסט פון עכטער ייִדישקייט.

דעריבער האָט שוין זייער טרעפלעך געשריבן אַ היינטצייטיקער פּי־רער און דענקער, אַז זאָגן „קדיש” מיינט אַכטן דאָס וואָס איז קדוש, הייליק געוועזן די קדושים. אין דעם דאַזיקן זין דאַרף פאַרשטיין ווערן אונדזער באַערונג פאַר די קדושים, סיי אין דער פאָרעם, סיי אין דעם אינהאַלט, וואָס זאָל זיין אַנגעמאָסטן און פּאַסיק צו דעם וואָס איז געווען פאַר זיי הייליק און טייער, און נישט פאַרקערט.

איבערהויפּט לייכט־אַרויס און וועט דינען ווי אַן אייביקער מוסטער פאַר די קומענדיקע דורות דער העראָישער קאַמף און די גבורה און מסירת־נפש פון די קינדער און יוגנט פון די געטאָס.

גענוג אָנצוווייזן אַז דער געטאָ־קאָמאַנדיר איז געווען בלויז אַ 24־יאָריקער בחור. גענוג אָנצוווייזן אויפן העראָיזם פון די קינדער, וואָס פלעגן איינ־שטעלן זייערע לעבנס פאַר זייערע עלטערן, זיי צו ברענגען ברויט אונטער די מוראדיקסטע לעבנס־געפערלעכסטע אומשטענדן.

זיי זיינען עס געווען דווקא די ערשטע צו קעמפן פאַרן ייִדישן כבוד און צו רעוואָלטירן קעגן דעם שטיוול פון דער ברוטאַלער בעסטיע.

ביי יציאת מצרים, ברענגט דער מדרש, האָבן זיך אַלע שבטים גע־קריגט, ווער עס זאָל דער ערשטער אַריינשפּרינגען אין ים אַריין; און געווען איז עס דווקא בנימין, דער ייִנגסטער שבט, דער וואָס איז דער ערשטער אַריינגעשפּרונגען אין ברויזנדיקן ים, און געוויזן אַ מוסטער פון מסירת־נפש. געווען איז עס אויך די יוגנט אין געטאָ, די וואָס איז די ערשטע געשפּרונגען אין רעוואָלט־פייער קעגן דעם שונא און זיך מקריב געווען פאַרן ייִדישן נאָמען.

זאָגט טאַקע אויך דער מדרש, אַז אין זכות פון „ויבקע עצי עולה”, וואָס אַברהם אָבינו האָט געשפּאָלטן העלצער, ווען ער האָט געפירט זיין זון יצחקן צו דער עקידה, האָט זיך דער ים געשפּאָלטן פאַר די ייִדן וואָס זיי־נען אַרויס פון מצרים.

אייגנטלעך, שרייבט אַ גדול, האָט דאָך אַברהם געקענט לייכט געפינען גרייטע העלצער, ווי מיר זעען עס טאַקע שפּעטער, אַז עס איז געקומען אַ ווידער און זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיינע הערנער אין דעם צווייגן־גע־

פלעכט, אַ סימן אַז עס האָבן זיך זיכער געפונען אויפן וועג אַ סך צווייגן.
— איז צו וואָס האָט אַברהם געדאַרפט אַליין שפּאַלטן האָלץ?

נאָר — טייטשט ער אײן — אַברהם האָט געוואָלט אויך צולייגן זיין טייל אין דעם מסירת־נפש פאַרן אייבערשטן, און אַ דאַנק דעם האָבן שפּע־טער זיינע קינדער זוכה געווען אַז דער ים זאָל זיך פאַר זיי שפּאַלטן.

און אויך דאָ איז גאָר נישט געווען נויטיק אָנצוקומען צום ים־סוף, צו גיין קיין ארץ־ישראל, ווייל עס האָט דאָך זיך געפונען אַ פיל קירצערער וועג, „דרך ארץ פלישתים". אָבער אויך דאָ האָבן די ייִדן אַרויסגעוויזן זייער מסירת־נפש, שפּרינגענדיק אין ים אַריין, פאַרן ייִדישן אידעאַל, און אַזוי אַרום זוכה געווען צו נאַציאָנאַלער פרייהייט.

אויך דאָ, אין דעם געטאָ אויפשטאַנד, האָבן ייִדן אָן אונטערשייד, צוגעלייגט זייער אייגענע מסירת־נפש, געשפּאַלטן דאָס האָלץ צו זייער אייגענער עקידה, געשפּרונגען אין דעם קרבנות־ים ביזן האַלדז, און אונדז באַקרוינט מיטן גרעסטן און לייכטנדיקסטן קאַפּיטל פון ייִדישער קדושה און גבורה.

ביי צוויי מצוות אין דער תורה — האָט אַ מאָל אַ גרויסער רב געַ־שריבן — ווערט אונדז פאַרזיכערט „אריכת ימים", לאַנג לעבן: ביי דער מצווה פון „כיבוד אב ואם", פון אָפּגעבן כבוד טאַטע־מאַמע, וואָס איז פון די וויכטיקסטע, אַזוי וויכטיק, אַז זי שטייט אין די צען געבאָטן, און ביי דער מצווה פון שילוח הקן, פון: ווען דו געפינסט אַ פייגל־נעסט, און די מוטער שוועבט אויף אירע עופעלעך פייגעלעך, דאַרף מען אַוועקשיקן די מוטער־פויגל, „ואת הבנים תקח לך" און די קינדער־פייגעלעך נעמען צו זיך. די מצווה ווערט דווקא באַטראַכט ווי פון די לייכטסטע.

און ער טייטשט דאָס אויס סימבאָליש:

סיי ביי דער מצווה פון „כיבוד אב ואם", פון אָפּגעבן כבוד טאַטע־מאַמע און סיי ביי דעם פייגל־נעסט, דאָס הייסט ביי אונדזערע פייגל, אונדזערע קינדער, ווערט פאַרזיכערט לאַנג לעבן ביים מקיים זיין די מצווה. ווייל אויב מען וויל, אַז די עלטערן זאָלן ווייטער לעבן, אַז נישט נאָר מיר זאָלן לאַנג לעבן פאַרן מקיים זיין די מצוות „כיבוד אב ואם", נאָר טאַקע זיי, די עלטערן גופא זאָלן האָבן אַריכת־ימים, דאַרפן מיר גיין אין זייערע וועגן, און דאַרפן אַכטונג געבן אויף דעם פייגל־נעסט אונדזערן,

אונדזערע קינדער; נאָר אַזוי אַרום וועלן סיי אונדזערע עלטערן, סיי מיר אַליין און סיי אונדזערע קינדער, דאָס הייסט, דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, האָבן אַריכת־ימים, און די קייט פון דורות וועט זיך ציִען און ציִען לעולם ועד.

דאָס דאַרפן מיר גוט אין זינען האָבן, איז דער בעסטער זין פון יזכור, איבערהויפּט נאָך אונדזערע טייערע קדושים וגבורים, אַז מען זאָל שטענדיק געמען זייער לעבן און זייער טויט אַלס ביישפּיל פאַר אונדזער לעבן און אין זייער גייסט און אינספּירירונג אויך דערציִען אונדזערע קינדער, בכדי די קדושים זאָלן האָבן אין אונדז אַריכת־ימים.

דאָס איז די עסענץ פון אונדזער געדענקען און דערמאָנען יאָר־יערלעך די קדושים, בכדי זייער טויט זאָל אונדז לערנען ווי צו לעבן, זייערע פאַרשניטענע דערהויבענע לעבנס דאַרפן דינען ווי וועגווייזערס אין אונ־דזער ייִדישן אויסלעבן זיך.

אין דעם זין, לאָמיר זיי געדענקען און ערן זייער געדעכעניש!

# יונגע כּוחות

אַ דערפריײַענדיקער פאַקט אין אונדזער ישוב איז זיכער דאָס אויפֿקומען פֿון יונגע כּוחות אויף אַלע געביטן פֿון אונדזער גייסטיקן ייִדיש לעבן און דאָס וואָס דער יונגער דור היַיבט־אָן, נאַטירלעכערווײַז, צו פֿאַרנעמען די פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס אין אונדזער געמיינדע. איז עס דאָך דאָס דאָזיקע די שטרעבונג און דער לאַנגסטיקער חלום פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקייט און די נאַטירלעכע לייזונג און דערזעצונג פֿון די בלויזן וואָס די צײַט איז גורם אין אונדזער מיט.

דאָס איז גלייכצייטיק די אָרגאַנישע לייזונג און אינטעגראַציע פֿון די יונגע קרעפֿטן אין דעם אַנטוויקלונג־פּראָצעס פֿון אונדזער ישוב, וואָס מען דאַרף סטימולירן און פּראָפּאַגאַנדירן, ווייל בלויז הי־געבוירענע און הי־דערצויגענע קענען זיין אַ גאַראַנטיע פֿאַרן המשך פֿון אונדזער ישוב, ווייל דאָס איז אַן איינגעזעסענער מענטשן־עלעמענט, מיט ביידע פֿיס אויפֿן היגן באָדן און נישט קיין ספּאָראַדישע דערשיינונגען, זיינען נאָענט און איינגעלעבט מיט דער היגער מענטאַליטעט און טעמפּעראַמענט און קענען דערגיין צו די היגע קרייזן מיט דער געמיינזאַמער שפּראַך און מיט דער געמיינזאַמער פֿאָרעם פֿון דענקען און פֿילן.

דאָס האָבן גליקלעכערווייז פֿאַרשטאַנען די פֿירערס פֿון אונדזער געמיינדע־לעבן און האָבן געשאַפֿן די נייטיקע שול אויסצובילדן און דערציִען די נייע אינטעלעקטועלע כּוחות, וועמען אַנצופֿאַרטרויען דעם המשך פֿון אונדזער אָרטשאַפֿט.

און טאַקע אַ דאַנק די דאָזיקע אויטאָקטאָנע כּוחות איז פֿאַרזיכערט געוואָרן דאָס היגע ייִדיש לעבן.

אַזוי האָבן די הי־געבוירענע לערערס, אַרויסגעוואַקסן פון אונדזערע סעמינאַרן, געראַטעוועט דעם ייִדישן חינוך אין אַרגענטינע.

איך געדענק, מיט אייניקע יאָרן צוריק, בעת מיין באַזוך און אויפטריט אין בראַזיל, ווען איך האָב דאָן דערציילט פאַרן פובליקום פון דעם שכנות־דיקן ישוב, אַז עס געפינט זיך אַ מחנה פון בערך 800 אַרגענטינער־געבוי־רענע ייִדיש־העברעיִשע לערערס, וואָס פירן־אָן און פילן־אויס די דירעק־טיווע פּאָסטנס פון אונדזער שולוועזן, האָט מען דאָס אויסגעהערט מיט שטוינונג און באַוווּנדערונג.

אַזוי אויך, האָבן מיר די „מדרשה״, וואָס שטעלט־צו די מיטלשול־פּראָפעסאָרן און וועמעס דירעקטאָרן זיינען הי־געבוירענע און דערצויגענע יונגעלייט.

אַזוי אויך, קענען מיר אָנווייזן, אַז דער חזנים־פאַרבאַנד באַשטייט וואָס אַ מאָל מער פון אַ גרעסערער צאָל יונגע הי־געשולטע מיטגלידער, וואָס פאַרנעמען שוין דעם עמוד אין די גרעסטע שולן פון שטאָט, פּראָווינץ און אין די שכנותדיקע לענדער.

אַזוי אויך, בעלי־קוראס.

און ביז גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג איז דאָס וואָס אונדזערע גייסטי־קע מנהיגים, די יונגע רבנים, בילדן ביי אונדז שוין דאָ־הי די מערהייט. אַזוי באַשטייט דער היגער ראַבינאַט פון אַ העלפט יונגע רבנים און די זעל־ביקע פאַרנעמען די ראַבינער־פּאָסטנס אין די היגע גרעסטע שולן.

מיט איין וואָרט: די יונגע ייִדישע אינטעליגענץ, סיי אַשכנזישע, סיי ספרדישע, סיי מערב־אייראָפּעיִשע, הייבט־אָן צו פאַרנעמען די גייסטיקע פירערשאַפט פון אונדזער ישוב. און דאָס גלעט און וואַרעמט דעם געמיט און דאָס האַרץ פון די פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע עסקנים, וואָס באַשטייען שוין אויך אין אַ גרויסן פּראָצענט פון הי־געבוירענע און אויס־געבילדעטע יונגעלייט, אָנפאַנגענדיק פון דער קהילה ביז די פאַרשיידענע דערציִערישע, קולטורעלע, פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

און געבענטשט זיינען די, וואָס האָבן אַ וויטן קוק און אַ ברייטהאַר־ציקן בליק בנוגע דעם יונגן דור, ווי דער נאַטירלעכער יורש און איבער־נעמער פון אונדזערע אינסטיטוציעס און זיי אָנרעגן און מוטיקן אין זייער מיסיע.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די וואָס פאַרשטייען דאָס נישט אַזוי; די וואָס הינדערן אָט די יונגע כוחות צו קומען צום אויסדרוק, זיינען נישט אידענטיפיצירט מיטן עצם שטרעבן און לעבן פון אונדזער געמיינדע, און קעמפן קעגן דער נאַטור און קעגן דער לעגיטימער פאָרזעצונג פון אונ־דזערע מקומות — מעגן זיי דאָס באַגרינדן מיט וואָס פאַר אַ לאָגישע אָדער אומלאָגישע אַרגומענטן; מעגן זיי דאָס וועלן דערזעצן מיט ספּאָראַדישע שליחישע קרעפטן, אָבער קעגן דער צייט און קעגן דער נאַטור, ווי קעגן דעם אייגענעם נאַכוווקס איז צוועקלאָז צו קעמפן, ווייל דער קאַמף פירט צום פאַרשפּילן.

דערציילט שוין אונדזער תורה וועגן דער גרויסקייט פון אונדזער משה רבינו, וועגן זיין ברייטהאַרציקייט און ווייטזעעוודיקייט לגבי דעם יינגערן דור.

דער אייבערשטער הייסט אים געבן סמיכה יהושוע, אים באַקרוינען ביים לעבן אַלס פאָלקס־פירער, איז לויטן לשון, זאָגט אים דער אייבער־שטער „וסמכת את ידו״ — דאָס הייסט ווערטלעך, זאָלסט אים געבן סמיכה מיט דיין האַנט. שטייט נאָך דעם: „ויסמך את ידיו עליו״ — משה האָט אים סומך געווען מיט ביידע הענט, אָנשטאָט איין האַנט, ווי ער איז געבעטן גע־געוואָרן. און רש״י טייטשט דאָס אין: „בעין יפה, יותר ויותר ממה שנצ־טווה״ — משה האָט דאָס געטאָן מיט אַ גוט־אויג, מערער ווי ער איז גע־בעטן געוואָרן. אין דעם באַשטייט די גרויסקייט פון אַ מנהיג — אין דעם צוזעען, אין דעם אויסבילדן און אין דעם באַקרוינען די יינגערע פירערס מיט ברייטהאַרציקייט, „בעין יפה״, מט אַ גוט־אויג, און בלויז אַזוי אַרום זוכה צו זיין צו לעבן ווייטער אין דער פאָרזעצונג פון זיין תלמיד.

אינטערעסאַנט איז, אַז ביים משכן איז געווען דער הויפּט־אַרכיטעקט דער יונגער בצלאל.

באַדייטונגפול איז אויך, וואָס דער וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דער אומגעפעלשטער יידישער טראַדיציע און פאַרמיטן די קאַטאַסטראָפע פון פאָלקס אויסמישונג און פון פאָלקס אונטערגאַנג, איז געווען פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, פון יינגערן דור.

דאָס איז געשען דאַן אין מדבר, ווען עס זיינען געווען נאָך ביים לעבן אַ סך עלטערע פאָלקס־פירערס. היינט, אין אונדזערע גלותדיקע מדבר־

אומשטאַנדן, ווען מען קוקט־אויס אויף דער דערשיינונג פון יונגן דור, איז עס דאָך אַוודאי און אַוודאי דערפרייענדיק דער פאַקט, וואָס עס קומען־אויף היגע יונגע כוחות און באַזעצן די גייסטיקע פירערשאַפט פון אונ־דזער ישוב.

איז עס דאָך די גרעסטע ברכה פאַר אונדזער געמיינדע, פאַר וועלכן עס קומט צו בענטשן די השגחה און פון וועלכן עס גייט־אויף אַ האָפענונג־געזאַנג אין האַרצן.

בעט זיך טאַקע פאַר זיין טויט משה רבינו, דער גרויסער פאָלקס־מנהיג, אַז דער אייבערשטער זאָל באַשטימען אַ מנהיג „אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם, ואשר יוציאם ואשר יביאם, ולא תהא עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה" — ד"ה, אַזאַ פירער וואָס זאָל אַרויסגיין פאַר זיי און וואָס זאָל קומען פאַר זיי און וואָס זאָל זיי אַרויסנעמען און וואָס זאָל זיי אַריינברענגען.

האָט דאָך שוין אַ גדול בישראל אָנגעוויזן אויף דער טאָפּלטקייט פון דעם לשון. אַז עס שטייט שוין, אַז דער פירער זאָל פאַר זיי אַרויס און אַריין, וואָס דאַרף שטיין נאָך אַ מאָל: וואָס זאָל זיי אַרויספירן און אַריינ־פירן?

— אָבער — ענטפערט ער — בכדי צו פירן יענעם, דאַרף מען פריִער אַליין געבן דעםביישפּיל; פריִער אַליין אַריין און אַרויס פאַרן פאָלק.

איז דאָך אַ פרייד, וואָס אין אונדזער ישוב זייַנען אויפגעגאַנגען יונגע גייסטיקע מנהיגים, וואָס ווייזן אַליין זעלבסט דעם ביישפּיל פון ייִדישקייט און וועלן עס פאָלגלעך קענען אויך זיין די פאַסטעכער פון דער היגער עדה ייִדן.

בעט זיך טאַקע משה: „יפקוד ה׳ אלקי־הרוחות לכל בשר איש על העדה" — זאָל באַשטימען ג׳, דער האַר פון אַלע געמיטער, אַ מענטש איי־בער דער עדה, ד"ה אַז דער מנהיג דאַרף זיין אַזעלכער וואָס פאַרשטייט דעם גייסט און געמיט פון זיין עדה. און ווער נאָך ווי אַזעלכע, וואָס זייַנען דאָ הי געבוירן און דערצויגן געוואָרן, קענען אַזוי גוט דעם היגן געמיט און גייסט?

ברענגט טאַקע דער חומש ווען פינחסן, זיין יחוס: „פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן", צו ווייזן, אַז די דערצונג, דער גייסט גייט פון זיידן צום

אייניקל, פון טאַטן צום זון און בלויז אַזאַ קען זיין דער ווערדיקער יורש פון דעם עלטערנס גייסט. אַזוי אויך אין אַ ישוב. בלויז זיינע זין קענען פאַרזעצן און צום בעסטן אויסדריקן זיין גייסט און זיין שטרעבונג, מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ צו אַלע דרויסנדיקע פאַקטאָרן וואָס ווילן מיטהעלפן דערצו, אָבער בויען און שטעלן קען מען און דאַרף מען נאָר אויף אייגענע כוחות.

און פאַרשטענדלעך, אַז גייסטיקע כוחות ווערן נישט געבוירן פאַרטי־קע, רייפע, שוין געוואָרענע, נאָר הייבן־אָן פון דער יוגנט און אַנטוויקלען זיך שטופנווייז, אַזוי ווי די עלטערע מנהיגים.

מען דערציילט דאָך פון אַ געוויסער גרויסער אייראָפּעישער קהילה, וואָס האָט אויפגענומען אַ יונגן רב מיט אַלע מעלות, אָבער וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן „חסרון": פון זיין צו־יונג פאַר יענער קהילה. האָט דער נעמלע־כער רב, פאַרשטייענדיק זיין „פעלער",ביים אונטערשרייבן דעם כתב־הרבנות, זיך געווענדט צו די שטאָט־פּרנסים:

„רבותי, איך שרייב־אונטער, אַז פון היינט־אָן און ווייטער וועל איך מיט יעדן טאָג מער אַלץ עלטער און עלטער ווערן"...

מיר לעבן אין אַזאַ צייט, ווען יעדער יונגער מענטש וואָס דערנעב־טערט זיך צו אונדזערע ווערטן, וואָס רינגלט זיך אַריין אין אונדזער טראַ־דיציע־קייט, וואָס וויל לייסטן זיינע כוחות און זיין ברען פאַר די פאָלקס־אידעאַלן און אינטערעסן, איז ממש פאַר אונדז דאָס גרעסטע געווינס.

איז דעריבער צו דערוואַרטן, אַז אונדזער אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט־לעכקייט, איבערהויפּט די גייסטיקע פירער פון דער זעלבער, זאָלן באַ־שאַנקען ווערן מיט אַט יענעם ברייטהאַרציקן „עין יפה"־בליק, מיט דער ברייטזעעוודיקייט פון אונדזער פאָלקס צוקונפט, און דערנענטערן, סטימו־לירן און באַקרוינען די יונגע כוחות וואָס גייען־אויף לברכה, לשם ולתפ־ארת פון דעם אַרגענטינער יידישן ישוב.

# אַן אמתר עונג־שבת

מיר באַקלאָגן זיך אָפּט מאָל אויפֿן הייַנטיקן דור אין באַצוג צו זייער ייִדישקייט, און אַפילו אַז ער פּראַקטיצירט שוין אַזעלכעס, זייַנען מיר נאָך נישט זיכער מיט דער עכטקייט פֿון זייַן ייִדישקייט, צי איז דאָס אין גייסט פֿון דער דורות לאַנגער ייִדישער גייסטיקייט, צי עס איז אַ מאָל נישט קיין קאַריקאַטור, וואָס איז ווייט צו אַנטשפּרעכן דעם נאָמען פֿון אַזעלכע ייִדישע מאַניפֿעסטאַציעס.

נעמלעך, אַזעלכע באַגריפֿן ווי „עונג שבת“, קבלת שבת וכדומה, זייַנען נישט שטענדיק אין הסכם מיט שבתדיקייט. אַדרבא, פֿיל מאָל זעען דאָס אויס ווידערשפּרוכן צום עכטן שבתדיקן גייסט, און גרענעצן זיך מיט חילול שבת. עס קומט אויס ווי מען נעמט עפּעס אַ מין ווילד־עקזאָטישן געטראַנק און אויף אים קלעפּט מען צו אַן עטיקעט מיט אַן אויפֿשריפֿט „עונג שבת“, „קבלת שבת“ אאַז״וו. אָבער אַז מען האָט פּאַרזוכט דערפֿון באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער געשמאַק... שלא שיערו אבותינו.

גאַנץ מעגלעך אַז די וואָס אָרגאַניזירן אַזעלכע אַקטן און דעמאָנסטראַציעס, האָבן דערבייַ די רייַנסטע כוונות. גאַנץ זיכער אַז זיי ווילן דערמיט אויסדריקן אַן אָנגעהעריקייט, אָדער אפשר נאָר אַ בענקשאַפֿט צו די אַלטע ייִדישע ווערטן, אָבער טראָץ די בעסטע סענטימענטן, קומען זיי אַרויס קאַריקאַטורמעסיק, און אין בעסטן פֿאַל באַדאַרף מען בייַטן דעם עטיקעט אויף דער פֿלאַש.

זייַנען מיר דעריבער ביז גאָר אָנגענעם איבערגעראַשט געוואָרן פֿון אַ ייִדישלעכן אייַנפֿיר, וואָס איז אי באַשיידן אי פֿייערלעך, און וואָס גיט אַ ווייַ מיט אַלטער היימישער שבתדיקייט, מיט אַלע חנען און צויבערן פֿון

דער ייִדישער עכטקייט, און גיט אַ פּלייץ מיטן פּערפיום פון דעם אמתן עונג־שבת.

דאָ מיינען מיר די פּרייטיק־צונאַכטיקע צוזאַמענקונפטן וואָס דער „חוג התנ״ך של המזרחי״ פירט דורך אַלע מאָל אין אַן אַנדער פּריוואַטער שטוב, און דאָס ערשטע, וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז דאָס וואָס ווען איר קומט אַריין אין אַ יום־טובדיקער פאַרפּוצטער היים, ביים שיין פון שבתדיקע אָנגעצונדענע לייכטער אויף דעם בלאַנקענדיקן טיש, קענט איר דאָרט געפינען אַ גאַנצן קרייז פון יונגן דור, הי־געבוירענע יונגע־לייט און אין אַ צווייטן ווינקל אַרגענטינער יונגע פרויען, ביי אַ שיין געדעקטן טיש פון געבעקס און שבת־אויבסט, און פאַרברענגען עטלעכע שעה, ביים אויסהערן אַ רעפעראַט איבער אַ תנ״ך־טעמע.

עס זיצן דאָ צוזאַמען אָפט מאָל אַשכנזים און ספרדים. אַלע רעליגיעז געשטימטע יונגעלייט. און עס איז נישט זעלטן צו זען נישט קיין רעלי־גיעזע איינגעלאַדענע, וואָס קומען גערן זיך „אַנוואַרעמען״ אין דער עכטער שבתדיקייט.

יעדע וואָך האַלט אַ לעקציע איבער אַן אַנדער טעמע אַן אַנדער לעק־טאָר. אַ מאָל איז דאָס דער הרב הראשי, אַ מאָל דער ראש הישיבה, אַ מאָל אַ ישראלדיקער גאַסט רב, אַ יונגער רב, אַ באַקאַנטער מטיף אָדער אינטעלעקטואַל. די שטילקייט איז איינדרוקספול. די אויפמערקזאַמקייט איז אַ מוסטערפולע און די שטימונג — אַ ביז גאָר געהויבענע.

מען הערט אַ תנ״ך־ציטאַט, אַ גמרא טייטש, אַ רמב״ם, אַ ריטב״א, א רשב״א, אַ גוט רביייש וואָרט, אַ היסטאָרישן פאַרגלייך מיט דער אַקטו־אַליטעט, און נאָכן פאַרענדיקן דעם לעקטאָרס רעפעראַט הייבן אָן צו נעמען ווערטער די בייזיצנדיקע, וואָס שטעלן דעם לעקטאָר פראַגעס וועגן דער געהאַלטענער עקספּאָזע, דריקן אויס מיינונגען איבער די באַ־רירטע פונקטן. די דעבאַטע ווערט אַלע מאָל לעבהאַפטיקער.

די געשטעלטע פראַגן זיינען מערסטנטייל אין ליכט פון דער היינט־צייטיקייט, און דרייען זיך אַרום דעם גורל פון ייִדישקייט אין אונדזערע מקומות, און ווי אַזוי מען קען פאַרבעסערן דעם עקסיסטירנדיקן מצב מיט די אייביקע הייל־מיטלען פון לעבעדיקער און עכטער ייִדישקייט.

אַן אַנדער מאָל דרייען זיך די געשטעלטע פראַגן וועגן אַקטועלע

טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע ענינים, וואָס פאַרנעמען היינט דעם מוח פון דער מענטשהייט, אין אָנבליק פון די לעצטע טעכנישע דערגרייכונ־גען און וויסנשאַפטלעכע פּרוּוון, און די פראַגע־שטעלערס ווילן וויסן דעם צוזאַמענהאַנג פון די פּראָבלעמען מיט דער אויסדריקלעכער מיינונג פון דער הלכה, און צי זיי שטייען אַ מאָל נישט אין קעגנזאַץ פון דער זעלבער.

מען פילט אַרויס, אַז די אָנטיילנעמערס זיינען ענג פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען וואָס שטייען ברומו של עולם, און בעיקר ווי די זעלבע ווערן געזען דורך דער פּריזבע פון ייִדישן גייסט און פון ייִדישלעכער אויפ־פאַסונג.

אַ צווייט מאָל איז דער רעפעראַט אויף אַ נאַציאָנאַלער טעמע ווי וועגן דער פאַראייניקטער אייביקער שטאָט ירושלים, און עס גייט דורך די עיר הנצחת אין דעם געזיכטלעכן קאַליידאָסקאָפּ פון יאָרהונדערטער, און עס שפּאַצירט פאַרביי די ראָמאַנטיק פון דער הייליקער שטאָט דורך דעם תלמוד, דורך דער אַגדה, דורכן תנ״ך און אין ליכט פון דער „מלחמת ששת הימים״.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זיינען די באַריכטן פון חברים פון חוג־התנ״ך, וואָס באַזוכן די ייִדישע מדינה, און טיילן זיך באַגייסטערטע מיט זייערע אָקערשטיקע איינדרוקן פון דעם לאַנד, וואָס זיי האָבן באַזוכט לארכה ולרחבה, ספּעציעל די מקומות הקדושים און דער גאַנצער עולם זיצט און הערט אויס אַ צעשטראַלטער און פאַרבענקטער די שילדערונגען וועגן הייליקן לאַנד.

ציִען זיך דאָך אַהינצו אַזוי פיל ליבשאַפט־פעדעמער פון די רעלי־גיעז נאַציאָנאַל־געשטימטע יונגעלייט. אַ סך פון זיי זיינען דאָך אַליין קאַנדידאַטן, פריִער אָדער שפּעטער, איינצוגלידערן זיך אין די רייען פון די בויערס פון דער מדינה. איבערהויפּט פילן זיי זיך אָן מיט שטאָלץ און גליק, ווען זיי הערן דעם לעבעדיקן גרוס ווי אין ייִדישן לאַנד גייט־אויף אַזוי העל דאָס ייִדישע לעבן אין גייסט פון דורות, אין ליכט פון דער ייִדישער טראַדיציע, און ווי דאָרט, בלויז דאָרט, קען מען מקיים זיין אויף אַ פולן אופן אַלע מצוות פון ייִדישקייט.

און גאָר אָפּט הערט זיך אַ טיפער אויסטייטש פון אַ תנ״ך־קאַפּיטל, און אַ מאָל אַ למדנישער פּילפּול וועגן אַ תורה־טעמע.

דער קרייז איז אַ שטענדיק זיך טוישנדיקער, אויסער די שטאָם געסט פון זעלבן, ווייל, ווי אויבן דערמאָנט, קומט ער פּאָר יעדן שבת אין אַ צווייטער ייִדישער היים. אַזוי אַרום, אַז די גאַסטגעבערס לאַדן־איין צום אַלעם־ערשטן די צו זיך נאָענט־שטייענדיקע מענטשן, פאַמיליאַרן, פריינד, אַזוי אַז אַלע פּרייטיק־צו־נאַכטס קען מען זען „פּנים חדשות", ווי עס וואָלט זיך גיכער געפּאַסט צו „שבע ברכות"...

דעריבער איז אויך די שפּראַך נישט שטענדיק די זעלביקע, נאָר לויט די אָנטיילנעמערס און לויט די לעקטאָרן. דאָ גילט דער כלל פון „שמע בכל לשון שאתה שומע", אָבער די אַטמאָספערע איז די זעלביקע, ייִדיש־לעך, פייערלעך, שבתדיק, צי איז דאָס אויף עברית, צי אויף ייִדיש, צי אויף שפּאַניש. נישט וויכטיק איז דאָ דער לשון, נאָר בעיקר דער גייסט, די שטימונג, דער אינהאַלט.

און נישט נאָר צו זאָגן האָט מען אויפן חוג־צוזאַמענקונפט, נאָר אויך צו זינגען.

טרעט־אויף פון מאָל צו מאָל אַ חזן מיט שבתדיקע זמירות אָדער תפילות און איז מהנה די אָנוועזנדיקע.

אָבער, בעיקר דאַרף זיך דער חוג נישט אָנשפּאַרן אויף געסט־זינגערס, ווייל ער פאַרמאָגט אַליין עטלעכע קוואַליפיצירטע חזנים און מנגנים. עס איז דאָך גאָר נאַטירלעך, אַז צווישן רעליגיעזע יונגעלייט, זאָלן זיך געפי־נען בעלי־תפילות און קולטיווירערס פון דער ייִדישער ליטורגיע, און פון חסידישע ניגונים.

איז דאָך זייער און זייער אָנגענעם און עס גייט גלייכצייטיק אַריין אין אייער געמיט, ווען איר הערט הי־געבוירענע יונגעלייט זינגען מיט שיינע שטימען און מיט זיסער דביקות, די אַלטע מאַדזשיצער ניגונים אין זייער פאַרשיידענע פאַלן, די חב״ד־געזאַנגען און אַנדערע, וואָס טראָגן אייך איבער צו דער שיינער קאָלירפולער וועלט פון חסידות, און וואָס זיינען עדות ווי ייִדישקייט־ווייַן קען זיך אַזוי שיין, אַזוי עכט און אָרגאַניש איבערגיסן אין נייע פלעשער, אין הי־געבוירענע, וואָס ציִען ווייטער מיט אַזוי פיל נאַטירלעכקייט און חן דעם גאָלדענעם פאָדעם פון ייִדישקייט.

און דערביי איז אויך מערקווירדיק די הכנסת־אורחים־מידה פון די גאַסטגעבערינס, זייער גאַסטפֿריינטלעכקייט, זייער מיִען זיך, אַז די שטוב און דער טיש זאָלן אָטעמען מיט שבתדיקער גייסטיקייט, און איר דער־מאָנט זיך שוין דערביי, אַז נישט אומזיסט האָט מען איינגעפֿירט פּרייטיק־צו־נאַכטס, גלייך נאָכן אַהיימקומען פֿון שיל, און טרעפֿן די שבתדיקע קודשדיקע אַטמאָספֿער אין שטוב, צו זאָגן דעם „אשת חיל".

עס קומט אייך אין זינען יענער וווּנדערבאַרער פֿיינטייטש פֿון אַ גדול בישראל אויפֿן תּלמודישן זאָג, אַז „אין חכמתה של האשה אלא בפלכה", די גאַנצע חכמה פֿון אַ פֿרוי ליגט נאָר אין איר וועב־שפּינדל, האָט דער גדול געזאָגט: ריכטיק, דאָס איז פֿאַר קיין פֿאַל נישט קיין גרינג־שעצונג פֿאַר דער ייִדישער עקרת־בית, נאָר אַדרבא, דאָס איז דער גרעס־טער לויב־געזאַנג פֿאַר דער ייִדישער פֿרוי. נעמלעך: איר גאַנצע חכמה און קראַפֿט ליגט טאַקע אין איר שפּינדל, אין איר קענען וויטער שפּינען אין איר היים דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון דורות.

הלוואי וואָלטן אַלע ייִדישע פֿרויען פֿאַרמאָגט אָט די „אשת חיל"־חכמה פֿון דעם ייִדישן שפּינדל צו שפּינען און אַריינוועבן איר היים, אירע קינדער, אין דער אייביקער ייִדישקייט־שנור.

גייט איר אַוועק פֿון אַזאַ מין קרייז, מיטן געפֿיל פֿון אַן אמתן, עכטן, אומגעפֿעלשטן עונג־שבת. איר פֿילט אַז, סיי דער נאָמען און סיי דער אינהאַלט פּאַסן זיך האַרמאָניש אַריין מיטן שבתדיקן גייסט.

איז עס דאָך גאָר אַ דערפֿרייענדיקע דערשיינונג, וואָס דער חוג־געדאַנק שפּרייט זיך ביסלעכווייז אויס אויך אין אַנדערע שטאָט־טיילן, און אַ וואָס גרעסערע צאָל היימען ווערן אָנגעפֿולט מיטן שבתדיקן אַראָמאַט.

זאָגן דאָך שוין אונדזערע ספֿרים: אַז דער אייבערשטער האָט באַשאַפֿן אַזאַ געווירץ, אַזאַ „תבלין", „ושבת שמו", וואָס זיין נאָמען איז שבת, און נאָר די וואָס פּראַקטיצירן דעם שבת מיט זיין מקורותדיקער הייליקייט, קענען אָט דעם געווירץ, אָט דעם טעם, שפּירן און זיך מיט אים אָננעמען.

# חינוך און לעבן

# חינוך - אונדזער הויפּט־געבאָט

וועגן אתרוג ווערט געזאָגט אין דער תורה, אַז דאָס איז אַ „פּרי עץ הדר״, ד״ה אַ פּרוכט פון אַ שיינעם בוים. ווערט דערויף געבראַכט, אַז „טעם פריו כטעם עצו״, אַז די פּרוכט האָט דעם זעלביקן טעם ווי דער בוים. ווייל, אייגנטלעך, וואָלט דער אתרוג, וואָס איז די שענסטע ארץ־ישראלדיקע פּרוכט געדאַרפט אָנגערופן ווערן „פּרי הדר״, ד״ה „די שיינע פּרוכט״ און נישט די פּרוכט פון אַ שיינעם בוים. ווייל די גאַנצע מצווה פון דעם אתרוג איז דאָך וועגן דער פּרוכט און נישט וועגן בוים.

— נאָר — האָט אַ גדול בישראל געטייטשט — ווען איז די פּרוכט שיין? ווען זי האָט דעם טעם פון דעם בוים פון וואַנען זי שטאַמט.

אויך מיר האָבן אַלס אונדזער הייליקסטע אויפגאַבע צו זען, אַז אונדזע־רע פּירות — די קינדער — זאָלן האָבן דעם זעלביקן טעם פון דעם פאָלקס־בוים פון וואַנען זיי שטאַמען; אַז זיי זאָלן טאַקע זיין „פּרי עץ הדר״, אַ שיינע פּרוכט פון אונדזער שיינעם פאָלקס־בוים.

ווייל וויפל מען זאָל נישט רעדן פון אונדזער המשך, פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער קאָנטינויִטעט, פון אונדזער יוגנט, פון אונדזער גע־מיינדע־לעבן, פון אונדזער ייִדישקייט, פון די גייסטיקע פאָרמען וואָס עס דאַרף אָננעמען אונדזער ישוב — וועט דאָס אַלץ פירן צום מקור, צום שורש פון דעם אַלעם, צום יסוד, אָן וועלכן עס קען נישט געמאָלט זיין קיין ייִדיש לעבן, אַזוי פּריוואַט ווי געזעלשאַפטלעך; וועט דאָס אַלץ פירן צום ייִדישן חינוך פון אונדזערע קינדער, ווייל „אם אין גדיים — אין תיישים״ — אַז מען זייט נישט, שניידט מען נישט.

און צום באַדויערן איז מען נישט אַרויס פון דער סטאַגנירטער צאָל

פון 15, 20, צו 25 פּראָצענט פון שילערס אין אונדזערע שולן. אַדרבה, צוליב די הערשנדיקע אויסערלעכע פּראָבלעמען און צוגעקומענע אומגע־ריכטע שוועריקייטן, ציטערט מען מען זאָל נאָך פאַרלירן אָט די צאָל.

אָבער טראָץ דעם וואָס עס איז אונדז גוט באַקאַנט די אַלע פּראָבלע־מען און דרויסנדיקע פאַקטאָרן, טראָץ דעם וואָס מיר ווייסן פון די מאַטע־ריעלע זאָרגן און לאַסטן פון אונדזער חינוך־נעץ; פון דער שווערער, אָנ־געשטרענגטער אַרבעט פון אונדזערע עסקנים; טראָץ דעם וואָס מיר מיני־מיזירן נישט די „פּילאָטאָ״־שולן אאַ״וו, ווילן מיר אונטערשטרייכן, אַז צו די דרויסנדיקע פאַקטאָרן האָבן יידן שטענדיק געפונען אַ לייזונג, מען האָט שטענדיק געפונען דעם אויסוועג. אויב נייטיק, האָבן יידן געהאַט און האָבן אייגענע אינטעגראַלע שולן, אייגענע מיטלשולן און אוניווערסיטעטן. קעגן די דרויסנדיקע געפאַרן וואָס האָבן אויף אונדז געלויערט און לויערן, גע־פינען מיר שטענדיק אַ לייזונג, אָבער ערגער פון דעם איז די אינערלעכע געפאַר, נעמלעך, די סטאַגנאַציע אין דער שילער־צאָל, וואָס האַלט־אָן און צו וועלכער מען געפינט נישט קיין תרופה. דאָס פאַרלוירן־גיין פון אונ־דזער יוגנט וואָס באַקומט נישט קיין שום יידישע דערציִונג, וואָס באַדייט אייגנטלעך, ווידער אַ מאָל, דאָס פאַרלוירן־גיין פון אַ דור.

מען ווייזט־אָן אויף אַ קליינעם פּראָצענט גוטע יידישע קינדער וואָס לערנען אין אונדזערע שולן; אויף יחידים וואָס זיינען צוגעבונדן צו אונ־דזערע לשונות און אונדזער קולטור, צו אונדזערע טראַדיציאָנעלע ווערטן. דאָס זיינען שיינע יחידים, ווערטפולע. אָבער יחידים זיינען נאָך נישט קיין גאַנץ פאָלק. יחידים קענען מיטווירקן, באַווירקן, געבן דעם טאָן, אַריינ־ברענגען גייסטיקייט, אָבער זיינען פאַר קיין פאַל נישט די גאַנצע געמיינ־שאַפט. זיי זיינען עס, אין יעדן פאַל, די שטערנס פון דור, אָבער עס פעלט זיי דאָך דער ברייטער פאָלקס־הימל פון וועלכן זיי דאַרפן אַרויסלייכטן.

ביי יציאת־מצרים זיינען געוועזן אַ סך גרויסע יחידים, ווי משה, אַהרן, מרים, נחשון, יהושע, כלב, פּינחס, די לויִים אאַ״וו, אָבער דאָך איז מען מיט זיי נאָך נישט געגאַנגען איינגעמען דאָס לאַנד, נאָר מען האָט געמוזט גאַנצע פערציק יאָר איבערדערציִען דאָס פאָלק אין מדבר. ווייל אין לעצטן סך־הכל דאַרף מען אָפּערירן מיט אַ פאָלק, נישט מיט יחידים.

צום באַדויערן, איז דער רוב מנין פון אונדזערע קינדער און יוגנט

פרעמד און ווייט פון אונדזער ייִדישער דערציִונג און דאָס איז נאָך אַלץ געבליבן אונדזער עיקרדיקער פּראָבלעם.

אַמאָל האָט מען דאָס חנוכה־ליכט אָנגעצונדן אין דרויסן, אַלע זאָלן זען דעם חנוכה־נס. אָבער היינט איז די הלכה, אַז „איש וביתו", אַז מען דאַרף אָנצינדן דאָס ליכט אינעווייניק אין שטוב, ווייל — האָט אַ גדול גע־טייטשט — אַמאָל האָט די געפאַר געלויערט אין דרויסן, אָבער אינעוויי־ניק איז געווען די שטוב גאַנץ, אָבער היינט לויערט די געפאַר אינעווייניק, אין אונדזער אייגן הויז.

פאַר די דרויסנדיקע געפאַרן וועלן מיר מיט ג־טס הילף געפינען אַן אויסוועג, אָבער פאַר דער אינערלעכער געפאַר פון אונדזער בית־ישראל, אין אונדזער אייגן פּאַלקסהויז, ווו 80 צי מער פּראָצענט ייִדישע קינדער גייען פאַרלוירן פאַר אונדזער ייִדישקייט, באַקומען נישט קיין ייִדישן חינוך וואָס דאָס איז די באַזע פון אַלץ וואָס איז ייִדיש און ייִדישקייט; פאַר זיי דאַרפן מיר אָנצינדן דעם חינוך־ליכט און ערשט דאַן וועלן מיר זיי דורך דעם אויך אָפּראַטעווען פון די אויסערלעכע סכנות. מיר דאַרפן גוט גע־דענקען דעם „איש וביתו".

ווייל „אם אין גדיים — אין תיישים" — אַז מיר וועלן נישט אָנפאַנ־גען פון דעם פונדאַמענט, וועלן מיר נישט צוקומען צום דאַך. און אויב יאָ, וועט דאָס זיין אַ קאָרטן־שטיבל, אָן אַ פעסטן אינערלעכן רוקנביין, וואָס קען ביי אַ ליאַדן ווינטל־בלאָז זיך ראַשיק צעפאַלן.

און דאָס דאַרף זיין דער הייליקער געבאָט פון דער גאַנצער אָרגאַני־זירטער געזעלשאַפט ביים אָנפאַנגען די שילער־איינשרייבונג אין אונדזערע שולן. אויסער די שול־עסקנים, דאַרפן אַלע אינסטיטוציעס ממש אונטער־נעמען אַן אמתע און עפעקטיווע ברייט־פאַרמאָסטענע איינשרייבונג־אַקציע אין די ייִדישע היימען און זען, אַז אַלע ייִדישע קינדער פון די באַזונדערע געגנטן זאָלן באַזוכן די ייִדישע שול. מען זאָל זיך נישט באַנוגענען בלויז מיט פלוגבלעטלעך אָדער אַנאָנסן, ווייל מען נאַרט זיך אַליין און דאָס קייקלט זיך דערנאָך אַן אויפהער און ווירקט אויף דער גאַנצער ייִדישער געמיינדע, אויף אַלע שטחים און געביטן. און דאַן קען מען זיך פאַר קיין פאַל נישט פאַרלאָזן אויף קיין ניסים.

אין אונדזערע ספרים ווערט געבראַכט, אַז אַלע מידות וואָס אַ מענטש

האָט, אַפילו שלעכטע, קען ער אויך נוצן צו גוטס. למשל: עזות איז אַ שלעכטע מידה ווען ער באַנוצט עס לגבי מענטשן, אָבער ווען ער באַנוצט עס לשם שמים, איז דאָס אַ דערלויבטע מידה. למשל, עקשנות סתם, איז נישט קיין שיינע סאָציאַלע מידה, אָבער ווען מען איז אַן „עם קשה עורף" אין יידישקייט־זין, איז דאָס אַ גאָר הויכע מעלה. און אַזוי אויך אַנדערע נישט גוטע מידות, וואָס קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין גוטע, אויב מען פאַרווענדט זיי צו הויכע אומאייגננוציקע צוועקן.

האָט אַ גדול אַ מאָל געפרעגט:

— צו וואָס, למשל, קען זיין גוט אַפיקורסות? און ער אַליין האָט גע־ענטפערט: אויף נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף ניסים.

ווייל מיר זעען אין לעבן מענטשן, וואָס זיינען גאָר נישט פרום, נאָר טאַקע אמתע אַפיקורסים צו מאָל, נאָר אַז עס קומט אַ מאָל עפּעס צו טאָן פאַר אַ זאַך, באַמיט ער זיך נישט און פאַרלאָזט זיך אויף „ניסים", ד"ה, דאָ ווערט ער פלוצעם „פרום"...

איז אויך לגבי די שילער־איינשרייבונגען לאָמיר נישט זיין צו „פרום" און זיך פאַרלאָזן אויף ניסים אַז די קינדער וועלן אַליין קומען אין שול אַריין, אַז עס וועט זיך הייבן די שילער־צאָל אאַ"וו. דאָ איז אונדז דער־לויבט צו זיין „אַפיקורסים" און נישט אַזעלכע „גלייביקע", און דאָ איז אונדז דערלויבט נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף ניסים, נאָר מיר מוזן אַליין אַלץ טאָן, בכדי די אינערלעכע פּראָבלעמען צו לייזן.

און די דאָזיקע געפאַר אין אונדזערע אינערלעכע רייען איז אַ פיל געפערלעכערע ווי די אַלע לויערנדיקע דרויסנדיקע סכנות.

מיר לערנען וועגן אויפשטעלן דעם משכן, וואָס דער אייבערשטער האָט געבעטן די יידן, ווו ער זאָל לאָזן רוען זיין שכינה. דער געבאָט איז געווען אויפצושטעלן דעם משכן פון „עצי־שטים", פון שיטים־האָלץ. איז דאָך אַ פראַגע: ווו האָבן די יידן אין מדבר געהאַט שיטים האָלץ אויפצושטעלן דעם משכן?

ברענגט אונדז דער מדרש אַ וווּנדערלעכן טייטש:

אַז יעקב אָבינו האָט פאַרן פאַרלאָזן ארץ־ישראל, צו גיין קיין מצרים צו זיין זון יוסף, אָפּגעשניטן אין באר־שבע דאָס שיטים־האָלץ פון דעם בוים וואָס זיין זיידע אַברהם האָט אַמאָל דאָרט געהאַט פאַרפלאַנצט און

דאָס מיטגענומען קיין מצרים, בכדי, ווען די ייִדן וועלן וואַנדערן אין מדבר און וועלן דאַרפן אויפשטעלן אַ משכן, זאָלן זיי האָבן שיטים־האָלץ.

דאָס איז דאָך דער ווונדערלעכסטער סימבאָל פון דורות — ירושה און פאַרפלעכטונג.

דער זיידע אַברהם פלאַנצט אַ בוים, דאָס אייניקל שניידט דאָס האָלץ, בכדי זיינע אייניקלעך זאָלן פון דעם ירושה־האָלץ, פונעם ירושה־בוים פון דורות זיך אויסבויען אַ משכן, אַ הייליקטום.

אין דעם האָט אונדזער מדרש געזען דעם סוד און יסוד פון אונדזער קיום.

דער זעלביקער בוים, דאָס זעלביקע האָלץ, די פּירות זאָלן שטאַמען פון דעם איינציקן פאָלקס־בוים, און נאָר דאַן קען מען אַפילו דערגרייכן צו אַ משכן, צו אַ הייליקטום אין אונדזער לעבן.

און דאָס איז אויך בנוגע אונדזער ייִדיש לעבן:

אויב מיר ווילן האָבן אַ ייִדיש לעבן, מוזן מיר האָבן אַ פעסטן ייִדישן חינוך, און אויב מיר ווילן האָבן אַ פעסטן ייִדישן חינוך — מוזן מיר האָבן וועמען מחנך צו זיין, דאָס הייסט, אונדזערע קינדער. איז אויב מיר ווילן האָבן אונדזערע קינדער, מוזן מיר אָפּקלאַפּן די ייִדישע היימען, אָנצינדן דאָרטן דאָס ליכט „איש וביתו", ווייל דאָרט לויערט די געפאַר נישט נאָר אין דרויסן. דאַרפן מיר ברענגען די ייִדישע קינדער, זיי זוכן, נישט וואַרטן זיי זאָלן צו אונדז אַליין קומען. דאַרפן מיר, אין אַזאַ פאַל, ווערן „אַפּיקור־סים" און זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין „ניסים".

דאַכט זיך, אַז דער חשבון איז אַ גאָר פּשוטער. איז לאָמיר דעם חשבון נישט פאַרדרייען; לאָמיר זיך אַליין נישט נאַרן; לאָמיר נישט בויען אונדזער לעבן אויף קיין קאָרטן־שטיבלעך, נאָר לאָמיר, ווי אונדזער זיידע אַברהם, פלאַנצן אַ בוים, שניידן דאָס האָלץ פון פלאַנצונג־בוים און מיט דעם דאָזיקן פאָלקס־בוים, דעם נישט־פאַרענדערטן, אויפבויען דעם משכן פון אונ־דזער לעבן.

אויפן באַרג סיני — דערציילט אונדז דער מדרש — האָט דער איי־בערשטער ביי די ייִדן געבעטן אַ גאַראַנטיע פאַרן געבן זיי די תורה. האָבן זיי, נאַטירלעך, אָנגעבאָטן ווי אַ גוטע גאַראַנטיע אונדזערע אָבות. האָט דער איבערשטער נישט געוואָלט אָננעמען, האָבן זיי אָנגעגעבן ווי אַ גאַ־

ראַנטיע די קינדער, דאַן האָט דער איבערשטער זיי באַוויליקט צו געבן די תורה.

האָט איינער דאָס אַזוי איינגעטייטשט: אַז דער טאַטע איז שולדיק עמעצן אַ חוב, נעמט יענער אַלס גאַראַנטיע זיינע קינדער און נישט זיינע טויטע טאַטע־מאַמע, ווייל אויב חלילה ער שטאַרבט, וועמען מאָנט מען דעם חוב, די טויטע עלטערן אָדער די לעבעדיקע יורשים?...

די קינדער זיינען אונדזערע יורשים און בלויז זיי קענען גענומען ווערן אַלס גאַראַנטיע פאַר אונדזער פאָלקס־עקסיסטענץ.

ווי האָט אַ גדול געטייטשט: „זה קלי — ואנווהו, אלוקי אבי — וארוממנו״.

ווען איינער זאָגט „זה קלי״ — דאָס איז מיין ג׳, איז „ואנוהו״ — איז דאָס אַ שיינקייט, אָבער ווען ער זאָגט „אלקי אבי״ — מיין טאַטע איז געווען ווויל און גוט, ד״ה, ער איז געווען מיין טאַטעס ג׳, איז „וארוממנו״ — איז דאָס אַ סימן פון גאווה (פון דעם וואָרט „רום״, הויכקייט), אַז ער יחוסט און גרייסט זיך בלויז מיט זיין טאַטן.

יאָ, רבותי, מיר מוזן זען אַז אויך ביי אונדזערע קינדער זאָל דאָס זיין „זה אלי״ און דאַן וועט דאָס זיין „ואנוהו״, וועט אונדזער לעבן פאַרמאָגן שיינקייט און אונדזער מאָרגן וועט מיט אַזאַ גאַראַנטיע זיין פאַרזיכערט און מיר וועלן זיין אויסגעהיט פון אַלע דרויסנדיקע געפאַרן.

# די גאָלדענע קייט

די אייביקע פּראָבלעם פון אָבות און בנים, פון דער פאַרשטענדיקונג צווישן די דורות, שטייט היינט צו טאָג מיט איר גאַנצער שאַרפקייט און איז דער שווערפּונקט אין דער ייִדישקייט־קאָנטינויִטעט, אין דעם אַזוי גערופענעם און באַטאָנטן „המשך", וואָס באַשעפטיקט די מוחות פון די פירנדיקע מענטשן פון אונדזערע געמיינדעס איבער דער וועלט, און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אויף אונדזערע מקומות.

די פראַגע באַשטייט אין דעם: ווי רינגלט מען אַריין דעם נייעם אויפוואַקסנדיקן דור אין דער גאָלדענער דורותדיקער ייִדישער קייט; ווי מאַכט מען זי פאַר נאָך אַ רינגעלע אין דער זעלבער, בכדי די דאָזיקע קייט זאָל זיך, חס־וחלילה, נישט צעפאַלן.

די פּראָבלעם איז שוין נישט, צי וועט דער דאָזיקער דור זיין אַ שוואַך רינגל צי אַ שטאַרק רינגל, וואָס איז אַן און פאַר זיך זייער אָבער זייער וויכטיק פאַרן אויסזען פון אונדזער פאָלקס צוקונפט, נאָר זי זאָל בכלל בילדן אַ רינג פון אָט דער קייט. ווייל אַ רינגל, אַפילו אַ שוואַכס, האַלט דערווייל אויף די קייט פון צעפאַלונג. און מען קען האָפן, אַז דער קומענדיקער רינג וועט זיין שטאַרקער. אָבער פאַלט, חלילה, אַרויס איין רינגעלע פון דער קייט, דאַן צעפאַלט זי זיך אין גאַנצן.

דעריבער איז שוין ביז גאָר פאַרשטענדלעך יענער אַריינטייטש, אַז די מנורה, וואָס האָט געמוזט זיין אויסגעהאַמעוועט פון איין גאָלדשטיק, הגם זי איז באַשטאַנען פון איר רוקנביין, ד״ה פון דער מיט מנורה און אירע רערן, האָט צום בולטסטן סימבאָליזירט די צונויפבינדונג פון טאַטעס און זין. די מיטלסטע, דער מיטן אָנשפּאַרפּוס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די

עלטערן און די אַרומיקע רערן האָבן סימבאָליזירט די קינדער, וואָס זיי־נען טאַקע אַרויסגעקומען פון דער מנורה פון איין גאָלדענעם שטיק, נישט אָפּגעטיילט פון דעם שטאַם און זיינען געווען אַן אָרגאַנישע טייל פון דער לייכטנדיקער פאָלקס־מנורה. נאָר אַזוי אַרום האָט מען געקאָנט האָפן, אַז די מנורה זאָל אַרויסגעבן איר ליכט פאַרן פאָלק, ווען טאַטעס און קינדער זיינען גייסטיק פאַראייניקט.

דאָס גלייכן, האָט מען אָט דעם דאָזיקן סימבאָל אַריינגעטייטשט אין דעם אָרון העדות, אין דעם שראַנק ווו עס זיינען געלעגן די לוחות־הברית, דער סימבאָל פון דער יידישער תורה. אויפן אָרון האָט מען געמאַכט — אויך פון איין גאָלדענעם שטיק — די דעק און ביי ביידע זייטן האָט מען אויסגעהאַקט און אויסגעפורעמט פון דעם זעלביקן שטיק גאָלד צוויי כרו־בים, יונגע מלאָכים־געשטאַלטן מיט פנימלעך פון צוויי קינדערלעך, וואָס האָט מיט זיך געדאַרפט פאָרשטעלן, אַז אויף אויפצוהאַלטן די יידישע תו־רה, קען מען נאָר האָפן, ווען די היטערס פון דער זעלביקער, ווען די וואָס זיינען די שומרים פון איר דעק, זיינען די קינדער וואָס זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אָט דער גאָלדענער דעק, וואָס קומען אַרויס פון איר איי־גענעם גאָלדשטיק און וואַקסן־אַרויס פון איר מיט.

און אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די כרובים האָבן געדאַרפט קוקן „איש על פני אחיו״, איינער צום אַנדערן, וואָס דאָס באַדייט ליבשאַפט צווישן ברידער. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי געדאַרפט אויך קוקן צו דער דעק, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעקומען. „מול פני הכפורת יהיה פניהם״. ד״ה אַז די קינדער דאַרפן שטענדיק געדענקען, אַז זיי קומען אַרויס פון דער גאָלדענער דעק און זייער בליק דאַרף זיין געווענדט צו זייער אייגענעם שטאַם.

ריכטיק איז טאַקע, אַז אויף די כרובים, אויף די קינדער, שטייט טאַקע די גאַנצע צוקונפט אונדזערע. אָבער ווען איז עס געזאָגט געוואָרן? ווען זייערע פנימער זיינען געריכטעט „אל מול פני הכפורת״ שטענדיק ווען זייערע אידעאַלן פאַלן זיך צונויף מיט די פון זייערע עלטערן, פון וועמען זיי קומען אַרויס.

דאַקעגן, קען זיך צעפאַלן די קייט פון דורות, ווייל בלויז ווען ס׳איז

„מקשה", פון איין דורות־שטיק אויסגעהאַמערט אונדזער פאָלק, קענען מיר האָפן אויף המשך און קיום.

און אין אָט דעם דורותדיקן גייסט דאַרפן מיר פאַרפאַנצערן דעם נייעם דור.

דעריבער, ווען מען וועט פרעגן היינט: ווי אַזוי זאָל מען צוציִען דעם יונגן דור? דאַרף מען געבן דעם רמב"מס ענטפער: „ווען איינער וואָס ליידט פון אַ שיפבראָך און האַלט זיךביים טריגקען אין צעשטורעמטן ים, איז אויב ער וועט זיך אָנכאַפּן אין אַ וואָס גרעסערער און שטאַרקערער ברעט, וועט ער האָבן מער אויסזיכטן זיך צו ראַטעווען; וואָס שוואַכער עס וועט זיין די ברעט אין וועלכער ער וועט זיך אָנהאַלטן, וואָס גרינגער זי וועט זיין, אַלץ מער אויסזיכטן האָט ער צו זינקען אין ים.

אַזוי איז אויך מיט אונדזער ייִדישקייט: מיר געפינען זיך אַרומגערינגלט פון אַ צעשטורעמטן אַסימילאַציע־ים; איז וואָס פאַר אַ שטאַרקערע ייִדישקייט־ברעט, וואָס פאַר אַן עכטערע ייִדישע דערציִונג מיר וועלן געבן דעם נייער דור — אַלץ מער אויסזיכטן האָט ער זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם זעלבן. דאַקעגן, וואָס פאַר אַ לייכטערע דאָזע ייִדישקייט מ'וועט אים איינגעבן, אַלץ מער אויסזיכטן האָט ער צו זינקען אין אָט דעם ים.

דאָס דאַרפן מיר זייער גוט אין זינען האָבן היינט, ווען פיל מיינען, אַז מיט אַ לייכטער, גרינגער ייִדישקייט וועט מען צוציִען און פאַרפאַנצערן דעם נייעם דור צו ייִדישקייט. דאָס איז אַ געגאַרטער און פאַרבלענדנדיקער חשבון, וואָס קען ווייט דערפירן און פאַרפירן. דאָס איז ווי דער לייכטער שטרוי אין אַ צעשטורעמטן ים, וואָס קען גאָר העלפן, חס ושלום, צו זינקען. אונדזער געשיכטע האָט דאָס שוין אומציילִיקע מאָל דערוויזן, און ווי זאָגט דאָס לאַטייניש ווערטל: „סטאָריאַ — מאַגיסטער וויטאַע עסט" — די געשיכטע איז דער לעבנס־לערער.

עס איז פאַראַן אַ לאַנגער וועג און אַ קורצער וועג — זאָגן אונדזערע בעלי־מוסר. — דער קורצער וועג פירט צו אַ פאַרפלאָנטערטע וואַלד־געדיכטעניש, וווּ מען ווערט שפּעטער פאַרבלאָנדזשעט; און דער לאַנגער וועג פירט־אַרויס צו דער ליכטיקייט. אמת איז, אַז דורכן קורצן וועג קומט מען אַ סך שנעלער צום סוף וועג, אָבער נאָך דעם בלאָנדזשעט מען ערשט. אָבער, דאַקעגן, דויערט דאָס גיין אויפן לאַנגן וועג אַ סך לענגער, אָבער

דערפאַר, אַז מען ענדיקט דעם וועג קומט מען אַרויס צו דער ליכטיקייט און מען בלאָנדזשעט נישט.

דאָס קען זייער גוט צוגעפּאַסט און אָנגעווענדט ווערן צו דעם צוגאַנג צו ייִדישקייט, בנוגע דעם יונגן דור. די וואָס מיינען, אַז זיי דערגייען צו דער יוגנט דורך דעם לייכטן און קורצן וועג, זיינען אָבער צום סוף מפסיד, וואָס די יוגנט בלאָנדזשעט, אָבער די וואָס גייען מיטן אויסגעטראָטענעם לאַנגן וועג פון דורות, בילדן אַ רינגל אין דער לאַנגער גאָלדענער קייט פון אונדזער געשיכטע, גייען לסוף אַרויס אויף דער ייִדישער ליכטיקייט און האָבן שכר־הליכה. דאַקעגן, אויפן לייכטן וועג איז סוף־כל־סוף „יצא שכרו בהפסדו".

פאַראַן אַ ווונדערלעכער מדרש: ווען מען האָט געהאַלטן ביים אויפשטעלן דעם משכן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַזאַ לאַנגן ריגל, וואָס זאָל קענען פאַרריגלען אַלע ברעטער אין דער מיט און אַלע זייטן פון דעם משכן, בכדי ער זאָל זיך קענען האַלטן אויף די פיס. איז ווו נעמט מען אַזאַ ריגל? — האָט מען געפונען דעם שטעקן פון דעם זיידן יעקב, מיט וועלכן ער איז אַריבער דעם ירדן און וואָס ער האָט איבערגעלאָזט בירושה זיינע קינדער און עס איז געשען אַ נס — יעקבס וואַנדער־שטעקן האָט זיך צעצויגן און געוואָרן אַזאַ גרויסער ריגל, וואָס האָט פאַרהיט די משכן־ברעטער פון פונאַנדערפאַלונג, נאָר אַדרבא, האָט אויסגעהאַלטן פעסט שטענדיק.

יאָ, רבותי, אין דעם ליגט די גאַנצע סימבאָליק פון המשך. בלויז דער דורותדיקער ייִדישער שטעקן וואָס אונדזערע אָבות האָבן אונדז איבערגעלאָזן בירושה, קען צונויפריגלען די פאַרשיידענע פאָלקסטיילן, די פאַרשיידענע דורות און זיי האַלטן פעסט צעמענטירט און שטייענדיק — אויסהאַלטן אַלע לויערנדיקע גלותדיקע מדבר־געפאַרן און נאָך פאַרוואַנדלען אונדזער לעבן אין אַ משכן, אין אַ הייליקטום.

און דאָס דאַרפן מיר גוט אין זינען האָבן ביים געבן אונדזערע קינדער און אונדזער יוגנט אַ ייִדישע דערציִונג:

אַז די דערציִונג זאָל אַרויסוואַקסן פון דעם דורותדיקן גאָלדשטיק, אַז זי זאָל נישט זיין קיין ספּאָראַדישע מאַניפעסטאַציע און „אָריגינעל" צוגעטראַכטע, נאָר נאָך אַ רינגעלע פון דער זעלביקער קייט, דאַן וועלן זיך

די פאָלקס־זיילן האַלטן צונויפגעריגלט און פעסט און וועלן פאַרזיכערן אונ־דזער צוקונפט און אונדזער קיום.

מיר דאַרפן גיין אויפן לאַנגן געשיכטע־וועג, דעם אויסגעפּרוווטן און דאָס וועט סוף־כל־סוף זיין „הפסדו בשכרו" און „לפום צערא אגרא" — לויטן צער, וועט זיין דער שכר.

ווייל מיר ווייסן שוין גוט דעם כלל פון „יגעת ומצאת" — אַז דו באַ־מיסט זיך צו געפינען אַ זאַך, צו דערגרייכן עפּעס, וועסטו זיך סוף־כל־סוף צו דיינס דערשלאָגן, אָבער אויב נישט — איז „אל תאמין" — זאָלסטו גאָר נישט גלייבן אַז אַזאַ זאַך, ווי לייכטע ייִדישקייט, איז מעגלעך. ס'קען אַ מאָל זיין אַ בלענד, אַ בלישטש, אָבער „כענגן כלה"; דאָס איז פאַרשווינדנדיק און לאָזט נישט איבער קיין סימן.

בלויז טיפע וואָרצלען גיבן־אַרויס פעסטעביימער; קורצע, שוואַכע וואָרצלען גיבן־אַרויס לייכטע פלאַנצן וואָס פאַרפליִען און ווערן אַרויסגע־ריסן מיטן לייכטסטן ווינט־בלאָז. און אין אונדזער לעבן און אין אונדזערע סביבות בלאָזן דאָך אַלע מאָל „נייע" ווינטן.

די קאָצקער פלעגן טייטשן: וואָס איז שייך „תאמין", גלויבן, ביים „יגעת ומצאת"? אַדרבה, דער „יגעת", דאָס זוכן, דאָס מאַטערן זיך אין ייִדישקייט, איז דאָס שוין אַן און פאַר זיך אַ געווינס...

דעריבער דאַרפן מיר אין אַט דעם דאָזיקן געשיכטלעכן גאָלדענעם גייסט אויסשמידן אונדזערע נייע דורות. פון דער פריעסטער קינדהייט דאַרפן אונדזערע זין און טעכטער געניסן פון אַט דעם ושננתם לבניך ודברת בם".

פריִער דער „ושננתם", דאָס לערנען, דאָס איינשאַרפן, הגם דאָס קינד פאַרשטייט נאָך נישט אַלץ, אָבער דאָס איינגעשאַרפטע בלייבט־איבער אויף שפּעטער, איינגעקריצט אין זיין נשמה און אויף זיין געמיט, ווען מען קען שוין „ודברת",ריידן מיט אים.

עס האָט איינער אַ מאָל געפרעגט: עס ווערט געבראַכט אין אונדזערע ספרים, אַז פאַרן געבוירן ווערן קומט אַ מלאך און לערנט מיטן קינד די גאַנצע תורה! און אַז דאָס קינד דאַרף געבוירן ווערן, גיט אים דער מלאך אַ שנאָל אין נאָז און ער פאַרגעסט אין גאַנצן דאָס געלערנטע. אויב ער פאַרגעסט אַלץ, איז צו וואָס דאַרף מיט אים דער מלאך אין גאַנצן לערנען?

— אָבער — האָט ער געענטפערט, — ס׳איז נישט גלייך דער וואָס לערנט און פאַרגעסט, ווי דער וואָס האָט אין גאַנצן נישט געלערנט...

מיר דאַרפן אונדזערע קינדער לערנען און לערנען, דערציִען און דערציִען אין דעם אַלטן ייִדישן גייסט; זיי פאַרוואַנדלען אין רינגעלעך פון דער דורותדיקער גאָלדענער קייט; זיי פירן אויפן אויסגעפרוווטן לאַנגן וועג פון „ושננתם״, אַפילו ווען זיי וועלן אפשר נישט אין גאַנצן געדענקען און אַ סך פאַרגעסן, אָבער נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר קענען מיט זיי „ודברת בם״, זיך צונויפריידן טאַטעס און זין און זיין ווי די רערן פון דער מנורה און ווי די כרובים פון משכן! וואָס אַלע וואַקסן זיי אַרויס פון איין־און־ דעם־זעלביקן גאַלשטיק און ווערן פאַרריגלט און פאַרפעסטיקט מיט דעם ירושהדיקן שטעקן פון אונדזער פאָטער יעקב, וואָס מיט אים האָט ער געקענט אַריבערגיין די וואַסערן פון טייך, ווייל נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר זיך אויך ראַטעווען פון אַלע שטורעמדיקע לעבנס־וואַסערן וואָס דראָען אונדז צו פאַרשווענקען.

# דער נײַער דור - אונדזער המשך

אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, סיי אינדיווידועל ווי קאָלעקטיוו, פאַרנעמט דער נייער דור. הימל און ערד און דער נייער דור! אַלע אָנ־שטרענגונגען פון אונדזער געמיינדע־לעבן זיינען געריכטעט צו דער פאַר־פעסטיקונג פון אונדזער יונגן דור, אין וועמען מען זעט, נאַטירלעך, דעם המשך פון אונדזער ידישקייט און פון אונדזער ציבורדיק לעבן, און וועמען מען וויל ווידער זען ווי אַ טרייער יורש פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן און דער גייער אויף אונדזער טויזנט־יאָריקן אויסגעטראָטענעם דורותדיקן וועג.

דעריבער לייגן מיר אַזוי פיל אַכט אַז דער אויפוואַקסנדיקער דור זאָל נישט נאָר פאַרפאַנצערט ווערן מיט דער געהעריקער דאָזע ידיעות, וואָס זאָל אים דערמעגלעכן אַריינצודרינגען אומגעשטערט אין דעם גרויסן היכל פון אונדזער קולטור־פאַרמעג, נאָר אויך דעם גייסט, דעם אומגע־פעלשטן, צו פאַרוואַלטן און אומצוגיין מיטן זעלביקן.

דאָס טוען מיר, כדי די יוגנט זאָל נישט נאָר קענען אונדזערע איי־ביקע ווערטן, נאָר טאַקע לעבן לויט די דאָזיקע ווערטן. האָט דאָך דאָס טאַקע גלענצנדיק פאָרמולירט דער ערשטער ישראל־פרעזידענט ד״ר חיים וויצמאַן: מען דאַרף נישט נאָר לערנען געשיכטע, נאָר בעיקר מאַכן גע־שיכטע.

זאָגן מיר טאַקע טעגלעך אין דער פרי און אין אָוונט אין „קריאת־שמע״־פרשה דעם פסוק „וראיתם אותו וזכרתם את כל מצוות ה׳ ועשיתם אותם״, מיט וועלכע עס ווערן פאָרמולירט די דריי גרונט־יסודות פון ידישקייט:

די ערשטע זאַך איז „וראיתם" — איר זאָלט זען ,איז זאָלט באַטראַכטן אונדזער געשיכטע און דעם ייִדישקייט־וועג. נאָך דעם: „וזכרתם" — איר זאָלט שטענדיק געדענקען אָט די ייִדישקייט, און לסוף, דאָס וויכטיקסטע: „ועשיתם" — איר זאָלט טאָן, איר זאָלט פּראַקטיצירן אין אייער טאָג־טעגלעכן לעבן אָט די ייִדישקייט, דאַן וועט איר זיכער „ולא תתורו" — זיך קיין מאָל נישט אָפּקערן פון אָט דעם וועג.

דאָס דאַרף מען גוט געדענקען בשייכות מיטן יונגן דור; זיי לערנען בכדי זיי זאָלן וויסן זיך דורכצודרינגען מיטן ייִדישן באַוווסטזיין, כדי צו געדענקען אַ גאַנץ לעבן און איבער הויפּט כדי צו לעבן לויט די פאַר־שריפטן פון ייִדישקייט. דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע, זיי זאָלן זיך דער־ביי שטענדיק האַלטן.

דערצו איז נייטיק אַז די יוגנט זאָל זיין די נאַטירלעכע פאָרזעצונג פונעם עלטערן דור.

אַ גדול האָט אַ מאָל פאַרגליכן דעם אַלטן דור צום פונדאַמענט און דעם יונגן — צום בנין.

כידוע, לייגט מען דעם פונדאַמענט כדי מען זאָל דערויף נאָכהער בויען דעם בנין. דער פונדאַמענט אַן און פאַר זיך באַדייט גאָר נישט, נאָר דינט בלויז עס זאָל זיך אויף אים האַלטן דער בנין, וואָס דאָס איז דאָך דער אייגנטלעכער ציל. אָבער פון דעסט וועגן דאַרף מען דאָך געדענקען, אַז אָן דעם פונדאַמענט קען דער בנין קיין קיום נישט האָבן. ביידע — פונדאַמענט און בנין, שאַפן איין גאַנצע און פעסטע זאַך. דאָס איז אויך בנוגע דעם אַלטן און יונגן דור צוזאַמען.

דער אַלטער דור דאַרף געדענקען, אַז אַלץ וואָס ער איז און וואָס ער שאַפט, דינט ווי אַ פונדאַמענט פאַר דעם נייעם דור. גלייכצייטיק דאַרף אָבער דער יונגער דור אויך האָבן אין זינען, אַז אָן דעם פונדאַמענט פון דעם פריִערדיקן דור קען ער נישט אָנהאַלטן דעם בנין און קען ביי אַ ליאַדן ווינט־בלאָז זיך פונאַנדערפאַלן.

אַ צווייטער גרויסער ייִד האָט אַ מאָל פאַרגליכן דאָס ייִדנטום צו אַ באַן און די רעלסן; די באַן — דאָס איז די יוגנט. כידוע, ווערט די באַן געטריבן דורכן לאָקאָמאָטיוו, וואָס טרייבט די וואַגאָנען, אַ דאַנק דעם גרויסן פייער וואָס ער האָט אין זיך.

ווידער, די רעלסן — דאָס זיינען די אַלטע, וואָס זיינען קאַלט אַזוי ווי רעלסן פון אייזן און זיינען אומבאַוועגלעך און רירן זיך נישט, אַזוי ווי די רעלסן. אָבער וויסן דאַרף מען, אַז טראָץ דעם וואָס די באַן ווערט געטריבן דורך דעם פייער פון אונדזער יוגנט-לאָקאָמאָטיוו, וואָלט אָבער אַ באַן אָן רעלסן, חס ושלום, פאַרפאָרן ווער ווייסט ווו, און וואָלט אַראָפּ פון גלייכן וועג. אַ דאַנק די רעלסן — דעם אַלטן דור — קען די באַן פאָרן אויפן אָנגעצייכנטן ייִדישן וועג און נישט אַראָפּגיין, חס וחלילה, פון די ייִדישע רעלסן...

עס מוז דעריבער, כדי דאָס צו דערגרייכן, הערשן פולע האַרמאָניע צווישן אַלט און ניי. אַזוי זאָגט טאַקע די גמרא, אַז דער וואָס הלומט מיט אַ טעפּל, זאָל דערוואַרטן שלום, ווייל אַ טאָפּ איז דער בעסטער שלום-מאַכער צווישן די צוויי עקסטרעמע און קעגנגעזעצטע כוחות אין דער נאַטור, וואָס דאָס זיינען פייער און וואַסער. אַ דאַנק דעם טעפּל קענט איר אַריינגיסן אין דעם וואַסער און עס קאָכן אויפן פייער; אַנדערש, וואָלט דאָס וואַסער פאַרלאָשן דאָס פייער. פייער, ווי יעדער איינער פאַרשטייט, סימבאָליזירט יוגנט וואָס איז היציק ווי פייער, און וואַסער סימבאָליזירט די עלטערע, וואָס זיינען קאַלט ווי וואַסער. דאַרף מען דעריבער שאַפן צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען די געגעבענע און פאַסיקע שלום-כלי, דאָס טעפּל, כדי די צוויי כוחות זאָלן זיך קענען צוזאַמענקומען און עס זאָל גאָר דערפון אַרויסקומען אַ געשמאַק מאכל...

אָבער דערצו איז נישט נייטיק אַז דער עלטערער דור זאָל אַלצדינג נאָכגעבן אָדער זיך „צופּאַסן" צום ייִנגערן, נאָר, אַדרבה, דערהייבן אים צו זיך.

ווי שטייט דאָס אין חומש: „כאשר ישא האומן את היונק" — אַזוי ווי דער דערציִער הייבט-אויף דאָס קינד. פאַרשטייט זיך, אַז כדי אויפצוהייבן דאָס קינד מוז ער זיך פריִער איינבויגן, אָבער דער ציל פון זיין איינבייגן זיך איז דאָך כדי דעם זויגלינג אויפצוהייבן צו זיך, אָבער נישט כדי ער זאָל בלייבן אָנגעבויגן צום קינד...

דאָס דאַרפן געדענקען אַלע עלטערן און אַלע דערציִערס.

ווייל פאַראַן זינד און עבירות וואָס קענען פאַרגעבן ווערן, ווען מען טוט תשובה. אָבער וואָס פאַר אַ תשובה קען געמאָלט זיין, ווען מען פאַר־

נאָכלעסיקט דעם יונגן דור און ער וואַקסט־אויס פרעמד צו אונדזערע אי־דעאַלן און צו אונדזערע ווערטן; אַפילו מען זאָל שוין וועלן פאַרריכטן דאָס אָפּגעטועגע, איז דאָך שוין שפּעט, ווייל דערווייל איז פון אַזאַ יוגנט אויפגעוואַקסן אַ פרעמדער שטאָם און עס וועט דאָך שוין נישט העלפן קיין שום תשובה און חרטה...

עס איז דאָן פּשוט צו שפּעט...

דער בית־המקדש — דערציילן אונדז אונדזערע הייליקע ספרים — איז צווישן אַנדערן חרוב געוואָרן צוליב צוויי מאָטיוון: צוליב שנאת־חינם און צוליבן האָבן מבטל געווען די תינוקות של בית־רבן.

ווייל פאַראַן, ווי געזאָגט, באַגאַנגענע זינד, וואָס קענען גוט־געמאַכט ווערן, אָבער די זינד פון נישט לערנען יידישע קינדער יידישקייט האָט נישט קיין פאַרגעבונג, ווייל אַפילו ווען איר זאָלט שוין נאָך דעם וועלן גוט מאַכן, איז דערווייל צוליב דעם חרוב געוואָרן דער בית המקדש, דער היכל פון יידישן גייסט.

דעריבער זאָגט טאַקע דער נביא: „וכל בניך לימודי — ה׳ ורב שלום בניך״, און אַלע דיינע קינדער וועלן זיין געלערנטע און עס וועט הערשן צווישן זיי גרויס שלום״. — ווייל ווען קען הערשן שלום, און נישט קיין שנאת־חינם, ווען זיי זיינען יידישלעך געלערנט. און צווייטנס, עס איז נישט גענוג זיי זאָלן קענען יידישקייט, נאָר טאַקע „רב שלום־בניך״, אויך באַזיצן אהבת ישראל, וואָס אָן דעם איז גאָרנישט ווערט דאָס לערנען.

מען דאַרף דעריבער דער נייער יוגנט לערנען נישט נאָר ליב האָבן יידישקייט, נאָר אויך ליב האָבן יידן.

און דאָס איז דאָך איינער פון די וויכטיקסטע עיקרים פון יידישקייט.

האָט דאָך שוין אַ גרויסער ייד באַמערקט, אַז פאַרן „שמע ישראל״ זאָגן מיר דאָך די ברכה „אוהב עמו ישראה אָדער „הבוחר בעמו ישראל באהבה״, ווייל אויף צו קומען צום „שמע ישראל״, צו דער אמתער פרומ־קייט, מוז מען פריער זיין געבענטשט מיט „אוהב עמו ישראל״, מיט אהבת ישראל.

אין דער פּרשה „שופטים״ האָבן מיר טאַקע געלערנט: „כי תצא למלחמה על אויביך״, אַז ווען מען גייט מלחמה האַלטן מיטן פיינט, איז דער וואָס האָט אויפגעבויט אַ נייע שטוב און נישט מחנך געווען, באַנייט,

זאָל נישט אַרויס מלחמה האַלטן, נאָר זאָל זיך צוריק אומקערן אַהיים. ווידער, דער וואָס האָט געפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן און נאָך נישט געגאָסן פון זייַנע פרוכטן, זאָל זיך אויך אומקערן, און דער וואָס האָט זיך פאַרקנסט צו אַ פרוי און זי נאָך נישט געהייראַט, זאָל אויך זיך אומקערן.

אין דעם איז ווידער אַמאָל פאָרמולירט די הויפּט־יסודות פאַר דער דערציִונג פון אונדזער יונגן דור.

עס מוז זייַן פאַר אים אַ ייִדישע שטוב, ווייל דער וואָס האָט נישט געגעבן קיין ייִדישע שטוב זייַנע קינדער, קענען זיי נישט אַרויס אין לעבנס קאַמף אַלס ייִדן, קענען זיי אַוודאי נישט באַזיגן די אויסערלעכע שונאים אויפן ייִדישן וועג. דער וואָס האָט נאָך נישט געגאָסן פון די פרוכטן פון ווייַנגאָרטן, וואָס דאָס זענען אונדזערע צווייַגעלעך, די יונגע קינדער, די צווייַגעלעך פון דעם כרם־ישראל, פון דעם ייִדישן פאָלקס־ווייַנגאָרטן, קען אַוודאי נישט אַרויס אין מלחמה קעגן די לויערנדיקע געפאַרן פאַר ייִדן און ייִדישקייט. און לסוף — דער וואָס האָט נישט געהייראַט קיין ייִדישע פרוי — איז דאָך אַוודאי אָפּגערעדט, אַז ער דאַרף זיך צוריקציִען פון דעם ייִדישן פראָנט.

דאָס זענען אייביקע יסודות פון ייִדישקייט, איבערהויפּט וואָס איז נוגע צו אונדזער המשך, צו דעם נייעם דור.

און איר געדענקט דאָך זיכער יענע חסידישע מעשה פון דעם רבין, וואָס האָט, דורכגייענדיק שפּעט בייַנאַכט דורך אַ פענצער פון אַ שניידער, געהערט ווי די פרוי פרעגט אים, פאַר וואָס ער לייגט זיך נאָך נישט שלאָפן, ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, און ווי יענער ענטפערט איר:

— כל זמן דאָס ליכטל ברענט נאָך, קען מען נאָך פאַרריכטן...

און דער רבי האָט טאַקע דערפון גלייך געצויגן זיין מסקנא: כל זמן דאָס ליכטל, די נשמה, ברענט נאָך, קען מען נאָך פאַרריכטן, מתקן־זייַן...

יאָ, דאָס איז אויך אין באַצוג צום נייעם דור: כל זמן דאָס ליכטל ברענט נאָך, ווי באַלד עס טליִעט נאָך דער ייִדישער פונק ביי זיי, לאָמיר פאַרריכטן, לאָמיר מתקן־זייַן... און לאָמיר, רבותי, אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן, אַז דער יונגער דור, דאָס איז אונדזער המשך!

# חינוך, דורך אייגענעם ביישפּיל

הימל און ערד און חינוך. ווו מען גייט און ווו מען שטייט, האַלט מען אין איין רעדן וועגן נייעם דור, וועגן זיין יידישן חינוך, וועגן אים איבער־געבן אונדזערע פּאָזיציעס, וועגן אַריינציִען אים אין אונדזער יידישקייט און וועגן באַפּאַנצערן אים מיט אונדזער טראַדיציע, בכדי ער זאָל זיין ראוי און צוגעגרייט פאַרצוזעצן דעם וועג פון ישראל־סבא און איבערנע־מען דעם רודער פון יידישן לעבן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות ווייסט נישט אויף זיכער ווי דאָס איז געווען אין די אַמאָליקע פולסירנדיקע יידישע ישובים פון דער אַלטער היים אין אייראָפּע. אָבער ווי ווייט עס איז אים באַקאַנט פון הערן און פון לייענען, האָט מען דאָרטן נישט פאַר־גאַסן אַזוי פיל טינט און נישט פאַרפלייצט מיט אַזוי פיל רייד, ווייל עס איז געווען אַ פּיל ווירקזאַמער מיטל, וואָס דאָס איז דאָס לעבן אַליין, די באַטרעפנדיקע משפחה־סביבה און דאָס יידישלעכע געמיינדע־לעבן, וואָס דאָס איז געווען די נאַטירלעכע ראַם און דער נאַטירלעכער שטויס פאַר ווייטער ציִען דעם יידישן פאָדעם. דאָס איז געווען די בעסטע שפּראַך, די שפּראַך פון אייגענעם ביישפּיל, וואָס איז פיל מעכטיקער און דויערנדיקער פון אַלע קינסטלעכע פּראַקלאַמעס און רייד; פון אַלע געוואָרפענע לאָזונ־גען און שלאָגווערטער. צווייטנס, אַזוי דאַן ווי היינט, צי מען וויל אָדער נישט, איז דאָס די איינציקע שפּראַך וואָס דער יונגער דור פאַרשטייט און באַנעמט, באַגרייפט און פאָלגט נאָך. אַנדערש איז דאָס אַ קול קורא במדבר, אַ רוף אָן אַן עכאָ, אַן אַפּילו אָן אַן אָפּקלאַנג, אָן לעבנס־זאַפט, אָן אַראָמאַט און אָן בליִעכץ.

אַנדערש איז, ווען די אויפרופן און די שיינע רייד גייען נישט באַגלייט פון דעם מוסטער פון אייגענע טאָטן, פון פאַרווירקלעכן דאָס געפּרעדיקטע און פון דעם אייגענעם אויסלעבן זיך פון דעם וואָס מען איידעאַליזירט, איז דאָס אַ פלאַנץ אָן אַ באָדן, אַ בוים אָן אַ וואָרצל און זייער גורל איז טאַקע ענלעך צו אַזעלכע פלאַכע און שוואַכע אָנוואָרצלדיקע און אָנבאָדנדיקע געוויקסן.

האָט דאָס טאַקע שוין אונדזער תורה גרינטלעך פאַרשטאַנען און אַריינגעדרונגען אין דער גאַנצער טיף פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און האָט טאַקע פאַרן „ולמדתם אותם את בניכם״ — איר זאָלט זיי לערנען אייערע קינדער, אַריינגעשטעלט דעם „ושמתם את דברי אלה על לבבכם״, ד״ה איידער איר לערנט אַנדערע, זאָלט איר פריִער דאָס וואָס איר לערנט אויפטאָן אויף אייער אייגן האַרץ, ווייל עס איז דאָך שוין באַקאַנט יענער אַלטער כלל, אַז בכדי עס זאָלן זיין „דברים הנכנסים אל הלב״, דאַרפן זיי פריִער זיין „היוצאים מן הלב״, אַז דאָס וואָס איר ווילט יענעם לערנען און איבערצייגן, דאַרף פריִער אַרויסשטראָמען פון אייגענעם ביישפיל און זעלבסטטאַט.

דאָס איז נוגע די עלטערן ווי די לערערס, די גייסטיקע עלטערן פון די תלמידים.

דאָס איז נוגע אונדזער גאַנצן חינוך־וועזן אין אַלגעמיין, אָפּגעזען פון וועלכער ריכטונג און שטרעמונג מען זאָל געהערן.

אויב מען וויל אַז די תלמידים זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין אַקטיווער יידישקייט, אין יידישער אויסלעבונג, מוז ער עס זען ביי זיינע עלטערן, אין זיין היים, לפחות ביי זיין לערער. אַנדערש, איז דאָס אַ תפילת־שוא, אַ פרוכטלאָזער פאַרזיי וואָס וועט נישט אַרויסגעבן קיין פּירות.

דאַכט זיך אַז מען איז דאָ גאָר נישט מחדש; דאַכט זיך אַז דאָס איז גאָר פאַרשטענדלעך, אָבער אין דער פּראַקטיק איז עס ליידער נישט אַזוי.

ווילט איר אַז דאָס קינד זאָלן האָבן אָפּשיי פאַר טראַדיציע, זאָל וויסן פון אַ שבת, זאָל אָנען אין יידישקייט, מוזט איר אים געבן דעם ביישפיל, מוזט איר דאָס אַליין באַנוצן און דאַן וועט אויך ער עס באַנוצן, און ס׳איז דאָך באַוווּסט, אַז „גדול שימושה של תורה, יותר מלימודה״ — דאָס פּראַקטיצירן תורה שטייט העכער ווי דאָס בלויזע לערנען.

טייטשן טאַקע אַ סך דעם זאַג פון פּרקי אָבות, אַז „כל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה״, — ד״ה אַ תורה וואָס ס׳פעלט איר די מלאכה, די פּראַקטיק, זי איז בלויז אַ טעאָרעטישע, איז טאַקע „סופה בטלה״ — וועט פון איר גאָר נישט בלייבן.

ווייל לערנען קענט איר דעם קינד: שפּראַך, ענגליש, מוזיק, צייכע־נען אאַז״וו. אויך צו קענען אָבער יידישקייט, טראַדיציע אד״גל — לערנט איר אים נישט בלויז צו קענען, נאָר בעיקר צו לעבן און פּראַקטיצירן ווי אַ ייד.

אויב איר לערנט אים וועגן שבת, איז כדי אָפּצוהיטן, צו האַלטן שבת; אויב איר לערנט אים תפילה — איז טאַקע צום דאַוונען; אויב איר לערנט אים וועגן יידישע ימים־טובים — איז טאַקע צו זיין יום־טובדיקע יידן. דאָס זיינען נישט קיין קעגנשטאַנדן, ווי אַ סך מיינען בטעות, דאָס זיינען נישט קיין מאַטעריעס, צו שיקן אים צום עקזאַמען און צום קלאַסיפיצירן אים, נאָר בעיקר — צו זיין אַ ייד.

אויב די עלטערן און איבער הויפּט די מחנכים, פון די העכסטע ביז די קלענסטע יעראַרכיעס וועלן דאָס פאַרשטיין, דאַן וועט דער יידישער חינוך אַנדערש אויסזען.

דאָס זיינען אויך נישט קיין „ליטעראַרישע טעמעס״, נאָר יידישקייט־באַגריפן ווי אַזוי אויסצולעבן זיך אַ גאַנץ לעבן, ד״ה דאָס זיינען די יסו־דות, די באַזע פאַר דעם ווייטערדיקן יידישקייט־שימוש אויף אַ קיילעכדיקן לעבן. געוויס זיינען שיין ליטעראַרישע דערציילונגען, ווי אַ מוסר־השכל, אָנגענעמער און צוציִענדיקער צו מאַכן דאָס לערנען. אָבער פאַר קיין פאַל נישט אַן און פאַר זיך זעלבסט דער ציל. עס איז אַ שיינער מיטל, אָבער בלויז אַ מיטל, וואָס זאָל פירן צום יידישן לעבנס־ציל.

האָט שוין אַפילו דער וועלטלעכער אוסישקין זיך אויסגעדריקט ביים גרינדן די לערער־אָרגאַניזאַציע אין ישראל:

— נישט גענוג צו לערנען דעם קינד דיקדוק, שפּראַך, נאָר בעיקר דאַרף מען אים לערנען מצוות־מעשיות, טאָג־טעגלעכע טאַטן פאַרן פאָלק און לאַנד.

איך האָב אַ מאָל געהערט אַ דעפיניציע וועגן שפּראַך און דיקדוק לגבי דאָס פּראַקטיצירן יידישקייט:

שפּראַך אַליין, דיקדוק, ליטעראַטור — דאָס זיינען ענלעך צו קנעפּלעך פון, למשל, אַ רעגנמאַנטל; אַ שיין קנעפּל, אַ ווונדערלעכער קנעפּל, אָבער אַלץ נישט דאָס רעגנמאַנטל זעלבסט.

און אַז איינער האָט בלויז אַ שיין קנעפּל און נישט דאָס רעגנמאַנטל גופא ווען עס הייבט־אָן צו גיסן אַ רעגן, ווערט ער, במחילה, גוט נאַס.

אויב ער פאַרמאָגט בלויז אַ מאַנטל, אַפילו אָן קנעפּ, ווערט ער אַלץ נישט פאַררעגנט. אָבער מיט די קנעפּלעך אַליין — ווער וועט אים פאַרהיטן פון נאַס ווערן?... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אידעאַלסטע איז אַ מאַנטל מיט קנעפּ, אָבער לאָמיר פאַר קיין פאַל נישט פאַרבייטן די יוצרות...

אינטערעסאַנט און ווי די בעסטע אילוסטראַציע קען דינען דאָס וואָס מיר זאָגן פּסח ביים סדר: „והגדת לבנך ההוא לאמר: בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים", זאָגט די הגדה „בעבור זה לא אמרתי אלא בשעת שיש מצה ומרור מונחים לפניך" — ד"ה איך קען נאָר זאָגן „בעבור זה" בלויז דאַן ווען עס ליגן פאַר דיר מצה און מרור, ד"ה נישט גענוג צו דערציילן די קינדער וועגן מצה און וועגן מרור, נאָר דאָס קינד מוז אַליין דאָס זען, ער מוז עס פריִער זען ווי זיי ליגן ביי דיר, זיינען עס „מונחים לפניך", ערשט דאַן קענסטו אים זאָגן „בעבור זה", אים דערציילן וועגן יציאת־מצרים.

פאָלגלעך: טעאָרעטישע יידישקייט אָן דעם געהעריקן שימוש; אַ תורה אָן איר פּראַקטיק איז פּרוכטלאָז און פירט צו גאָר נישט און אַ שאָד אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונג וואָס מען לייגט דערביי אַריין, אויב מען באַגלייט נישט אָט די תורה מיטן אייגענעם ביישפּיל, ווי אין די פריִערדיקע דורות, ווייל דאָס איז די איינציקע שפּראַך וואָס אַלע דורות אָן אויסנאַם פאַרשטייען און באַגרייפן, שאַצן און זיינען גרייט נאָכצופאָלגן.

דאָס איז דער עיקרדיקסטער און עלעמענטאַרסטער יסוד פון יעטוועדן חינוך, ווער שמועסט נאָך פון יידישן חינוך, וואָס צילט אַריינצורינגלען די נייע דורות אין דער קייט פון יידישקייט, אין דעם גייסט פון ישראל סבא.

דאָס דאַרפן אַלע עלטערן און דערציִערס פאַרשטיין. דאָס דאַרפן אויך אונדזערע געמיינדע־פירערס באַנעמען מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט אָן נאַטירלעכקייט, בכדי זייער גרויסע און וויכטיקע כלל־אַרבעט

זאָל געקרוינט ווערן מיטן געוווּנטשענעם און דערוואַרטן דערפאָלג און זיי זאָלן טאַקע זיכער זיין אין דער הצלחה פון „מעשי־ידיהם״.

דאָס באַטאָנען מיר, בכדי מ׳זאָל בויענדיק די העכערע שטאָקן און דעם דאַך פון דעם חינוך־בנין נישט פאַרגעסן צו מאָל אין דעם סאַמען יסוד, אין דעם אַלף־בית, אַז דאָס אַלץ וואָס מיר לערנען דאָס טייער יידיש קינד איז לשם אויסלעבן זיך, איז לשם מקיים זיין, איז לשם באַנוצן און געברויכן, ניט בלויז לשם לימוד אָדער לשם קענען און דערלערנען נאָך אַ קעגנשטאַנד, נאָר טאַקע בעיקר — לשם שימוש, לשם זיין אַ גאַנצער און גוטער ייד, נישט נאָר אין שול־עלטער, נישט בלויז פון דעם קינדערגאָרטן ביזן זי־בעטן גראַד, צי אַפילו, אין די בעסטע פאַלן, ביזן ענדיקן די יידישע מיטלשול, צי אין די גאָר בעסערע פאַלן, ביזן ענדיקן אַ יידישע הויכשול, נאָר דאָס דאַרף אים פּערמאַנענט אַ גאַנץ און קיילעכדיק לעבן און ער זאָל נאָך אויך אין שטאַנד זיין איבערצוגעבן צו זיין קומענדיקן דור און אַזוי אַרום זאָל זיך דער גאָלדענער יידישער פאָדעם ציען און ציען ביז אין דער אייביקייט אַריין.

איז רבותי, איצט, איידער מיר גייען ווייטער אין אונדזערע געהויבענע חינוך־פּלענער, לאָמיר אָנפאַנגען ראשית־כל פון סאַמע אָנהייב, פון דעם אַלף־בית פון חינוך און פון יידישן חינוך — וועלן מיר אַזוי אַרום, אם ירצה השם, אָנקומען בשלום צום העכסטן שפּיץ און אידעאַל, וועלן מיר אויך דערגרייכן שטופנווייז ביזן „תו״.

# פון חינוך — צום יידישן לעבן

עס איז שוין אַ סך מאָל געזאָגט און געשריבן געוואָרן און עס דאַרף ביי יעדער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן און בולט אַרויסגעבראַכט ווערן דער אייגנטלעכער ציל פון דעם יידישן חינוך, און דאָס איז: אַז דער נעמ־לעכער דאַרף פירן גלייך פון שול אין יידישן לעבן אַריין.

דאָס איז, פאָלגלעך, נישט קיין טעאָרעטישער ענין, נאָר אַ גאַנץ פראַקטישער וואָס נוגע יידישן אויסלעבן זיך פון דעם נייעם דור, וואָס ווערט נישט שטענדיק זיין דער „נייער דור", נאָר וועט אין לויף פון דער צייט מוזן אויך ווערן דער אַלטער דור און דער וואָס זאָל די נאָכקומענדיקע דורות איבערגעבן דעם שליסל פון יידישקייט.

בעת תורה איז אַ ברייטער באַגריף און קען אַרומנעמען אַלע אַס־פעקטן און געביטן פון מענטשלעכן גייסטיקן שאַפן און דענקען, איז אונ־דזער תורה בעיקר אַ תורת־החיים, אַ לעבנס־תורה, וואָס צילט אייגנטלעך צו אַקטיוויזירן די תורה־לערנערס אויסצופירן אירע פאָרשריפטן און זיי אָנווענדן אין זייער פּערמאַנענטן און אַלטעגלעכן לעבן, ד"ה אַז דאָס איז נישט בלויז אַן ענין פון עפּעס קענען און עפּעס אויסלערנען, וואָס דאָס באַציט זיך לגבי אַנדערע קענטענישן און וויסנשאַפטן, נאָר צילט בעיקר איינצוגלידערן דעם אויספירער אין שטענדיקע מצוות־מעשיות, אין שטענ־דיקן יידישן אויסלעבן און אויפפירן זיך.

מיר געפינען למשל אין דער תורה, אַז בעת משה האָט מלחמה גע־האַלטן מיט די עמלקים און אַהרן און חור האָבן געמוזט אונטערהאַלטן זיינע הענט, דעם אויסדרוק פון: „ויהי ידיו אמונה עד בא השמש!" — און זיינע הענט זיינען געבליבן פעסט ביז זונפאַרגאַנג.

שטעלט זיך אָפּ אַ ייִדישער דענקער איבערן אויסדרוק „ויהי ידיו אמונה״ און ער זאָגט, אַז עס קענען זיין דרייערליי אמונות: איין אמונה איז בלב, אַ גלויבן פון געפיל, פון האַרצן; אַ צווייטע אמונה איז בראש, מיטן שכל און פאַרשטאַנד, און אַ דריטע אמונה איז במעשה, מיט טאַט, „ויהי ידיו אמונה״.

אָט די דריי אמונות דאַרף פאַראייגענען טאַקע דער ייִדישער חינוך. ער דאַרף, נעמלעך, דערציִען אונדזערע קינדער צו ייִדיש פילן, צו ייִדיש דענקען און וואָס נאָך וויכטיקער — צו ייִדישער אויסלעבונג, צו טאָג־טעגלעכע ייִדישע טאַטן.

אַזאַ דערציִונג וואָס זאָל אַריינרינגלען דעם אויפוואַקסנדיקן דור אין דער קייט פון אַלע דורות. ווייל עלטער בייט זיך. יונג־אַלט זיינען פאַר־בייגייענדיקע תקופות, אָבער דער עיקר דאַרף זיין איין געמיינזאַמע שפּראַך און דערציִונג פאַר אַלע דורות: בכדי זיי זאָלן זיך בינדן און קייטלען און בילדן איין גאַנצקייט, איין צונויפגוס און אַחדות, די אַחדות פון נצח־ישר־אל, פון דער ייִדישער אייביקייט.

אין מדבר — דערציילן אונדזערע חז״ל — זיינען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן דער אָרון־הברית און דער אָרון מיט יוספס ביינער. איז דאָך געווען אַ קשיא: ווי קומט מען צו נעמען נעבן דעם אָרון־קודש, אַן אָרון מיט טויטע ביינער? איז דער ענטפער: — אַז די דאָזיקע ביינער, ד״ה יוסף הצדיק האָט ביים לעבן מקיים געווען דאָס וואָס עס שטייט אין דעם אַנ־דערן אָרון, אין דעם אָרון־הברית.

דאָס דאַרפן אַלע דערציִערס גריילעך פאַרשטיין, אַז אַלע דורות מוזן גיין צוזאַמען און מקיים זיין דאָס וואָס ייִדישקייט לערנט פאַר אַלע דורות, אָן אונטערשייד. אַזוי אַרום, אַז מען זאָל זיך נישט איינריידן אַז עס איז דאָ אַ „ספּעציעלע״ תורה פאַר יונגע און אַן אַנדער תורה פאַר אַלטע, נאָר ס׳איז די זעלביקע לעבנס־קולטור, די זעלביקע תורת־החיים במשך דורות לאַנגע.

איז דאָך שוין סימבאָליש, אַז די וואָס האָבן טאַקע אונטערגעלענט משהס הענט, כדי די ייִדן זאָלן קענען באַזיגן עמלקן, זיינען געווען אַהרן און חור, ד״ה אַהרן — דער פאַרשטייער פון דעם דערוואַקסענעם דור און חור — מרימס זון, ד״ה אַהרן און משהס פּלימעניק, דער פאַרשטייער פון

יינגערן דור. און בשעת משה ווידער, דער פאָרשטייער פון עלטערן דור, האָט געהאַלטן אויפגעהויבן די הענט, האָט טאַקע אָנגעפירט דעם קאַמף גופא קעגן די עמלקים יהושע, זיין תלמיד, ווידער דער רעפּרעזענטאַנט פון יינגערן דור.

דאָס באַווייזט אונדז צום קלאָרסטן, אַז כדי צו באַזיגן אַלע יידישע שונאים און פאַרזיכערן די יידישע עקסיסטענץ, דאַרף קומען די געאיי־ניקטע און געמיינזאַמע אַקציע און דאָס צונויפרייסן און דאָס איינפאַרשטיין זיך פון יונג און אַלט, פון דער אַלטער און יונגער גענעראַציע.

דער עיקר דאַרף די יידישע דערציִונג זיין אַן עכטע און אַזעלכע וואָס זאָל פירן פון די שול־קלאַסן צו די יידישע לעבנס־רוימען.

דערצו קען נאָר מעגלעך זיין דאָס אַריינגעבן אַזאַ יידישקייט, וואָס זאָל קומען צום אויסדרוק אין דער יידישער פּראַקטיק און נישט אַזאַ וואָס בלייבט אין די שול־זאַלן און וועפּט זיך אויס נאָכן אַרויסגיין פון שול.

דאָס האָבן דאָך שוין וווּנדערלעך פאַרשטאַנען אונדזערע פאַריקע אָבות, וואָס האָבן געוווּסט אַז מען דאַרף די קינדער צוגעווינען און מחנך זיין זיי פון זייער פריסטער קינדהייט אין יידישע מצוות, אין יידישע מידות.

אָט, למשל, נעמט די יידישע ימים־טובים, וועט איר אומעטום געפי־נען אַז אונדזערע פאָלקס־לערערס און חכמים, ווי די ברייטע מאַסן, האָבן בעיקר געצילט צום יידישן קינד.

געגנוג צו דערמאָנען פסח מיט די פיר קשיות, געפרעגט דורך די קינ־דער, מיט די פיר זין פון דער הגדה, מיט די ניס — די קינדער זאָלן נישט אַנטשלאָפן ווערן; מיט דער הגדה וואָס דערציילט די קינדער די גאולה־עפּאָפּייע פון יציאת־מצרים, מיטן צוגנבענען דעם אַפיקומן, זיי זאָלן זיין וואַך ביזן סוף פון סדר. געגנוג צו דערמאָנען דעם ל״ג־בעומר, וואָס האָט בעיקר געטראָגן זיין כאַראַקטעריסטיק מיט די פייל־און־בויגן פון יידישע קינדער. פון שבועות, ווען זיי פלעגן אויספּוצן מיט גרינס די הייזער. סו־כות, ווען זיי פלעגן צוהעלפן אין דער סוכה־געבוי און טראָגן דעם אתרוג צו די שכנים. חנוכה — מיט געבן חנוכה־געלט יידישע קינדער און זייער דריידל־שפּיל. פורים — ווען זיי פלעגן שלאָגן המנען מיט די גראַגערס און טראָגן שלח־מנות צו קרובים און פריינד. אַלץ האָט געצילט מיטצו־באַטייליקן דאָס יידיש קינד אין דער לעבעדיקער און פּראַקטישער יידי־

שער טראַדיציע. זיי, די קינדער, זיינען עס פֿאָלגלעך געווען אָן אַנזעעוור־דיקער און אַקטיווער טייל אין ייִדישן לעבן און זיינען נאַטירלעכערווייז געווען די איבערנעמערס פון די ייִדישע ווערטן. אַזוי, אַז ווען זיי זיינען אַליין גרויס געוואָרן האָבן זיי איבערגעגעבן אָט די דאָזיקע ווערטן זייערע קינדער. אַזוי האָט זיך געפירט דורות, נאַטירלעך, עכט, שטופּעסווייז.

— און פאַר וואָס טאַקע נישט דערמאָנען, אַז מען פלעגט זיי פון קינד־ווייז־אָן פירן אין שול אַריין צו דאַוונען צוזאַמען מיט די טאַטעס און זיי־דעס, אַזוי אַז די דורות זיינען געווען אָרגאַניש צונויפגעבונדן, מיט די זעלביקע טראַדיציעס און פּראַקטיקעס, אָן דעם קינסטלעכן אָפּטייל פון יוגנטלעכע מנינים און עלטערע מנינים, יונגע ייִדישקייט און עלטערע ייִדישקייט, וואָס נעמט שוין באַלד אָן דיספּראָפּאָרציאָנירטע פּסיכאָז־פאַר־מען פון אַלט און יונג, ווו מען דאַרף אַלע מאָל עפּעס אויסקלערן, כדי די פאָרמען זאָלן נישט בלייבן „פאַרעלטערט" און זאָלן נאָכקומען די פאָדע־רונגען פון אָט דעם צייט־פּסיכאָז.

פאַרשטענדלעך, אַז בנוגע אַנדערע לעבנס־ענינים, קלובן וכדומה, דאַרפן אפשר זיין אָפּטיילונגען לויט דורות, לויטן עלטער, אָבער וואָס בנוגע די ייִדישקייט־פּראַקטיק און טראַדיציע זיינען דאָס שטענדיק און אייביק געווען צוזאַמען און דאָס האָט טאַקע געשאַפן די באַזעס פאַר קיום און המשך, ווען טאַטע און זון האָבן פּראַקטיצירט די זעלביקע ייִדישקייט. ווייל אַנדערש, וואָלט מען געדאַרפט ענדערן די נאַטור און אַלע וואָלטן באַדאַרפט ווערן אייביק יונג... אַפילו די יונגע אויך...

דאָס דאַרפן מיר אַלע געדענקען, אָפּגעזען פון די שטרעמונגען און ריכטונגען פון די באַטרעפנדיקע שולן, אַז ייִדישע דערציִונג טאָר נישט זיין קיין פאַרשווינדנדיקער עטאַפּ אין דעם לעבן פון דעם קינד, קיין גע־וויסער צייטאָפּשניט פון זיין קינדהייט און יוגנט, נאָר מוז ווערן די באַזע פאַר זיין ווייטערדיקן אָרגאַנישן איינגלידערן זיך אין דעם ייִדישן פאָלקס־יאָך, פאַר זיין פּערמאַנענטער ייִדישער אויסלעבונג. און דאָס קען מען נאָר דערגרייכן, ווען מען וועט דעם ייִדישן חינוך ריכטן, אַזוי ווי די פריִער־דיקע דורות, אין באַטייליקן דאָס ייִדישע קינד, פון זיין ערשטן טריט אינעם קינדערגאָרטן פון דער ייִדישער שול, אין די ייִדישע פּראַקטיקעס

און טראַדיציעס, בכדי די זעלבע זאָלן אים ווערן נאָענט און היימיש און זאָלן בילדן אַ טייל פון זיין אייגן ייִדיש לעבן אויף שטענדיק.

אַנדערש האָט די ייִדישע דערציִונג קיין שום האָפט נישט און עס גייען לאיבוד, ליידער צום גרויס באַדויערן, אַזוי פיל מי פון לערערס, עסקנים, פון דער געזעלשאַפט, וואָס זעט נאָך דעם נישט קיין פּאַרזיי און קיין נאָכוווקס און וואָס דאַרף נאָך דעם זיך באַקלאָגן אויף המשך, אויף יוגנט, אויף קיום אד״גל.

לאָמיר זיך ערנסט פאַרטראַכטן אין דעם און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן איינפלאַנצן אין אונדזערע קינדער די דרייערליי אמונות, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט, וואָס באַשטייט פון ייִדיש פילן, ייִדיש דענקען און ייִדיש טאָן און מקיים זיין.

לאָמיר גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג פון דורות, וועלן מיר נישט בלאָנדזשען. לאָמיר נישט עקספּערימענטירן אויפן חשבון פון די ייִדישע קינדער, אויפן חשבון פון ייִדישקייט, פון ייִדישן המשך, מעגן די עקספּע־רימענטן זיין די „מאָדע", די מעסיקסטע, די „ייִנגסטע" און די „מאָדערנס־טע". לאָמיר פאַר קיין פאַל נישט פאַרגעסן אַז מיר זיינען אַן אַלט פאָלק, און דאָס איז אונדזער שטאָלץ און אונדזער גלאָריע. לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז מיר פאַרמאָגן אַן אַלטן קולטור־ווייך, איז צו וואָס זוכן לייזונגען אין יונגע נישט־אויסגעשטאַנענע וויינען וואָס מאַכן אייליק די ייִדישע ציין, און פון איילקייט גליטשט מען זיך אַ מאָל אויס פון דעם עכטן און נאַטיר־לעכן דורותדיקן ייִדישן וועג פון ישראל־סבא.

לאָמיר, אַוועקשטעלן פאַר אונדז, ווי אַ לאָזונג און אַקסיאָמע, אַז די ייִדישע דערציִונג מוז פירן פון שול אין ייִדישן לעבן אַריין, פון דעם טעאָ־רעטישן צום פּראַקטישן, פון צייטווייליקן צום פערמאַנענטן. דאַן, נאָר דאַן, וועלן מיר ווייטער שפּינען און ווייטער ציִען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון ייִדישקייט, פון דעם אַזוי געגאַרטן ייִדישן קיום און המשך!

# די שול – אונדזער האָפענונג

אונדזער גאַנצע האָפענונג און בליק איז היינט געווענדט צו דער ייִדי־שער שול. נאָך קיין מאָל האָט די שול נישט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע ווי ביי די איצטיקע פאָלקס־באַדינגונגען און אין די לאָקאַלע אומשטענדן, ווען די שול דאַרף, ליידער, זיין אַלץ מיט אַנאַנד: סיי די שטוב, דאָס הייסט, די גייסטיקע ייִדישע אַטמאָספערע וואָס די ייִדישע היים וואָלט אים באַ־דאַרפט געבן, סיי די סביבה און סיי טאָקע די שול.

די שול האָט זיך, אַלזאָ, פאַרוואַנדלט אין דעם „בית יוצר לנשמת האומה״, אין דעם פורעם־הויז פון דער פאָלקס־נשמה און איז די כמעט איינציקע טאָן־געבערין און דרוק־לייגערין וואָס שטעמפּלט היינט אָפּ אין די מערסטע פאַלן די פיזיאָגנאָמיע פון אונטערוואַקסנדיקן דור.

אַזוי אַרום, אַז וועלכע עס זאָל נישט זיין די אָריענטאַציע, די ריכ־טונג און דער גייסטיקער דרך פון דער באַטרעפנדיקער שול, איז נאָך אַלץ דאָס גרויסע פּראָבלעם: — ווי מאַכט מען עס זאָל אַ וואָס גרעסערע צאָל ייִדישע קינדער באַזוכן אַ ייִדישע שול און אין אירע זאַלן געניסן פון דער ייִדישער דערציִונג.

ווייל דאָרטן ווו מיר האָבן שוין דאָס ייִדישע קינד, דעם טייערסטן פאָלקס־אוצר וואָס מיר פאַרמאָגן, די אָנשפּאַר־זיילן פון אונדזער מאָרגן, דאָרטן קענען מיר דיסקוטירן וועגן שיטות און וועגן אינהאַלט, ווי אויך וועגן גייסט פון דער שול, וועגן קלאָריט פון דעם חינוך וואָס דער תּל־מיד דאַרף באַקומען, וועגן דער אינטענסיווקייט פון די לימודים, ווי וועגן דער ייִדישלעכקייט פון זיין גייסטיקער געשטאַלטיקונג, וואָס זאָל אים צו־שמידן צו אונדזערע ווערטן און אים אַריינציִען אין דינסט פון ייִדישקייט

און פון ייִדישן לעבן. דאָס איז, ווי געזאָגט, נאָר דאַן ווען מיר האָבן דעם תלמיד ביי אונדז. אָבער ווי באַלד מיר פאַרמאָגן נישט דעם, וועמען מיר באַדאַרפן דערציִען, איז דאָך נישט שייך קיין שום דיסקוסיעס וועגן דעם אופן ווי אים מחנך צו זיין.

מיר קענען פאָדערן אויף דער באַזע פון אַ „יש" אָבער נישט פון אַן „אַין".

אַזוי אַז מיר שטייען נאָך אַלץ פאַר דער גרויסער פּראָבלעם פון כמות אײדער מיר ריידן נאָך פון איכות. דאָס הייסט — מיר דאַרפן נאָך אַלץ קעמפן פאַר די וועגן און מיטלען צוצוקומען צו דער ייִדישער שול פון דעם גרויסן פּראָצענט וואָס באַזוכט נישט אַזעלכע, און ערשט דאַן ריידן וועגן אייגנטלעכן ציל פון דער שול, וואָס דאָס מיינט די קוואַליטעט פון דער זעלבער.

און אויב מען וויל פאַרזיכערן דעם קיום פון אונדזער געמיינדע־לעבן, איז פאַראַן בלויז איין וועג דערצו: דער וועג צו דער ייִדישער שול.

עס וועט נישט זיין גענוג די קאָנסאָלידאַציע פון אונדזער געמיינדע־לעבן אויף אַנדערע געביטן, אויב מען וועט נישט קאָנסאָלידירן אָט דעם וויטאַלן לעבנס־וויכטיקן געביט, ווי דאָס איז דער ייִדישער חינוך פון אונדזערע קינדער. אַנדערש, שאָקלט זיך דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצן געמיינדע־געבוי.

זאָגט טאַקע די משנה: „באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים". ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָט מען דעם ערשטן אָדר אויסגערופן אַז מען דאַרף געבן די שקלים פאַרן אויפהאַלט פון ג'טס הויז, פאַר די פאַרשיידענע קרבנות און גלייכצייטיק האָט מען אָנגעזאָגט, מען זאָל אויסרייסן די נישט־גוטע וואָרצלען פון די פעלדער און וויינגערטנער.

פרעגט טאַקע אַ גדול: ווי קומט עפּעס שקלים צו כלאים, צו נישט־גוטע גראָזן?

און ער ענטפערט, אַז איינס איז אָפּהענגיק פון דעם צווייטן. בכדי צו פאַרזיכערן די עקסיסטענץ פון בית־המקדש איז נישט גענוג נאָר צו שפּענדן שקלים פאַר זיין מאַטעריעלער פאַרזיכערונג, נאָר דער עיקר איז טאַקע אויסרייניקן דעם אייגענעם פעלד און וויינגאָרטן פון פרעמדע גראָזן. דאָ ליגט טאַקע דער גרויסער אמת פון דער ייִדישער אויפפאַסונג

לגבי דעם פאָלקס קיום: מען קען נישט אויפהאַלטן בלויז דעם גייסטיקן קיום פון אונדזער אומה בלויז מיט שקלים אָדער מיט יעטוועדער אַנדע־רער מאַטעריעלער פאַרזיכערונג, בעת מען רייניקט נישט אויס דעם איי־גענעם פאָלקס פעלד פון שלעכטע וואָרצלען, פון פרעמדע איינפלוסן, פון נישט־גוטע גראָזן. ווען מען פאַרהיט נישט דעם אייגענעם באָדן פון דער פאַרפלייצונג פון אַסימילאַציע־געוויקסן, וואָס דאָס דערגרייכט מען בלויז ווען מען דערציט די ייִדישע קינדער אין ייִדישן גייסט, ווען מען רייסט־אויס די פאַרפרעמדונג־פלאַנצן פון אייגענעם גאָרטן דורכן פאַרפלאַנצן ייִדישקייט אין אונדזערע יונגע ביימעלעך, בכדי עס זאָל נישט קומען צו קיין „כלאים“, צו קיין אומגעוווּנטשענע צונויפמישונגען מיט אַנדערע ניט־גוטע גראָזן וואָס זאָלן שלאָגן וואָרצלען אין אונדזער פאָלקס פעלד.

און ריידנדיק וועגן בית־המקדש און וועגן פלאַנצונגען, איז טאַקע כדאי צו דערמאָנען יענע סימבאָלישע לערע פון דעם אויפבוי פון דעם משכן, ווען מען נעמט ברעטער האָבן געדאַרפט זיין „עצי שטים עומדים“ — פון שטייענדיקע שטים־האָלץ. פאַר וואָס האָבן די ברעטער געדאַרפט זיין שטייענדיקע און נישט האָריזאָנטאַלע, ד״ה ליגנדיקע? — ווייל זיי האָבן געדאַרפט זיין „דרך גדילתם“, לויט ווי די ברעטער, דאָס הייסט די ביי־מער פון וועלכע זיי ווערן גענומען וואַקסן, און ביימער וואַקסן דאָך שטיי־ענדיק, דאָס הייסט, די וואָרצלען אונטן און די בלעטער פון אויבן.

די זעלביקע זאַך איז בנוגע די פיר מינים אין סוכות; מען דאַרף זיי אויך האַלטן „דרך גדילתם“, לויט דעם ווי זיי וואַקסן.

דאָס איז אויך אַן אָנווונק בנוגע דער ייִדישער דערציִונג פון אונדזע־רע קינדער:

עס מוז זיין אַ חינוך „דרך גידלתם“, לויטן אמתן דורותדיקן ייִדישן וואַקסן, נישט קיין קאַפּויערדיקער: אַזאַ דערציִונג וואָס זאָל זיך נערן אונטן פון די וואָרצלען פון אונדזער טויזנט־יאָריקער קולטור, בכדי זי זאָל אַרויסגעבן די בלעטער, די בלומען און די גייסטיקע פּירות, אויך „דרך גדילתם“, לויטן ייִדישן געוויקס און געשמאַק, בכדי סיי דער ייִדישער גאָרטן ווי דאָס ייִדיש גייסטיק פעלד זאָל טאַקע אָנהאַלטן זיין ייִדישלעכן אויסזען, סיי די פלאַנצן זאָלן האָבן אַ ייִדישן טעם און זאָלן נישט אַרויסגעבן קיין

כלאים, ד"ה נישט האָבן עפּעס קיין פרעמדן צומיש פון פרעמדע געוויקסן, פון פרעמדע וויינגערטנער.

שטייען מיר פאַר די צוויי אומגעהייער וויכטיקע אַספּעקטן פון אונדזער חינוך־וועזן, וואָס דאָס זיינען: כמות, צום ערשטן צו הייבן די סטאַגנאַציע פון דער פּראָפּאָרץ יידישע שילערס וואָס באַזוכן אונדזערע שולן, פון דעם קינדערגאָרטן ביז דער הויכשול; און דער צווייטער אַספּעקט — פון איכות, פונעם קוואַליטעט פון אונדזער שול־וועזן, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע אונדזערע שטרעבונגען און אַלע האָפענונגען פון דעם ישוב בנוגע דער דערציִונג און דאָס איינפלאַנצן עכטע יידישקייט אין אונדזערע קינדער.

וועט דאָך נישט זיין איבעריק צו באַטאָנען, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט וואָלט זיך באַדאַרפט מאָביליזירן אין אַ געאייניקטער און פאַרשטאַרקטער אַקציע, אין אַ שטיבער־קאַמפּיין, ווו מען זאָל אָפּקלאַפּן די יידישע טיר און דאָס יידישע האַרץ, בכדי קיין איין יידיש קינד זאָל נישט בלייבן אויסער אונדזער יידיש שולוועזן, ווייל נישט איבערטרעטן קיין יידישע שול מיינט, היינט צו טאָג, ביי אונדזערע אומשטענדן און באַדינגונגען, נישט אַריינטרעטן אין יידישן לעבן בכלל. ווייל די יידישע שול איז דאָך דער בונד, דער קשר פון דעם יונגן דור מיט אונדזער פאָלק און זיינע וויוועצן און פּראָבלעמען און דורך איר איז צו האָפן אויף אַ ווייטערדיקן נאָכוווקס און המשך.

און ווידער אַ מאָל קערן מיר זיך אום צום משכן, וואָס מיר האָבן פריִער באַרירט:

ווען דער אייבערשטער האָט געהייסן אים אויפשטעלן, דעם משכן, האָט ער געזאָגט:

„ונועדתי לך שם ודברתי אתך מעל הכפורת, מבין שני הכרובים אשר על ארון העדות" — און איך וועל זיך דאָרט אַנטפּלעקן צו דיר און וועל ריידן מיט דיר פון איבערן דעק פון צווישן די צוויי כרובים וואָס איבער דעם אָרון פון געזעץ. ווי באַוווסט, האָבן די כרובים געהאַט דאָס געשטאַלט פון צוויי קינדער — אַ ייִנגעלע און אַ מיידילע.

און אויב דער אייבערשטער זאָגט־צו די יידן זיך צו אַנטפּלעקן צו זיי און מיט זיי זיך צו באַגעגנען אין זיין משכן, איז בלויז פון צווישן די צוויי

„כרובים״, בלויז פון צווישן יידישע קינדער קען קומען די ג־טלעכע אַנט־פלעקונג צום פאָלק.

ווייל בלויז דאָרט ווו די יידישע קינדער באַקומען אַ יידישע דער־ציונג, זיינען זיי עס די בריק און דער גורם אַז די שכינה זאָל רוען צווישן יידן און זאָל זיך אַנטפּלעקן צו דער יידישער אומה.

זאָגט טאַקע דער חובת הלבבות: „ועשו לי משכן — ושכנתי בתוכם״, זאָלן די יידן מיר מאַכן אַ הייליקטום און איך וועל רוען צווישן זיי. און וועלכער איז ג־טס מקדש? — דאָס איז „לב הנוער״, דאָס האַרץ פון דער יוגנט, וואָס אויב עס נעסטן זיך דאָרטן די יידישע אידעאַלן, קענען זייערע הערצער פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם יידישן גייסט־היכל פון אונדזער אומה ווו עס טוט רוען די שכינה.

יאָ, די יידישע שול איז עס דער דאָזיקער אינסטרומענט וואָס קען זיין דער „מכשיר לבבות״, דער צוגרייטער פון יידישע הערצער פאַרן משכן פון יידישן פאָלק.

לאָמיר דאָס גוט געדענקען און נעמען אין אַכט.

# לאָמיר צינדן דאָס ליכט!

ביים געבאָט פון אייבערשטן, אַז דער כהן־גדול זאָל תמיד אָנצינדן די מנורה, דעם נר־תמיד, מאַכט רש״י: „עד שתהא שלהבת עולה מאליה״ —ביז דער פלאַם וועט אויפגיין פון זיך אַליין.

האָט שוין אַ גוטער ייִד געטייטשט: אין יעדן ייִד איז פאַראַן אַ ניצוץ, אַ פונק. מען דאַרף אים נאָר אָנצינדן, וועט זיך דער פונק צעפלאַמען און אויפגיין.

מען דאַרף דעריבער נישט מיד ווערן, נישט אויפהערן צו צינדן דאָס ייִדישע ליכט, דעם ייִדישן פלאַם אין די ייִדישע נשמות; איבער הויפּט אין די נשמות פון ייִדישע קינדער, בכדי זיי זאָלן זיך אָנזאַפּן מיטן ייִדישן ליכט און זיך באַלייכטן מיט ייִדישקייט זייער גאַנץ לעבן.

געדענק איך, אַז איך האָב אַ מאָל געלייענט יענעם וווּנדערלעכן איינ־טייטש: דער געבאָט, מען זאָל שטענדיק צינדן די מנורה און רש״י זאָגט אַז מען זאָל אַזוי צינדן ביז דער פלאַם וועט פון זיך אַליין אויפגיין.

זעט עס אויס ווי אַ ווידערשפּרוך: אויב מען דאַרף שטענדיק צינדן, איז צו וואָס דאַרף דער פלאַם אויפגיין פון זיך אַליין? נאָר, — טייטשט ער אין — מען דאַרף אַזוי צינדן, אַז דער פלאַם זאָל פון זיך אַליין אויפ־גיין און קענען אויך שפּעטער, ווען דער אָנצינדער וועט מער נישט זיין, פאַרמאָגן אַליין אייגן ליכט, כדי די ווייטערדיקע דורות צו צינדן.

אָט אַזאַ דערציִונג דאַרפן מיר געבן אונדזערע קינדער: זיי אָנזאַפּן מיט ייִדיש ליכט און ייִדישן פלאַם, בכדי עס זאָל אין זיי אַליין און פון זיך אַליין אויפגיין דאָס ייִדישע ליכט, בכדי אויך זיי זאָלן קאָנען אָנצינדן, וואַרעמען און באַלייכטן די קומענדיקע דורות.

און דאָס דאַרף געטאָן ווערן פון דער פּריסטער יוגנט־אָן, בכדי דאָס פייער זאָל קענען אָנוואַרעמען זייערע הערצער, כל־זמן זיי זיינען אויפנעם־פּעזיק.

ווייל, — ווי עס זאָגט עס טרעפלעך דער פרק: צו וואָס איז געגליכן אַ קינד צום לערנען? — צו אַ גלאַטן נאָך נישט־פאַרשריבענעם פּאַפּיר־בויגן: דאַקעגן אַן עלטערער מענטש — איז געגליכן צו אַ פאַרמעקטן פּאַפּיר.

האָט שוין אַ דענקער געפרעגט:

— פאַר וואָס האָבן די כרובים געדאַרפט האָבן דאָס געשטאַלט פון קינדער און פאַר וואָס האָבן זיי געדאַרפט זיין „מקשה", אויסגעאַרבעט פון איין שטיק גאָלד, פון זייער דעק און נישט צוגעקלעפּט און פאַרלייט צו דער דעק?

ווייל דאָס סימבאָליזירט צום בעסטן, אַז נאָר קינדער קענען ווערן „מקשה", איין שטיק צו דער דעק פון אָרון־קודש. נאָר ווען מען לערנט ווען מען איז יונג, קען מען אָרגאַניש אַרויסוואַקסן, ווי איין שטיק, פון אונדזערע ווערטן און מען איז געגליכן צו אַ גלאַט נאָך נישט פאַרשריבענעם פּאַפּיר. דאַקעגן, וואָלטן די כרובים וואָס האָבן פאַרדעקט דעם אָרון העדות געווען גיהאַט דאָס געשטאַלט פון דערוואַקסענע מענטשן, וואָלטן זיי נישט געקענט זיין „מקשה", צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אָרון־הקודש, נאָר וואָלטן געווען ווי אַ פאַרמעקט פּאַפּיר, ווי מעטאַל־שטיקער וואָס מען מוז שוין צולייטן, צוקלעפּן, ווייל ס'איז נישט גלייך איינער וואָס לערנט אַלס קינד, ווי איינער וואָס הייבט ערשט אָן לערנען, אַלס גרויסער.

און דערביי דאַרף מען שוין געדענקען דאָס וואָס מען שטרייכט־אונטער שטענדיק:

דער וואָס גייט אָנצינדן אַנדערע ליכט, דאָס הייסט, וואָס ווערט אַ „מדליק", דאַרף אַליין פאַרמאָגן פייער און ליכט. אַנדערש קען מען נישט קיין אַנדערע ליכטלעך אָנצינדן. די ערשטע לערע איז מיטן אייגענעםביישפּיל.

הייבט זיך טאַקע אָן דער אָנזאָג וועגן אָנצינדן די מנורה מיט די ווערטער:

„ואתה תצווה" — דו זאָלסט באַפעלן. האָט שוין אַ רבי געזאָגט:

— פריִער שטייט „אתה" — דו, און נאָכהער „תצווה". איידער דו געביטסט אַנדערע, מוזסטו פריִער אַליין פאַרמאָגן אייגענעם פלאַם.

אונדזער גאַנץ חינוך־וועזן דאַרף זיין באַזירט אויפן „אתה" און נאָך דעם אויפן „תצווה" אַנדערע. אַ חינוך אויף דעם סמך פון אייגענעם ביי־שפּיל און מוסטער און מוז זיין „מקשה", אַן אָרגאַנישער חינוך, אָן קינסט־לעכקייט און אָן געמאַכטקייטן און נאָכמאַכונגען, נאָרף דאַרף אַרויסקוואַלן פון דעם אורשפּרונג פון אונדזער אומה, פון זיינע עכטסטע טראַדיציעס און דורותדיקע זאַפטן.

אַזאַ דערציִונג וואָס זאָל זיך נישט שטיצן אויף פריידיקן און אויפן לערנען „וועגן" יידישקייט, „וועגן" טראַדיציע, „וועגן" אַ יידישן יום־טוב, „וועגן" אַ יידישן שבת, „וועגן" אַ יידישער תפילה, נאָר טאַקע בעיקר — אַליין דורכלעבן, סיי דער לערער ווי דער שילער, דאָס וואָס מען לערנט.

ווייל דאָס וואָס מען לערנט „וועגן", עפּעס ווערט צערונען און פליט־אַרויס פון זכרון אויב מען פּראַקטיצירט עס נישט, בעת דאָס וואָס מען לעבט־איבער נאַטירלעך, בלייבט ווי אַ טייל פון איינעם, ווי אַן אמתער דורכלעבן און דרינגט־אַריין אין אייגענעם בלוט און זאַפּט זיך איין אין אייגענעם געמיט אויף שטענדיק.

איך געדענק ביז היינט צו טאָג יענע אויסטערלישע איבערלעבונג, אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ, ווו איך האָב געדאַרפט פאָרשטעלן אַ חשובן לעקטאָר פון ישראל, וואָס האַלט פון מאָל צו מאָל פאָרטראָגן איבער תנ"ך אין דער ישראלדיקער ראַדיאָ. די אַנאָנסירטע טעמע זיינע איז גע־ווען: „רש"י — דער געניאַלער מפרש". מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע און עס איז גראָד געקומען אַ גרויסער עולם. אָבער ווי דערשטוינט זיינען מיר אַלע געוואָרן, ווען דער חשובער לעקטאָר האָט אָנגעהויבן זיין פאָרטראָג, מער־ווייניקער, מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

חשובע פריינד! מיין טעמע איז היינט רש"י. אָבער איך וועל נישט ריידן „וועגן" רש"ין, ווייל רש"ין דאַרף מען לערנען און נישט ריידן וועגן אים. און אָנשטאָט צו ריידן וועגן רש"י, האָט דער לעקטאָר זיך גאָר אַ קערעווע געטאָן צו ריידן בכלל וועגן יידישקייט און יידישן שטייגער־לעבן, אַזוי אַז דער חשובער עולם וואָלט דאַן גאָר אַ צופרידענער געווען, ווען דער רעדנער רעדט דווקא יאָ „וועגן" רש"ין...

און אַזוי איז אויך בכלל וועגן יידישן קינד. עס איז נישט געַנוג צו ריידן פאַר די קינדער וועגן אַ טעמע, לאָמיר זאָגן, וועגן אַ יום־טוב, נאָר טאָקע מאַכן פילן די קינדער דעם יום־טוב זעלבסט.

ס'איז נישט גענוג צו צייכענען אויף אַ קאַרטולין אַ טראַדיציע־מאָ־טיוו, נאָר טאָקע די קינדער אַריינפירן אין דעם שטייגער־לעבן גופא.

איך געדענק, אַז זייענדיק דירעקטאָר פון אַ פאָלקס־שול, איז ווען די לערערס האָבן מיך געבעטן מען זאָל זיי קויפן קאַרטולין צו צייכענען המן־טאַשן לכבוד פורים, האָב איך, אַנשטאָט דעם, געהייסן באַשטעלן פאַר אַלע תלמידים אמתע המן־טאַשן. איבעריק צו זאָגן, אַז די קינדער האָבן אי געהאַט אַ גרעסערע הנאה דערפון, אי זיי וועלן שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן וואָס איז אַזוינס אַ המן־טאַש...

אָדער אַז עס איז געקומען סוכות, האָט מען די קינדער געהייסן אַריינגיין ממש אין אַן אמתער סוכה און דאָרטן פאַרברענגען.

אָדער אַז די קינדער האָבן געלערנט וועגן תפילין אין אַ דערציילונג, האָט זיי די לערערין אַריינגעפירט אין אַ דערבייאיקער שול, ווו דער שמש האָט זיך פאַר זיי אָנגעטאָן תפילין...

יאָ, מיינע פריינט, נישטאָ קיין בעסערע זאַך אין חינוך, איבערהויפּט אין יידישן חינוך, ווי עכטע, נאַטירלעכע איבערלעבונגען, און בלויז דאָס קען געבן פּרוכטן, אויך אמתע און נאַטירלעכע פּרוכטן, נישט קיין אַרטיפיציעלע.

דאָס אַלץ איז נישט קיין שום פּרעדיק, נאָר די פּרוכט פון פּעדאַגאָ־גישער עקספּעריענץ, וואָס יעדער מחנך ווייסט עס און אַנט־דאָס און האָט דאָס צו פאַרצייכענען אין זיין פּראַקטיק און אומגאַנג מיט שילערס.

ביי די תפילין שטייט טאָקע: „וקשרתם לאות על ידך" „והיו לטוטפות בין עיניך", דו ווערסט זיי אָנבינדן אַלס צייכן אויף דיין האַנט, דאָס הייסט, פריער וועט דאָס זיין אַ צייכן אויף דיין אייגענער האַנט, לעבן דיין אייגע־נעם האַרצן, און נאָכדעם וועלן זיי זיין פאַר אַ שטערנבאַנד צווישן דיינע אויגן", וועלן זיי זיין אַ צייכן פאַר אַנדערע.

ביים דערציִען דאָס קינד, מוז פריִער די דערציִונג זיין אייגן דעם דערציִער, ביים אָנצינדן מיט יידיש ליכט די נשמה פון אַ קינד, מוז

פריִער דער צינדער זיין באַלויכטן מיט אונדזער טויזנטיעריקער ליכט בכדי די ייִדישע מנורה זאָל ברענען העל און זאָל זיין אייביק.

לאָמיר דאָס גוט געדענקען, לאָמיר טאַקע נישט מיד ווערן אין אונדזער אַרבעט פון אַליין זיך דערוואַרעמען ביים אייביקן ייִדישן פייער און אָנצינדן דערמיט דעם ים פון ייִדישע נשמות פון אונדזערע קינדער, ווייל סוף־כל־סוף איז דאָס אונדזער בעסטער שכר, און די שענסטע אויפגאַבע אין אונדזער מיסיע. לאָמיר טאַקע נישט פאַרגעסן, אַז יעדע ייִדישע נשמה באַזיצט, ווי אויבן געזאָגט, דעם טייערן ייִדישן ניצוץ, מען דאַרף אים בלויז צעטליִען, צעפלאַמען, וועט דער פלאַם אויפגיין פון זיך אַליין.

לאָמיר צינדן דאָס ליכט!!!

## ביכער פון זעלבן מחבר:

ציוניסטישע פיגורן — 196 זייטן, 1953.

צייטמאָטיוון — 200 זייטן, 1957.

באַטראַכטונגען פון דער נאָענט — 174 זייטן, 1961.

אויף אייגענע וועגן — 232 זייטן, 1965.

**איבערזעצער פון** יזכור־בוך די קהילה פון האָראָדלאָ, **פון העברעיִש אויף יידיש, דערשינען אין תל־אָביב, 328 זייטן, 1966.**

Este libro se terminó de imprimir
el día 4 de octubre de 1968, en los
Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos."
S. R. L., San Luis 3149, Buenos Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
© by **RABINO MORDEJAI HERBST**
BUENOS AIRES

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

RABINO MORDEJAI HERBST

# EN EL ESPIRITU DE GENERACIONES

(IN GAIST FUN DOIRES)

●

Buenos Aires, 1968